STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01191

OYF DI VEGN FUN TSION

Kadia Molodowsky

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Ann, David, Jill, Greg & Stan Gottesman
in memory of Lillian Gottesman's parents,
Chava & Henry Goldman of Hebron, CT

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף די וועגן פון ציון

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן
מיט דער הילף פון חבר און חברה
משה לייב און עמאַ שייווער
דעטראָיט, מישיגען

אויף די וועגן פון ציון

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

אַרויסגעגעבן פון

פנחס גינגאָלד פאַרלאַג

ביים

נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן

פון דער

ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע

תשי״ז — ניו יאָרק, נ. י. — 1957

OIF DI VEGEN FUN ZION

(On the Roads of Zion)

Published by

PINCHAS GINGOLD PUBLISHING FOUNDATION

of the

NATIONAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS, INC.

45 EAST 17TH STREET NEW YORK 3, N. Y.

Copyright 1957 *by*

NATIONAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS, INC.

NEW YORK, N. Y.

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in the U.S.A. by

SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.

NEW YORK 3, N. Y.

אינהאַלט

ארײנפיר 5
אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער........ 7
ירושלים 11
צפת 25
טבריה 35
רבי יהודה הלוי 47
דער רמב״ן 53
ר׳ ישראל שקלאָווער 59
שליחים פון ארץ־ישראל........ 65
די ביל״ויים 71
רחובות 79
חדרה 85
ד״ר טעאָדאָר (בנימין זאב) הערצל 91
די צווייטע עליה 103
א. ד. גאָרדאָן 111
„השומר״ 117
אַרבעטער קאָלעקטיוון 125
די קבוצה כנרת 131
דגניה 139
מרחביה 149
בערל קאַצענעלסאָן 159

ד״ר חיים ווייצמאַן 167
יאָרן פון קריג און פיין.................... 185
דער יידישער לעגיאָן 195
י. ח. ברענער 217
תל־חי — דאָס ליכט פון גבורה 221
די דריטע עליה 229
עין חרוד 235
נהלל 245
די הסתדרות 255
הגנה 263
מגדל וחומה 273
קאַפּיטאַן ווינגייט 281
שיפן מיט יידן איבער ימים 285
ארץ־ישראלדיקע יידן אין דער ענגלישער אַרמיי 297
די פּאַראַשוטיסטן 305
ברידער באַגעגענען זיך 315
די פאַראייניקטע פעלקער באַשליסן וועגן אַ יידישער מדינה;
די מלחמה פאַר באַפרייאונג 319
די גרינדונג פון מדינת ישראל........................ 331
דוד בן־גוריון 343
די כנסת 353
קיבוץ־גלויות 357

אַרייַנפיר

אין די פריערדיקע דורות האָבן זיך יידישע קינדער דערצויגן אין אַ סביבה וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט דער בענקשאַפט צו ארץ־ישראל, צו ציון. דער באַרג כרמל, דער טייך ירדן און די אייביקע שטאָט ירושלים זיינען געווען אַזוי נאָענט ווי די ערד אויף וועלכער מען גייט, ווי דער טייך פון וועלכן מען נעמט וואַסער. דאָס קינד האָט געלעבט און געאָטעמט מיט דער לאַנדשאַפט און די געשטאַלטן פון חומש — מיט די אבות און די העלדן פון אַמאָל; די פאַרבינדונג מיטן יידישן עבר איז פאַרן קינד געווען אַ נאַטירלעכע און די האָפענונגען פון יידישן פאָלק האָט דאָס קינד איינגעזאַפּט מיט דער לופט פון זיין היים, וואו איבער דער טיר איז שטענדיק געווען דער צייכן פון חורבן בית־המקדש און די תפילות פון שיבת־ציון זיינען געווען זיין געבעט פון קינדווייז אָן.

איצט לעבן מיר אין פאַרשידענע לענדער, אין אַ סביבה וואָס האָט ניט מער די אַלע אייגנשאַפטן. דאָס יידישע קינד אין אַ סך היימען ווייס זייער ווייניק פון זיין יחוס־בריוו פון אַמאָל און ער האָדעוועט זיך אָן פליגלען פון פאָלקס־חלום און אָן פעסטונגען פון האָפענונג.

מיט דעם בוך „אויף די וועגן פון ציון" האָפן מיר איבערצוגעבן די יונגע לייענער אָט די בענקשאַפט פון יידן פון אַלע דורות צו ארץ־ישראל, צו ציון — דעם פאָלקס־חלום. די קינדער וועלן זיך דערוויסן און אפשר אויך דערפילן, אַז אויף די וועגן פון ציון זיינען יידן געגאַנגען אין אַלע צייטן פון אַלע לענדער וואו זיי האָבן געוואוינט, פון ספרד, פון פּאָרטוגאַל, פון נידערלאַנד, פון דייטשלאַנד, פון איטאַליע, פון טערקיי, פון רוסלאַנד, פון פּוילן און פון ליטע. זיי וועלן אפשר דערפילן די טייכן יידישע טרערן און די טריט פון די יידישע וואַנדערער, וואָס האָבן געאַקערט די לענדערייען פון דער וועלט און זיך געצויגן צום לאַנד פון די אבות, צו ציון.

מיר ווילן זיי ברענגען נענטער צו די געשטאַלטן פון די ביל"ויים און די חלוצים פון אונדזער צייט, וואָס זיינען געגאַנגען אין דער מדבר אויס ליבשאַפט צו ציון און דאָרט געבויט דערפער און שטעט. זיי זיינען אויסגעשטאַנען הונגער און דאָרשט, קראַנקייטן און געפאַרן צוליב שיבת־ציון, צו אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל.

זיי זאָלן באַגרייפן די בענקשאַפט פון יהודה הלוי און די גבורה פון יוסף טרומפעלדאָר; די געטריישאַפט פון שׂרה מלכין און די עקשנות פון א. ד. גאָרדאָן —

אויב צו די יונגע לייענער וועט דערגרייכן אַ שטראַל פון די יידישע בענקשאַפטן און אַ פונק פון חלוצישן פלאַם און וועט דערוואַרעמען זייערע הערצער מיט דער יידישער ליבשאַפט צו ציון, צו דער אויפגעקומענער מדינת ישראל — דעם אויסגעציטערטן חלום פון יידישן פאָלק — אויב מיר וועלן דאָס מיט גאָטס הילף דערגרייכן — איז דיינו. מיר האָפן און מיר זיינען מתפלל, אַז דאָס בוך זאָל אויסנעמען ביי די יונגע לייענער. געוויס קען אַ בוך ניט פאַרבייטן דעם אָטעם פון אַ לעבעדיקער סביבה, מיר גלויבן אָבער אַז יידישע קינדער זיינען פעאיק דורך איינצלנע פונקען וואָס דערגייען צו זייער באַוואוסטזיין דערפילן די גאַנצע וואָג און אחריות פון זיין אַ ייד.

ק. מ.

אַ וואָרט פון די ארויסגעבער

דאָס בוך „אויף די וועגן פון ציון" איז אַ באַשיידענער ביישטייער פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג צו דעם לימוד ארץ־ישראל אין יידישע לערן־אינסטי־טוציעס.

שוין אַ לענגערע צייט ווי די לערער פון די יידישע פאָלקשולן און אַנדערע יידישע מחנכים פילן דעם מאַנגל אין פאַסיקער ליטעראַטור, געשריבן פאַר קינדער, וואָס זאָל באַקענען דעם תלמיד מיט די בענקעניש פון דעם יידישן פאָלק פאַר שיבת ציון דורך אַלע דורות און באַזונדערס וועגן דעם אומקער פון יידן קיין ארץ־ישראל אין דער לעצטער תקופה, וואָס האָט געפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה.

דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן האָט אויף דער איניציאַטיוו פון חבר פנחס גינגאָלד ע״ה, קורץ פאַר זיין טויט, באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ בוך וואָס זאָל אויספילן דעם דאָזיקן בלויז. די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי איז באַאויפטראַגט געוואָרן אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע בוך.

עס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן די הויפּט־ליניען פאַר דעם אינהאַלט פון דעם בוך: דאָס בוך דאַרף איבערגעבן וועגן די עליות קיין ארץ־ישראל פון גרויסן יידן און פשוטע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע היימען און דורך די גרעסטע שוועריקייטן און געפאַרן געקומען קיין ארץ־ישראל.

און דער עיקר דערציילן די הערלעכע עפּאָפּיי פון די לעצטע דורות — פון ביל״ו ביזן היינטיקן טאָג — וועגן חלוציש׳ער אַרבעט, וועגן קאָלאָניזאַציע און וועגן לעבן אין די קבוצות, קיבוצים און מושבים, וועגן דער אַנטוויקלונג פון ישובים און שטעט, וועגן קאַמף פאַר באַפרייאונג און וועגן פערזענלעכ־קייטן וואָס האָבן פאָרמירט דעם ציוניזם און די יידישע מדינה.

דער נאַציאָנאַלער שולן־קאָמיטעט דריקט אויס אָנערקענונג צו דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי פאַר דער גרויסער מי און ליבשאַפט וואָס זי האָט אַריינגעלייגט אין דעם בוך. עס האָט זיך געגוויטיקט, און דער אינהאַלט באַווייזט עס, אַ סך פאָרשונגס־אַרבעט פון קלייבן דעם מאַטעריאַל פאַר דעם בוך און אַ ספּעציעלע באַמיאונג איבערצוגעבן דעם מאַטעריאַל אין מעשה־פאָרם און אין אַ שפּראַך וואָס זאָל זיין צוגעגלעך פאַר יונגע לייענער.

דאָס בוך „אויף די וועגן פון ציון" איז נישט קיין טעקסט־בוך אין דעם אָנגענומענעם זין, עס איז נישט קיין געשיכטע פון ציוניזם אָדער פון ארץ־ישראל. עס זיינען אָבער יאָ אַריינגעאַנגען אין דעם בוך געשיכטלעכע פּרטים וועגן ציוניזם, וועגן דער אַנטוויקלונג פון ישוב און וועגן אַ גאַנצער ריי פּער־זענלעכקייטן וואָס האָבן געווירקט אין ציוניזם און אין ישוב.

דער הויפּט־צוועק איז געווען אַרויסצוגעבן אַ לייען־בוך וואָס זאָל געבן דעם יידישן קינד אַן אַלגעמיינעם באַגריף וועגן דער דורות־לאַנגער צוגע־בונדנקייט פון דעם יידן צו ארץ־ישראל און אַרויסרופן ביים תּלמיד טיפע עמאָציעס אַז ער זאָל האָבן אַ באַגער זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער אידיי פון שיבת־ציון.

***

די רעדאַקציע־קאָלעגיע פון בוך איז באַשטאַנען פון י. מ. בידערמאַן, ל. רובינשטיין און ש. שאַפּיראָ, און פון פּנחס גינגאָלד ע"ה וואָס האָט זיך ענערגיש באַטייליקט אין אויסאַרבעטן דעם אינהאַלט פון בוך.

מיר ווילן באַדאַנקען די פאַרוואַלטערין פון דעם ציוניסטישן אַרכיוו און ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק, מרס. סילוויא לאנדרעס, און אירע מיטאַרבעטערינס פאַר זייער פריינטלעכער הילף ביים קלייבן דעם מאַטעריאַל און פאַר באַזאָרגן בילדער פאַר דעם בוך.

עס קומט אויך אַ ספּעציעלן דאַנק דר. יצחק ריבקינד, פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, פאַר זיינע וויכטיקע אָנווייזונגען ביים זוכן דעם מאַטעריאַל און פאַר דער דערלויבניש צו נוצן בילדער פאַר דעם בוך.

מיר ווילן אויך באַדאַנקען דעם קרן קימת לישראל און די יידישע אָפּטיי־לונג פון דער ניו־יאָרקער שטאָטישער ביבליאָטעק פאַר דערלויבן אונדז אויסנוצן אַ צאָל בילדער פאַר דעם בוך.

דער שער־בלאַט איז געצייכנט פון דעם מאָלער ע. מ. וויינער.

נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פון די יידישע פאָלקשולן
פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין אַמעריקע

ל. רובינשטיין, דירעקטאָר


Map of
ISRAEL ישראל
N
S
METULLA
KFAR GILADI
DAFNA
SULAM TZOR
HANITA
MERON
NAHARIYA
GALILEE
SAFAD
HULA VALLEY
SYRIA
עכו
ACRE
חיפה
HAIFA
KIRYAT HAYIM
TIBERIAS
LAKE TIBERIAS
EIN GEV
YARMUK RIVER
ATLIT
NAZARETH
NAHALAL
DEGANYA
MT. TABOR
AFULA
AFIKIM
ZIKHRON YA'AKOV
EIN HAROD
PARDESS HANNA
BET ALFA
HADERA R.
JENIN
BEISAN
HADERA
Mediterranean Sea
ים התיכון
NATANYA
TULKARM
KFAR SABA
YABOK RIVER
HERZLIYA
YARKON
תל אביב
TEL AVIV
JAFFA
PETA TIKVA
NABLUS (Shekhem)
BNAI BRAK
HOLON
JORDAN
LYDDA
RAMALLAH
RISHON LE ZION
RAMLE
JERICHO
REHOVOT
ירושלים
YAVNE
JERUSALEM
MIGDAL ASCALON
BETHLEHEM
DEAD SEA
חברון
LACHISH
HEBRON
GAZA
EIN GEDI
MASADA
BE'ERSHEBA
NIRIM
SODOM
סדום
DIMONAH
GEVULOT
N E G E B
NITZANA
WADI RAMAN
E G Y P T
J O R D A N
EILATH

ירושלים



על חומותיך, ירושלים, הפקדתי שומרים כל היום וכל הלילה. תמיד לא יחשו המזכירים את ד׳, אל דמי לכם ואל תתנו דמי לו עד יכונן ועד ישים את ירושלים תהלה בארץ.

(ישעיה ס״ב)

אויף דיינע שוץ־מויערן, ירושלים, האָב איך באַפוילן וועכ־טער אויף טאָג און אויף נאַכט. עס וועלן ניט שווייגן קיינמאָל די וואָס דערמאָנען גאָט. רוט ניט און איר זאָלט ניט לאָזן רוען ביז ער וועט אויפריכטן און דערהויבן ירושלים צו דער לויב פון דער וועלט.

ירושלים איז דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק. אין ירושלים איז געשטאַנען דער בית־המקדש, וואָס שלמה המלך האָט אויסגעבויט. אין ירושלים זיינען געווען די יידישע מלכים. דאָרט זיינען געווען די נביאים, וואָס גאָט האָט גערעדט צו זיי. אין ירושלים רוט די שכינה. ירושלים איז הייליק. עטלעכע נעמען האָט ירושלים. ווען מען זאָגט די „הייליקע שטאָט", הייסט עס: ירושלים. ווען מען זאָגט די „אייביקע שטאָט", הייסט עס: ירושלים. ווען מען זאָגט די „געטלעכע שטאָט", הייסט עס: ירושלים. קיין שטאָט אויף דער וועלט רופט מען ניט מיט די נעמען, בלויז ירושלים.

זייער אַלט, אוראַלט, איז ירושלים. דוד המלך האָט געמאַכט ירושלים פאַר זיין הויפּט־שטאָט. רופט מען ירושלים אויך „די שטאָט פון דוד המלך". שלמה המלך האָט געבויט דעם בית המקדש אין ירושלים. דער בית המקדש איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. רופט מען דעם באַרג „הר הבית", דער באַרג פון דעם בית המקדש.

דריי מאָל אַ יאָר פלעגן די יידן פון ארץ ישראל עולה זיין קיין ירושלים, צום בית המקדש: אויף פּסח, אויף שבועות און אויף סוכות. דאָס האָט געהייסן עולה רגל זיין. זיי פלעגן גיין צופוס, צוליב דער הייליקייט פון דעם גאַנג צום בית המקדש. זיי האָבן געבראַכט אין בית המקדש די ערשטע פרוכט פון זייערע פעלדער און וויין־גערטנער. זיי האָבן געבראַכט שאָף און רינדער אויף קרבנות. פריילעך זיינען געווען די טריט פון די יידן, ווען זיי זיינען געגאַנגען קיין ירושלים. פיר און דרייסיק ברינימער זיינען געווען אויפן הר־הבית, כדי דאָס פאָלק וואָס קומט צום בית המקדש זאָל האָבן וואַסער. אַ רוישיקע שטאָט איז געווען ירושלים. צוליבן בית המקדש האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק געצויגן אַהין.

די רוימער מאַכן חרוב ירושלים

צוויי מאָל איז חרוב געוואָרן ירושלים. איינמאָל האָבן די באַבי־לאָנער חרוב געמאַכט ירושלים און צעשטערט דעם ערשטן בית

המקדש. דעם צווייטן מאָל האָבן די רוימער חרוב געמאַכט ירושלים. דריי יאָר האָט אספּאַסיאַנוס באַלאַגערט די שטאָט. אין שטאָט איז ניט געווען קיין וואַסער און קיין ברויט. די באַפעלקערונג איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. ירושלים איז געפאַלן. די רוימער האָבן חרוב געמאַכט די שטאָט און פאַרברענט דעם צווייטן בית המקדש. דאָס איז געשען אין יאָר 70 פון ערשטן יאָרהונדערט. זיי האָבן פאַרבאָטן אַ יידן צו זיין אין דער חרובער שטאָט. די רוימער האָבן אַוועקגעשטעלט אין ירושלים די סטאַטועס פון זייערע געטער.

דער גרויסער תנא ר׳ יוחנן בן זכאי איז אַוועק מיט זיינע תלמידים קיין יבנה און האָט מיט זיי דאָרט געלערנט.

רבי יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט צום פאָלק: כאָטש ירושלים איז חרוב, און דער בית המקדש איז פאַרברענט — איז ירושלים הייליק און דאָס אָרט וואו עס איז געשטאַנען דער בית המקדש איז הייליק. דריי מאָל אַ יאָר דאַרפן יידן עולה רגל זיין קיין ירושלים. זאָל ניט פאַרשטומט ווערן דער קלאַנג פון די טריט פון די עולי רגל קיין ירושלים. און אַזוי האָבן יידן געטאָן. דריי מאָל אַ יאָר זיינען זיי עולה געווען צו דער חרובער שטאָט ירושלים. די רוימער האָבן פאַרבאָטן די יידן אַרויפגיין אויפן הר הבית. זיינען זיי געשטאַנען פון דער וויטן, געקוקט אויפן הר הבית, אויף דעם אָרט וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָבן אויסגעצויגן די הענט מיט געוויין און באַקלאָגט דעם חורבן.

דער טאָג ווען עס איז חרוב געוואָרן ירושלים איז תשעה באב. קיינמאָל, קיינמאָל האָבן יידן נישט פאַרגעסן דעם חורבן ירושלים. אין משך פון די אַלע יאָרן ביזן היינטיקן טאָג, אין ניינטן טאָג אין חודש אָב, תשעה באב, פאַסטן יידן און טרויערן. מ׳טוט אויס די שיך, מען זעצט זיך אויף נידעריקע בענקלעך, אָדער אויף דער ערד. מ׳צינדט אָן ליכט און מיט געוויין זאָגט מען קינות, אויפן חורבן פון ירושלים.

די רוימער ווילן אויסמעקן דעם נאָמען ירושלים

צוויי און זעכציק יאָר נאָכן חורבן ירושלים האָבן די יידן פון ארץ ישראל אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד קעגן דער שטאַרקער רוי־

מישער אימפעריע. בר כוכבא האָט געפירט דעם אויפשטאַנד. האָט געזאָגט דער גרויסער תנא רבי עקיבא: „אַ שטערן איז אויפגעקומען אין יהודה, ער, בר כוכבא, איז משיח". און רבי עקיבא האָט גערופן דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד. דאָס איז געווען אין צווייטן יאָרהונדערט. די רוימער זיינען דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע אימפעריע אויף דער וועלט. זיי האָבן דערשטיקט דעם יידישן אויפשטאַנד. דער שטערן פון אויפשטאַנד — בר כוכבא איז אומגעקומען מיט זיינע חברים אין דער פעסטונג ביתר. אַ פינצטערניש איז אַראָפּ אויפן יידישן פאָלק.

דער רוימישער קייסער אַדריאַנוס האָט מיט צאָרן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף ירושלים. ער האָט צעבראָכן אירע מויערן און האָט פאַר־אַקערט די ערד. קיין סימן זאָל נישט בלייבן. ער האָט פאַרבאָטן די יידן צו קומען קיין ירושלים. ער האָט אויסגעבויט אַ וואַנט אַרום ירושלים, און האָט באַפוילן, אַז אויב אַ ייד וועט וואַגן צוקומען צום טויער פון ירושלים, זאָל מען אים טויטן.

אָבער די יידן האָבן ניט געפאָלגט. באַהאַלטענערהייט זיינען זיי עולה רגל געווען קיין ירושלים.

רבי עקיבא און זיינע חברים זיינען עולה רגל קיין ירושלים

רבי עקיבא, רבי אליעזר און רבי יהושע זיינען עולה רגל געווען קיין ירושלים. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום באַרג צופים האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער. ווען זיי זיינען דערגאַנגען צום הר הבית, וואו דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָבן זיי דערזען ווי אַ פוקס איז אַרויסגעלאָפן פון די חורבות. האָבן רבי אליעזר און רבי יהושע אָנגעהויבן וויינען, און רבי עקיבא האָט געלאַכט. האָבן זיי אים גע־פרעגט: פאַרוואָס לאַכסטו? האָט זיי רבי עקיבא געענטפערט: פונקט ווי עס איז מקויים געוואָרן די נבואה, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן און פוקסן וועלן דאָרט אַרומלויפן, אַזוי וועט מקויים ווערן די נבואה, אַז ירושלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערן. ירושלים וועט זיין אַ באַ־פעלקערטע שטאָט. אַלטע פרויען און מענער וועלן נאָך זיצן אויף די גאַסן פון ירושלים. האָבן זיי אים געזאָגט: דו האָסט אונדז געטרייסט, רבי עקיבא.

די „אבלי ציון"—די יידן וואָס האָבן באַקלאָגט דעם חורבן בית המקדש

פון גרויס צער, וואָס ירושלים איז חרוב געוואָרן, האָבן אַ סך יידן אויפגעהערט עסן פלייש און טרינקען וויין. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די פאַרגעניגנס פון לעבן און האָבן געקלאָגט אויפן חורבן ירושלים. האָט צו זיי געזאָגט רבי יהושע: פאַרוואָס עסט איר נישט קיין פלייש? האָבן זיי אים געענטפערט: ווי קענען מיר עסן פלייש, אַז עס איז פאַרברענט ירושלים און חרוב דער בית המקדש? האָט ער זיי געפרעגט: פאַרוואָס טרינקט איר נישט קיין וויין? האָבן זיי אים געענטפערט: ווי קענען מיר טרינקען וויין, אַז דעם וויין פלעגט מען גיסן אויפן מזבח, און איצט איז חרוב ירושלים און פאַרברענט דער בית המקדש און צעבראָכן דער מזבח. האָט צו זיי געזאָגט רבי יהושע: אויב אַזוי, ווי קענט איר עסן ברויט? אין בית המקדש איז געלעגן דאָס הייליקע ברויט פון דעם כהן גדול, און איצט איז דער בית המקדש נישטאָ. און ער האָט זיי ווייטער געזאָגט: מען טאָר נישט צופיל טרויערן, נאָר אייביק דאַרף מען געדענקען ירושלים. און די יידן האָבן אייביק געדענקט ירושלים. אַז אַ ייד האָט אויסגעבויט אַ הויז און אויסגעקאַלכט די ווענט, האָט ער איבערגעלאָזן איבער זיין טיר אַ שטיקל וואַנט נישט אָפּגעקאַלכט, אַ זכר לחורבן, כדי ער זאָל יעדן טאָג זיך דערמאָנען וועגן דעם חורבן ירושלים.

אין זעקסטן יאָרהונדערט האָט דער קייסער יוסטיניאַנוס אויסגעבויט אַ קלויסטער אויפן אָרט פון בית המקדש און דאָרט אַוועקגעשטעלט אַ צלם.

אָבער די יידן האָבן געזאָגט, אַז די הייליקייט פון ירושלים קען נישט פאַרשוועכט ווערן. זיי פלעגן זיך פאַרשטעלן, אַז מען זאָל זיי נישט דערקענען, אַז זיי זיינען יידן. זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און עולה רגל געווען קיין ירושלים. ווען די עולי רגל האָבן געזען דעם צלם אויפן אָרט פון בית המקדש האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער פון טרויער. זיי האָבן געקושט די ערד און געקלאָגט אויפן חורבן ירושלים.

ארץ ישראל אונטער די אַראַבישע קאַליפן

אין 7־טן יאָרהונדערט האָבן די אַראַבער איינגענומען ירושלים. דער קאַליף אָמאַר האָט דערלויבט די יידן קומען קיין ירושלים און זיך דאָרט באַזעצן. ס'איז ווידער געוואָרן אַ יידישער ישוב אין ירושלים.

מיט פיר הונדערט יאָר שפּעטער איז געקומען אַן אַנדער קאַליף און האָט גערודפט די יידן. ער האָט פאַרברענט זייערע בתי מדרשים, און האָט פאַרטריבן די יידן פון ירושלים.

אָבער אויך דעמאָלט זיינען די יידן עולה רגל געווען קיין ירושלים. פון די ווייטסטע לענדער זיינען זיי געקומען. צופוס זיינען זיי געגאַנגען מיטן וועג וואָס פירט קיין ירושלים און געוויינט ביי די חרובע מויערן.

די גרויסע יידישע דיכטער פון ספרד (שפּאַניען), האָבן געשריבן לידער פון בענקשאַפט נאָך ירושלים, און קלאָג־לידער אויף איר חורבן. אַ גרויסער דיכטער פון שפּאַניע רבי שלמה אבן גבירול האָט געזונגען זיין תפילה צו גאָט:

דער וואָס רוט אין הימל,
צו דיר שריי איך אויס:
ווי לאַנג וועט דער שונא
זינגען אין מיין הויז?
דער וואָס רוט אין הימל,
פאַרשוויג נישט מיין טרער.

דיין באַרג איז אַ וויסטע געוואָרן,
דיין אייביקע הויז
איז פאַרוואָקסן מיט דאָרן
דיין היכל איז לער.

די קרייץ־צוגלער האָבן אויסגעבאָדן אין בלוט די גאַסן פון ירושלים

אין יאָר 1099 האָבן די קרייץ־צוגלער איינגענומען ירושלים. אַ צאָל פון די יידן, וואָס זיינען געווען אין ירושלים האָבן די קרייץ־צוגלער אויסגעהרגט און אַנדערע זיינען זיך צעלאָפן. דעמאָלט אין דער

צייט פון די מלחמות צווישן די קרייץ-צוגלער מיט די אַראַבישע קאַליפן, האָט רבי יהודה הלוי, דער גרויסער יידישער דיכטער פון שפּאַניע, זיך געלאָזט עולה רגל זיין קיין ירושלים. ער האָט געבענקט צו ציון. ער האָט געוואָלט קושן אירע שטיינער און זיך וואַלגערן אין איר שטויב. די לעגענדע דערציילט, אַז אַ רייטער האָט אים צעטראָטן מיט די קלאָען פון זיין פערד.

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני
זאָל אָפּדאַרן מיין רעכטע האַנט אויב איך וועל דיך פאַרגעסן ירושלים

אָבער די יידן פון דער גאָרער וועלט ווען זיי זיינען געקומען אין אַ שול דאַוונען, זיינען זיי געשטאַנען מיטן פּנים צו מזרח, דאָרט וואו ס׳געפינט זיך ירושלים. אין זייערע תפילות האָבן זיי געזאָגט: לשנה הבאה בירושלים. זיי האָבן געהאָפט, אַז נישט אייביק וועט ירושלים זיין חרוב. זיי האָבן געהאָפט און תפילה געטאָן אויפן אויפבוי פון ירושלים, און איבערגעח׳זר׳ט די ווערטער פון רמב״ם: „איך גלויב באמונה שלמה, אַז משיח וועט קומען, און אויב אַפילו ער וועט זיך פאַרזאַמען, וועל איך יעדן טאָג וואַרטן אויף זיין קומען״.

מיט שיפן, מיט אַ קאַראַוואַן קעמלען, רייטנדיק אויף אייזלען און צופוס — קומט רבי עובדיה פון באַרטינוראָ קיין ירושלים

ר׳ עובדיה פון באַרטינוראָ איז געווען אַ באַרימטער רב אין איטאַליע, אין דער שטאָט באַרטינוראָ. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּירוש צו דער משנה. עד היום לערנען יידן דעם „פּירוש ר׳ עובדיה מברטנורה״. אין ביטערע צייטן, ווען ירושלים איז געווען חרוב און אָרעם איז רב עובדיה עולה געווען קיין ירושלים. דאָס איז געווען אין יאָר 1488. זיין וועג איז געווען זייער אַ שווערער. אָבער ער האָט געוואָלט זיין אין ירושלים, און ער האָט זיך אונטערגענומען מאַכן דעם שווערן וועג. ער איז אַרויסגעפאָרן אין דער האַפן-שטאָט נעאַפּאָל און דאָרט האָט ער געוואַרט אויף אַ שיף קיין ארץ ישראל. קיין שיף איז נישט געגאַנגען, איז ער אַוועקגעפאָרן פון נעאַפּאָל קיין סאַלערנאָ. אין

סאַלערנאָ האָט ער אויך קיין שיף נישט געקראָגן, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין נעאַפּאָל. אַ יאָר מיט זיבן חדשים האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט, און האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ שיף. צום סוף איז אָנגעקומען אַ שיף, וואָס האָט אים גענומען קיין פּאַלערמאָ. דאָרט האָט ער געוואַרט דריי חדשים ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שיף קיין אַלעקסאַנדריע.

דער קאַפּיטאַן פון דער שיף האָט נישט געוואָלט מיט זיין שיף אַריינפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע, האָט ער אָפּגעשיקט די יידן מיט אַ קליין שיפל, וואָס זאָל זיי דערפירן צום ברעג. דערווייל האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם אויפן ים. דאָס שיפל האָט זיך אָנגעהויבן טרינקען. די מאַטראָזן האָבן זיך זייער דערשראָקן. זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן פון דעם שיפל אַלע שווערע זאַכן. זיי האָבן אויפגעריסן פּולווער מען זאָל דערהערן אויף דער גרויסער שיף, אַז זיי זיינען אין אַ סכנה. זיי האָבן געבעטן הילף. קיינער איז צו הילף נישט געקומען. דער שטורעם איז געווען זייער אַ שטאַרקער און מען האָט קיין הילף נים געקענט שיקן. האָט זיי דער שטורעם געשליידערט פון איין זייט אויפן אַנדערן. די כוואַליעס פון ים זיינען אַריבערגעלאָפן איבערן קליינעם שיפל. פיר און צוואַנציק שעה האָבן זיי געזען דעם טויט פאַר די אויגן. עס איז געשען אַ נס, וואָס זיי האָבן זיך פון דעם שטורעם אַרויסגעראַטעוועט מיטן לעבן. צומאָרגנס האָבן זיי זיך צוגעשלעפּט נאָענט צו אַ ברעג. זיי זיינען געגאַנגען אַכצן מייל צופוס ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע.

אין אַלעקסאַנדריע האָט רבי עובדיה באַגעגנט אַ משפחה, אַ מאַן מיט אַ פרוי מיט צוויי זין, וואָס האָבן געוואָלט עולה רגל זיין קיין ירושלים, און ער איז געפאָרן צוזאַמען מיט זיי. אין מצרים זיינען צו זיי צוגעשטאַנען נאָך עטלעכע עולים. זיי האָבן געדונגען פינף קעמלען און זיינען געריטן אויף די קעמלען אַ גאַנצן טאָג ביז זיי זיינען צוגעקומען צום גרויסן מדבר. דאָרט האָבן זיי געוואַרט דריי טעג, ביז עס וועט אָנקומען נאָך אַ קאַראַוואַן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט מיט פינף קעמלען זיך לאָזן פאָרן אין מדבר. אין דריי טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ גרויסער קאַראַוואַן. דער קאַראַוואַן איז געפאָרן ביינאַכט, און בייטאָג האָט ער גערוט. זיי האָבן דערגרייכט צו דער שטאָט עזה. אין עזה

האָבן זיי געדונגען אייזלען און זיי זיינען געריטן ביז חברון. דאָרט האָבן זיי געזען דעם קבר רחל. ביים קבר רחל זיינען זיי געפאַלן צו דער ערד און תפילה געטאָן.

זיי זיינען צוגעקומען נענטער צו ירושלים און דערזען די „גע־לויבטע שטאָט", די שטאָט פון אונדזער „פרייד". דאָרט האָבן זיי צע־ריסן זייערע קליידער, ווי עס איז געווען אָנגענומען.

ירושלים איז געווען חרוב און וויסט. די מויערן אַרום שטאָט צעבראָכן. יידן זיינען געווען אינגאַנצן אַ זיבעציק משפחות. אַלע אָרע־מע לייט. עס איז נישט געווען כמעט קיין איינציקער, וואָס זאָל האָבן ברויט צו זאַט.

אַ רב איז געזעסן מיטן אָרעמען פאָלק אין ירושלים. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך פאַרנומען מיט וועבעריי און די איבעריקע צייט האָט ער געלערנט תורה. קיין ברויט האָט ער נישט געהאַט און האָט זיך זעקס חדשים געשפייזט מיט באָקסער, ווייל באָקסער איז געווען ביליג.

רבי עובדיה פון באַרטינוראָ איז געגאַנגען צום כותל מערבי, די מערב-וואַנט פון בית המקדש, וואָס שטייט נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

אין דער חרובער שטאָט האָט זיך באַזעצט ר' עובדיה, אין אַ הויז, וואָס איז נאָענט צום בית מדרש. ער האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זוכה געווען צו קומען אינם הייליקן לאַנד.

אין ירושלים האָט ער צוויי מאָל אַ וואָך געלערנט אין בית מדרש מיטן עולם. ער שרייבט וועגן זיך: „איך בין גליקלעך מיט מיין שווער לעבן אין ירושלים. מיר קומען זיך צוזאַמען אינדערפרי און אויף דער נאַכט לערנען הלכה. און גאָט וועט געבן עס וועט געבויט ווערן און פאַרפעסטיקט ווערן דאָס לאַנד".

רבי עובדיה איז נישט געווען דער איינציקער וואָס איז געקומען אין יענער צייט בויען ירושלים. עס זיינען געקומען גרויסע רבנים פון דייטשלאַנד. מען האָט אָפּגעקויפט הויפן פאַר די אָרעמע יידן. מען האָט איינגעשטעלט אַ קהילה. מען האָט געזאָרגט פאַר זייער פרנסה. עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ ישוב אין ירושלים.

די תלמידי חכמים האָבן געזאָגט אויף ירושלים: צען מאָס שיינ־קייט איז דאָ אויף דער וועלט. ניין מאָס האָט צוגענומען ירושלים און

איין מאָס איז געבליבן פאַר דער גאַרער וועלט. ירושלים, אַפילו ווען זי איז חרוב און אָרעם, איז זי די שיינקייט פון דער וועלט. און אַפילו ווען דער בית המקדש איז ניטאָ — איז זי הייליק.

די האַלבע לבנה איבער ירושלים

אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט טערקיי פאַרנומען ארץ ישראל, אין יאָר 1516. דער טערקישער סולטאַן סאַלים האָט געעפנט די טויערן פון ארץ ישראל פאַר יידן.

דער ישוב אין ירושלים האָט אָנגעהויבן וואַקסן. עס זיינען געקומען יידן פון איטאַליע און פון טערקיי. צווישן זיי אַ סך אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע. דער טערקישער סולטאַן האָט אויסגעבויט אַ וואַנט אַרום ירושלים, כדי צו שיצן די שטאָט פון רויבערישע באַנדעס. די טערקן האָבן אויסגעבויט מעטשעטן אין ירושלים און אויפגעהויבן איבער זיי די האַלבע לבנה פון די מאַכמעדאַנער.

די שמאָלע געסלעך פון יידישן ישוב אין ירושלים

דריי הונדערט יאָר איז ירושלים געווען אונטער דער טערקישער הערשאַפט. די יידן אין ירושלים האָבן געוואוינט אין שמאָלע געסלעך אַרומגערינגלט מיט אַ געמויערטער וואַנט. דאָרט האָבן זיי געבויט ישיבות. זיי האָבן געשיקט שליחים צו די יידן אין אויסלאַנד נאָך שטי־צע. דאָס געלט האָט מען צעטיילט צווישן די אָרעמע יידן. דאָס האָט זיך גערופן די „חלוקה". די „חלוקה" האָט אויסגעהאַלטן אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג פון ירושלים. עס זיינען דאָרט אויך געווען יידן בעלי־מלאכות: גאָלדשמידן, פאַרבער און קליינע קרעמער.

יידן פון רוסלאַנד, פון פוילן און אַנדערע לענדער זיינען אויף די עלטערע יאָרן געפאָרן קיין ירושלים. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט די קינדער און משפחות און זיך געלאָזן אין הייליקן לאַנד. זיי האָבן גע־וואָלט גיין תפילה טאָן אויף די אַלטע קברים. זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן אין ירושלים און ליגן אויפן הר הזיתים.

אין די געסלעך פון ירושלים איז געווען ענג. מענטשן האָבן גע־וואוינט אין קעלערן. קיין נייע הייזער האָבן יידן נישט געקענט בויען, ווייל די טערקישע רעגירונג האָט זיי נישט פאַרקויפט קיין ערד.

ביינאַכט האָט מען די טויערן פון ירושלים פאַרשלאָסן. אַ וואַך פון טערקישע זעלנער איז געשטאַנען אויף די טורעמס פון דער וואַנט און געהיט די שטאָט. די יידישע געגענט האָט אויך אויף דער נאַכט פאַרשלאָסן אירע טויערן. קיינער האָט נישט געקענט אַריין אָדער אַרויס ביז אינדערפרי. אַרויסגיין ביינאַכט הינטערן מויער איז געווען אַ סכנה פאַרן לעבן. גזלנים און רויבער זיינען געווען אויף די וועגן. די וועגן זיינען געווען ניט באַשיצט. אַזוי האָבן יידן געלעבט אין דער אַלטער שטאָט ירושלים, ביז עס האָבן זיך געפונען יידן, גבורים, וואָס זיינען אַרויס פון די טויערן און אָנגעהויבן בויען ניי־ירושלים.

ר׳ יואל משה סאָלאָמאָן אַ גרינדער פון ניי־ירושלים

אין די טונקעלע שמאָלע געסלעך אין ירושלים האָבן זיך געפונען יידן, גבורים, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט אָנהויבן בויען הייזער אויף יענער זייט וואַנט. דעם אָנהויב האָט געמאַכט ר׳ יואל משה סאָלאָמאָן.

ר׳ יואל משה סאָלאָמאָן האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער ירושלים־ער משפחה. זיין פאָטער, ר׳ מרדכי, איז געווען פון די ערשטע אין ירושלים, וואָס האָט געטראַכט, אַז יידן דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט ערד־אַרבעט. ער האָט געשריבן אַ בריוו צו ר׳ משה מאָנטעפיאָרי: „דאָס הייליקע לאַנד וועט געבן ברויט צו זאַט, אויב פלייסיקע הענט וועלן די ערד באַאַרבעטן״. ער האָט דערמוטיקט משה מאָנטעפיאָרי, וואָס האָט געוואָלט גרינדן יידישע ערד־אַרבעטער קאָלאָניעס אין ארץ ישראל.

ר׳ יואל משה סאָלאָמאָן איז געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָ־טער. ס׳האָט אים געצויגן צו גרינע פעלדער, צום ברייטן הימל, צו ערד־אַרבעט. ער האָט באַשלאָסן אַרויסגיין און בויען הייזער אויף יענער זייט וואַנט פון ירושלים.

איינמאָל ל״ג בעומר, ווען אַלע יידן, מענער, פרויען און קינדער זיינען געגאַנגען תפילה טאָן צום קבר פון שמעון הצדיק, איז ר׳ יואל משה מיט זיי ניט מיטגעגאַנגען. ער איז אַוועק באַטראַכטן פעלדער אויף יענער זייט וואַנט פון ירושלים. מיט אים זיינען געווען נאָך עט־לעכע יידן, זיינע חברים. ווען די אַראַבישע פויערים האָבן דערזען, אַז יידן זיינען געקומען אויף זייערע פעלדער האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען: „וואָס טוט איר דאָ?״ האָט זיי ר׳ יואל משה סאַלאָמאָן געענטפערט: „מיר זיינען געקומען קויפן דעם באָדן״. ער האָט זיי פאָרגעלייגט אַ הויכן פרייז פאַר זייער ערד. די פויערים זיינען געווען צופרידן און מסכים געווען צו פאַרקויפן. די חברים, וואָס זיינען גע־גאַנגען מיט אים האָבן געמיינט, אַז ער האָט געמאַכט אַ שפּאַס מיט די אַראַבער. ר׳ יואל משה סאַלאָמאָן האָט זיי געזאָגט: „אָט די ערד אויף וועלכער מיר שטייען, וועט זיין אונדזער באָדן. דאָ וועלן מיר אויסבויען אַ ישוב. איר וועט זען, אַז עס וועט זיין ווי איך זאָג אייך איצט״.

און אַזוי איז געווען, ווי ר׳ יואל משה האָט געזאָגט. מ׳האָט דאָרט אויסגעבויט אַ ישוב. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון ניי־ירושלים.

דאָס לאַנד האָבן אָפּגעקויפט זיבן משפחות. אָבער נישט אַזוי גרינג איז עס אָנגעקומען. די טערקישע רעגירונג האָט נישט דער־לויבט יידן צו קויפן לאַנד אויף יענער זייט מויער פון ירושלים. האָבן די יידן געפונען אַן עצה, וויאַזוי דאָס לאַנד צו באַקומען.

איינער פון די זיבן איז געווען ר׳ אריה הורביץ. זיין פרוי האָט געקענט ריידן אַראַביש. זי האָט זיך איבערגעטאָן און האָט זיך פאַר־שטעלט פאַר אַן אַראַבערקע. זי האָט אָפּגעקויפט דעם באָדן אויף איר נאָמען. אויף דעם אופן איז עס געוואָרן יידישער באָדן.

אַ שרעק איז באַפאַלן די יידן פון ירושלים, ווען זיי האָבן דער־הערט, אַז ר׳ יואל משה סאַלאָמאָן און נאָך זעקס משפחות בויען היי־זער אויף יענער זייט וואַנט. מ׳האָט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זיינען משוגע. גזלנים וועלן זיי דערהרגענען. רויבער וועלן צונעמען זייער פאַרמעגן. מ׳האָט זיי געוואָרנט זיי זאָלן נישט איינשטעלן דאָס לעבן, און נישט טאָן אַזאַ זאַך.

ר׳ יואל משה סאָלאָמאָן און זיינע חברים האָבן זיך נישט צוגע־הערט צו די רייד. זיי האָבן אויסגעבויט אַ געגנט וואָס רופט זיך „נחלת שבעה״, די נחלה פון זיבן, ווייל זיבן משפחות זיינען זיי געווען.

די „נחלת שבעה״ האָט זיך אַנטוויקלט. נאָך יידן פון ירושלים זיינען צוגעקומען צו זיי. דאָקטוירים האָבן געהייסן קראַנקע אַרויס־פאָרן אין „נחלת שבעה״. דאָרט איז געווען פרישע לופט, דאָרט איז געווען בעסער ווי אין דער ענגשאַפט אין ירושלים.

איצט געפינט זיך „נחלת שבעה״ אין סאַמע מיטן פון דער נייער שטאָט ירושלים. אַרום איר האָבן זיך אויסגעבויט נייע געגנטן מיט ברייטע גאַסן, מיט שיינע הייזער, מיט פאַרקן. די נייע געגנטן זיינען שענער פון נחלת־שבעה, אָבער נחלת־שבעה איז די ערשטע. די גבורה פון די ערשטע זיבן משפחות איז געבליבן לזכרון. זייערע נעמען זיי־נען: ר׳ יואל משה סאָלאָמאָן, ר׳ יוסף ריוולין, ר׳ יהושע יעלין, ר׳ אריה הורוויץ, ר׳ לייב און ר׳ אליהו סאלאנט און ר׳ חיים הלוי קאָוונער.

אַז מען טרעפט אַ ייד פון ירושלים, וואָס רופט זיך מיט איינעם פון די נעמען פרעגט מען אים: איר זענט פון די „נחלת־שבעה״?

און אויב ער שטאַמט פון זיי, איז דאָס אַ גרויסער יחוס, ווייל זיי זיינען געווען די גרינדער פון ניי־ירושלים.

איצט איז ירושלים די הויפּט־שטאָט פון מדינת־ישראל. אין ירושלים געפינט זיך די כנסת, דער יידישער פאַרלאַמענט.

אין ירושלים וואוינט דער פּרעזידענט, יצחק בן צבי. אַלע מיני־סטעריומס פון דער רעגירונג געפינען זיך אין ירושלים.

יעדן יאָר קומען טויזנטער מענטשן פון גאָר דער וועלט קיין ירושלים צו זען די אייביקע שטאָט, די הויפּט־שטאָט פון מדינת־ישראל.

פּסח קומען אַ סך יידן פון גאַנצן לאַנד צום קבר פון דוד המלך, וואָס געפינט זיך אין ירושלים אויפן באַרג ציון.

זייער שיין איז ירושלים. זי ליגט אויף בערג. אַ גאַנצע וואָך איז ירושלים אַ רוישיקע שטאָט, נאָר שבת רוט ירושלים. דעמאָלט זעט מען נאָך מער איר שיינקייט: אירע בערג, אירע אַלטע טורעמס, וואָס שטייען שוין טויזנטער יאָרן.

צפת

דער קבר פון רבי שמעון בן יוחאי אין מירון, ניט ווייט פון צפת

צפת הקדושה! היא רמה כל כך, טהורה ולבנה כל כך. היא טובלת בשמים ובשמש, רואה את השפלה כלה ואת המרחקים.

(א. א. קבק)

הייליקע צפת! זי איז אַזוי דערהויבן, אַזוי ריין און ווייס, זי טונקט זיך אין הימל און אין זון, זי זעט דעם גאַנצן טאָל און אַלע ווייטקייטן.

פאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך טונקל, פאָרן אַרויס הונדערטער טראָקס, מאַשינעס, אויטאָבוסן, וועגענער געשפּאַנט מיט פערד — עס פאָרן טויזנטער מענטשן, אַלטע, יונגע און קינדער — אַלע פאָרן קיין צפת. מען פאָרט פון ירושלים און פון חיפה, פון תל־אביב, פון די קיבוצים — פון אַלע שטעט און ישובים. די וועגן צווישן די בערג און טאָלן זיינען פול מיט געזאַנג. מען פאָרט קיין מירון, לעבן צפת, וואו עס געפינט זיך די הייל פון רבי שמעון בן יוחאי. דאָס קומט פאָר יעדן יאָר, ל״ג בעומר, שוין הונדערטער יאָרן.

ביי דער הייל פון רבי שמעון בן יוחאי פאַרברענגט מען אַ גאַנצן טאָג. מען צינדט אָן שייטערס. די ספרדישע יידן האָבן באַזונדערע תפילות און געזאַנגען, וואָס זיי זאָגן אין יענעם טאָג. די חסידישע יידן האָבן אַנדערע פּזמונים. די אַלטע לייט טוען תפילה. די יונגע זינגען לידער. דאָס גאַנצע פאָלק דערמאָנט רבי שמעון בן יוחאי, וואָס האָט ניט געפאָלגט די רוימער און האָט געלערנט תורה, ווען זיי האָבן פאַרבאָטן צו לערנען.

אַזוי איז געבליבן דער מנהג, פון לאַנג, פון אַמאָל.

די אגדות וועגן רבי שמעון בן יוחאי

רבי שמעון בן יוחאי איז געווען אַ תנא. ווען די רוימער האָבן פאַרבאָטן די יידן לערנען תורה—האָט ער צונויפגערופן זיינע תלמידים און האָט געלערנט. די רוימער האָבן אים געיאָגט, געוואָלט כאַפּן — האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ הייל און האָט געלערנט תורה. ער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט לערנען.

דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז ער קען באַווייזן נסים, אַז זיין תפילה איז אָנגענומען ביי גאָט. מען דערציילט וועגן אים אַ סך לעגענדעס: איינמאָל איז געווען אַ טריקעניש, עס זיינען ניט געגאַנגען קיין רעגנס. די פעלדער האָבן געדאַרט. איז מען געקומען צו רבי שמעון בן יוחאי, אַז ער זאָל תפילה טאָן, עס זאָל גיין אַ רעגן. רבי שמעון בן

יוחאי האָט תפילה געטאָן. עס איז אַראָפּ אַ גרויסער רעגן. איז מען גע־קומען צו רבי שמעון בן יוחאי: דער רעגן איז אַ צו גרויסער. האָט רבי שמעון בן יוחאי מתפלל געווען פאַר אַ קלענערן רעגן. איז אַראָפּ אַ שטילער רעגן, אַ רעגן פון ברכה.

אַ סך יידן גלויבן, אַז רבי שמעון בן יוחאי האָט געשריבן דעם „זוהר". דאָס איז אַ ספר פון גרויסער בענקעניש צו אויסלייזונג: משיח זאָל קומען. אין דעם „זוהר" ווערט דערציילט וועגן משיח'ן. איידער ער וועט קומען וועלן זיין גרויסע מלחמות. שווערע ליידן וועלן קומען אויפן יידישן פאָלק. דאָס רופט זיך „חבלי משיח". נאָכדעם ווי משיח וועט קומען וועלן יידן אויסגעלייזט ווערן פון גלות. זיי וועלן קומען צוריק קיין ארץ ישראל. דער בית המקדש וועט ווידער אויסגעבויט ווערן. אָבער יידן דאַרפן ווערט זיין, כדי משיח זאָל קומען. זיי דאַרפן תפילה טאָן. זיי דאַרפן זיין ריין פון זינד. זיי דאַרפן לערנען תורה. זיי טאָרן זיך ניט יאָגן נאָך פאַרגעניגנס — נאָך גוטע עסנס, נאָך גוטע געטראַנקען, נאָך שיינע וואוינונגען, נאָך טייערע קליידער. זיי דאַרפן זיין אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן לעבן אויף דינען גאָט. די יידן וואָס וועלן זיך אַזוי אויפפירן וועלן דערנענטערן די צייט פון משיח'ס קומען. יידן האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז די לערע פון רבי שמעון בן יוחאי. מען האָט די לערע גערופן „קבלה". די יידן וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין דער קבלה האָט מען גערופן מקובלים.

„חבלי משיח"

אין 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט זיינען אָנגעקומען גרויסע צרות אויף די יידן אין אייראָפּע. מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון שפּאַניע. זיי זיינען געלאָפן קיין פּאָרטוגאַל. מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון פּאָרטו־גאַל — זיינען זיי געלאָפן אין אַנדערע לענדער. ווי דערשראָקענע פייגל האָבן זיך די יידן געיאָגט פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן. די אינקוויזי־ציע האָט זיי געשלעפּט צו שמד. די יידן האָבן זיך ניט געוואָלט שמדן. מען האָט זיי געהרגעט. מען האָט ביי זיי צוגענומען די פאַרמעגנס. קיינער האָט זיך פאַר זיי ניט אָנגענומען. געיאָגטע און געפּלאָגטע און

געפייניקטע זיינען זיי געווען. שרעק פאַר דער אינקוויזיציע און פחד פאַרן טויט — דאָס איז געווען זייער גורל.

די פרומע יידן האָבן געזאָגט: דאָס זיינען „חבלי משיח", די יסורים איידער משיח דאַרף קומען. און אַ גרויסע האָפענונג האָט אָנגעפילט זייערע הערצער, אַז אָט־אָט באַלד וועט קומען משיח.

יידן, רבנים, און סתם פרומע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן אויף משיח'ן. זיי האָבן געלערנט דעם „זוהר". געפאַסט גאַנצע וואָכן. זיי האָבן געזאָגט נבואות, ווען משיח וועט קומען. אַנדערע זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל, דאָרטן וואַרטן אויף משיח'ן. אין סאַלאָניקי, אין טערקיי, איז געווען אַ גרויסער רב, רבי יוסף טייטאַצאַק. ער האָט געהאַט אַ בית מדרש וואו ער האָט טאָג און נאַכט געלערנט. ער איז ניט געשלאָפן אין קיין בעט, נאָר אויף אַ קאַסטן, כדי ער זאָל ניט הנאה האָבן פון זיין שלאָף. 40 יאָר איז ער געשלאָפן אויף דעם קאַסטן. אינמיטן דער נאַכט איז ער אויפגעשטאַנען און געלערנט. ער האָט געוואַרט אויף משיח'ן. אין זיין בית מדרש האָבן געלערנט גרויסע מקובלים. צווישן זיי זיינען געווען רבי יוסף קארו און רבי שלמה אלקבץ.

דער אר"י הקדוש אין צפת

אין צפת, אין אַ שמאָל געסל, שטייט דער בית מדרש פון אר'י הקדוש. באַרג אַראָפּ איז דאָס געסל. מען גייט מיט אַ סך טרעפּ אַראָפּ און אַראָפּ און אַראָפּ. די טרעפּ זיינען שטיינערנע. אַלטע שטיינער, אויסגעקרישלטע, קרומע, טונקעלע. ביי ביידע זייטן פון די שטיגן זיינען שטיינערנע ווענט. וואו ניט וואו אין אַ וואַנט אַ קליין פענצ־טערל, אַ טירל. דאָס געסל דרייט זיך לינקס און רעכטס. מען באַגעגנט אויפן וועג יידן, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן כאַלאַט מיט אַ טורבאַן אויפן קאָפּ. דאָס זיינען ספרדישע יידן, די אַלטע איינוואוינער פון צפת.

דער בית מדרש איז אַ גרויסער, אַ טונקעלער. די סטעליע האַלט זיך אויף גראָבע שטיינערנע זיילן. ביי לאַנגע טישן זיצן יידן און לערנען. יעדן טאָג זאָגן זיי קדיש נאָכן אר"י הקדוש. אויף די ווענט זיינען אויסגעהאַנגען אַלטע געמעלן. אין בית מדרש איז שטיל.

מען הערט נאָר די שעפּטשערייען פון תפילות. דער בית מדרש איז ביזן היינטיקן טאָג אַ הייליק אָרט. אין דעם בית מדרש האָט מיט פיר הונדערט יאָר צוריק געלערנט דער אר״י הקדוש — דער לייב פון דער קבלה.

זיבן יאָר איז דער אר״י הקדוש געווען אַן אָפּגעזונדערטער פון מענטשן

דער אר״י הקדוש איז געבאָרן געוואָרן אין ירושלים. זיין נאָמען איז געווען יצחק לוריא. מיט זיינע עלטערן איז ער אַריבערגעפאָרן אין מצרים, אין קאַהיר. ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר איז ער שוין געווען אַ גרויסער בן תורה. ער האָט זיך פאַרטיפט אין קבלה. זיין גרויסע גלוסטונג איז געווען משיח זאָל קומען. יידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן. ער האָט זיך דערווייטערט פון מענטשן. זיבן יאָר איז ער געזעסן איינער אַליין אין אַ שטיבעלע אויפן ברעג פון דעם טייך נילוס און האָט געלערנט. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן.

ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין צפת. דאָרט האָט ער געהאַט אַ קרייז פון תלמידים, באַרימטע מקובלים. אין צפת פלעגן קומען הונדערטער יידן זען דעם אר״י הקדוש און הערן תורה פון אים. זיי זיינען געקומען פון גאָר דער וועלט. זיי פלעגן אָנפילן די הויפן פון צפת, טאָן תפילה, לערנען און זינגען. צפת איז געוואָרן די באַרימטע שטאָט פון תורה און פון קבלה און פון קדושה. אַלע פרייטיק פאַרנאַכט צו קבלת שבת, איז דער אר״י הקדוש אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע תלמידים אויפן פעלד באַגעגענען די מלכה שבת, דאָס הייסט, די קעניגין שבת. זיי זיינען געגאַנגען אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער. דער אר״י הקדוש האָט פאַר זיי געזאָגט תורה. ער האָט זיי דערציילט די סודות פון דער תורה. אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען פאַר זיי הייליק. דער אר״י הקדוש איז געשטאָרבן אין יאָר 1572. נאָך זיין טויט האָבן זיינע תלמידים פאַרשריבן אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. איבער דער גאָרער וועלט זיינען געווען יידן, וואָס האָבן געלערנט דעם „זוהר״ און די תורה פון אר״י הקדוש. ער האָט גרויס געמאַכט די שטאָט צפת. זי איז געוואָרן די הייליקע שטאָט, די „מוטער״ פון קבלה.

רבי יוסף קארו אין צפת

אין צפת זיינען געקומען צוויי גרויסע יידן, רבי יוסף קארו און רבי שלמה אלקבץ. רבי יוסף קארו איז געווען אַ ספרדישער ייד פון די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע. ער האָט געלעבט אין טערקיי אין ניקאָפּאָל. רבי יוסף קארו איז געווען דער מחבר פון „שלחן ערוך". דער „שלחן ערוך" איז דער ספר פון דינים, דאָס הייסט געזעצן, וויאַזוי יידן דאַרפן לעבן. אַלע יידן פון דער וועלט האָבן אָנגענומען דעם „שלחן ערוך". אַז איין ייד האָט געהאַט אַ טענה צו אַ צווייטן יידן, צוליב געשעפט אָדער צוליב ירושה, זיינען זיי געגאַנגען צום רב, ער זאָל פּסקנען ווער עס איז גערעכט. דער רב האָט גענומען דעם „שלחן ערוך" און האָט געפּסקנט אַזוי ווי עס שטייט אין „שלחן ערוך". דער רב האָט ניט געהאַט קיין מאַכט וואָס זאָל צווינגען דעם מענטשן, אַז מען זאָל אים פאָלגן. ער האָט בלויז געהאַט דעם „שלחן ערוך" פון רבי יוסף קארו. אָבער דאָס וואָס עס איז געשטאַנען אין „שלחן ערוך" איז געווען אַזוי פאַרהייליקט ביי יידן, אַז מען האָט דעם רב געפאָלגט. מען האָט געטאָן ווי ער האָט געפּסקנט, ווי עס שטייט אין „שלחן ערוך".

צוואַנציק יאָר האָט רבי יוסף קארו געאַרבעט אויף אָנשרייבן דעם „שלחן ערוך". איינמאָל ווען ער איז געזעסן אין בית מדרש און האָט געלערנט די משנה, האָט ער דערהערט אַ שטים, וואָס האָט גערעדט צו אים. רבי יוסף קארו האָט געזאָגט, אַז דאָס רעדט צו אים דער „מגיד", אַ געטלעכע שטים. דער „מגיד" האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל קיין איין רגע נישט אויפהערן לערנען, און דערפאַר וועט ער זוכה זיין, אַז זיין לערע זאָל פאַרשפּרייט ווערן ביים פאָלק.

איינמאָל ווען רבי יוסף קארו איז געזעסן מיט זיינע חברים אין בית מדרש אין סאַלאָניקי, האָט ער דערהערט די שטים פון „מגיד". דער „מגיד" האָט אים געהייסן עולה זיין קיין ארץ ישראל. דאָרט זאָל ער לערנען תורה. דער „מגיד" האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט ווערן גרויס ביי יידן. זיין תורה וועט זיין אַ קרוין פאַרן יידישן פאָלק. די חברים זיינען געפאַלן אויפן פּנים, זיי האָבן מורא געהאַט צו קוקן אויף רבי יוסף קארו, וואָס די שטים פון „מגיד" האָט גערעדט דורך זיין מויל. די שטים איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. אַלע האָבן זיי

די שטים פון „מגיד" געהערט, נאָר קיינער האָט זי ניט פאַרשטאַנען אויסער ר' יוסף קארו. אַ גרויסע בענקשאַפט האָט אַרומגעכאַפּט רבי יוסף קארו צו עולה זיין קיין ארץ ישראל. פאַר זיינע אויגן איז אויפגעקומען די שטאָט צפת, וואו עס געפינט זיך די הייל פון רבי שמעון בן יוחאי. אין יאָר 1531 איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל, און האָט זיך באַזעצט אין צפת. מיט אים צוזאַמען איז עולה געווען רבי שלמה אלקבץ. אַנדערע מקובלים זיינען געקומען נאָך זיי.

ר' שלמה אלקבץ

ר' שלמה הלוי אלקבץ איז געווען פון די גרויסע מקובלים. גרויס איז געווען זיין ליבע צו ארץ ישראל און צום יידישן פאָלק. ער האָט אָנגעשריבן אַ תפילה „לכה דודי". דאָס איז אַ שבת'דיקע תפילה. דאָס גאַנצע פאָלק האָט די תפילה אָנגענומען. אַלע פרייטאָג צו נאַכט זינגט מען „לכה דודי", מיט אַ ניגון, אין אַלע שולן און בתי מדרשים.

וועגן ר' שלמה אלקבץ איז דאָ אַ לעגענדע: ווען ער האָט אָנגעשריבן די תפילה „לכה דודי" איז אים אַן אַראַבישער דיכטער זייער מקנא געווען פאַר זיין שיר. פאַר גרויס קנאה האָט ער אים געהרגעט און באַהאַלטן זיין קערפּער אויף אַ פעלד.

אויף יענעם אָרט איז אויסגעוואַקסן אַ בוים, וואָס האָט געגעבן זייער גוטע פרוכט. אַן אויג האָט אַזעלכע פרוכט ניט געזען. האָבן זיך מענטשן געוואונדערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ בוים מיט אַזעלכע גוטע פרוכטן? האָט מען זיך אָנגעהויבן אויספרעגן און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אונטער דעם בוים איז באַהאַלטן ר' שלמה אלקבץ. האָבן מענטשן געזאָגט: גרויס איז געווען זיין תורה און זיין חכמה ביי זיין לעבן, און גוט זיינען די פרוכטן פון זיין בוים נאָך זיין טויט.

ווי עס האָבן געלעבט די חכמים פון צפת

די חכמים און רבנים פון צפת האָבן געהאַט אַ שם איבער דער וועלט. אַכצן ישיבות האָבן זיי אויסגעבויט און עטלעכע און צוואַנציק בתי מדרשים. די חכמים פון צפת האָבן געפירט זייער אַן איינפאַך

לעבן. זיי זיינען אַליין געגאַנגען ברענגען וואַסער פון ברונעם, און אַליין געטראָגן האָלץ אויף הייצן זייערע הייזער. אַנדערע האָבן זיך פּאַרנומען מיט מסחר כדי ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם פאַר זייער פּרנסה.

הויך אויף בערג געפינט זיך די שטאָט צפת. אויף בערג און אין טאָלן זיינען די גאַסן פון צפת. טויזנטער מענטשן קומען אַ קוק טאָן אויף דער שטאָט פון די מקובלים, און הערן די לעגענדעס וואָס מען דערציילט וועגן זיי. איינע פון די לעגענדעס וואָס מען דערציילט אין צפת איז וועגן דעם רב רבי יעקב סאראַגאָסי. ער האָט געלעבט אין צפת אַ סך יאָרן פריער פאַרן אר״י הקדוש. רבי יעקב סאראַ־גאָסי איז געווען באַליבט פאַר זיינע גוטע מדות. ער פלעגט שלום מאַכן צווישן מענטשן, וואָס האָבן זיך געקריגט, צווישן מאַן און ווייב, וואָס האָבן זיך געוואָלט גטן, צווישן יידן און גוים. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא.

איינמאָל האָט דער פּאַשאַ פון צפת, וואָס איז געווען אַ רשע, באַפוילן אַז די יידן פון צפת זאָלן אים ברענגען עטלעכע טויזנט ווייסע הענער. אַ שרעק איז באַפאַלן די יידן פון צפת. וואו וועלן זיי נעמען טויזנטער ווייסע הענער פאַרן פּאַשאַ?

האָט צו זיי געזאָגט ר׳ יעקב סאראַגאָסי: זאָרגט ניט, ברענגט אַלע הענער וואָס איר האָט אויף איין אָרט. שוואַרצע הענער, רויטע און ווייסע, די וואָס איר האָט. האָבן די יידן אַזוי געטאָן. ר׳ יעקב סאראַגאָסי האָט די הענער געהייסן אַוועקטראָגן צום פּאַשאַ. ווען מען האָט די הענער געבראַכט צום פּאַשאַ זיינען זיי אַלע געוואָרן ווייס. האָבן די יידן רבי יעקב סאראַגאָסי אַ נאָמען געגעבן „דער ווייסער צדיק״.

איר האָט שוין געזען צפת?

אַ סך לעגענדעס זיינען דאָ וועגן צפת — די שטאָט וואו גרויסע יידן האָבן געחלומט וועגן משיח׳ן.

איצט איז צפת נאָך אַלץ די לעגענדאַרע שטאָט אין ארץ ישראל. אַז עמיצער קומט קיין ארץ ישראל פרעגט מען אים: — איר האָט

שוין געזען צפת? צפת מוז מען זען. עס איז נישטאָ קיין שענערס פון צפת.

די גאַס פון ארץ ישראלדיקע קינסטלער אין צפת

ווען עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל האָבן אַ גרופּע ארץ ישראלדיקע קינסטלער — מאָלער, סקולפּטאָרן און גראַווירער — אויסגעקליבן די שטאָט צפת אויף וואוינען דאָרט. זיי האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע גאַס. דאָרט האָבן זיי זייערע סטודיעס. דאָרט זיצן די קינסטלער און מיט פאַרשיידענע פאַרבן מאָלן זיי בילדער פון יידישן לעבן — בילדער פון מקובלים, בילדער פון די בערג פון צפת, און אויך אַנדערע בילדער. פון צייט צו צייט מאַכן זיי אויסשטעלונגען. קומען מענטשן קיין צפת זען די אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער.

אַמאָל איז מען געפאָרן קיין צפת נאָך תורה, איצט פאָרט מען קיין צפת נאָך שיינקייט, ווייל צפת איז — צפת, זי איז שיינקייט.

די לעגענדע וועגן דער באַפרייאונג פון צפת

אין דער צייט פון דער באַפרייאונגס-מלחמה, ווען מדינת ישראל איז געגרינדעט געוואָרן, איז אין צפת געווען אַ קליינע אָפּטיילונג פון יידישן מיליטער. זיי האָבן געהאַט איין קליינעם האַרמאַט. „דוד'ל" האָט מען דעם האַרמאַט אָנגערופן. ווען „דוד'ל" האָט אָנגעהויבן שיסן איז געוואָרן אַ גרויסער טומל צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון צפת. אַלע אַראַבער האָבן זיך פלוצלונג אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אַנטלויפן. זיי זיינען געלאָפן אין איין געאייל, מיט גרויס פחד. די יידן פון צפת דערציילן, אַז צווישן די אַראַבער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דוד המלך, דער יידישער מלך פון אַמאָל, איז געקומען איינצונעמען צפת.

אַ שרעק איז באַפאַלן די אַראַבער, און זיי זיינען אַנטלאָפן פון דוד המלך.

דאָס איז די לעגענדע פון דער באַפרייאונגס-מלחמה, פון דער שטאָט צפת.

טבריה

טבריה

אוחיל יום יום משתאה,
עיני תמיד צופיה,
אעברה נא ואראה
אדמת קדש טבריה.

נעימה ישיבתה,
גם טובה ראיתה,
ים כנרת חומתה
שם העיר הבנויה.

אדמת קדש טבריה — אעברה נא ואראה

(שיר עם)

האָף איך יעדן טאָג מיט וואונדער —
מיט מיין האַרץ און מיין באַראָט
אָט וועל איך גיין,
און אָט וועל איך זען,
טבריה די הייליקע שטאָט.
אָט וועל איך גיין, און אָט וועל איך זען
טבריה די הייליקע שטאָט.

זייער וואויל איז דאָרט צו זיין,
זייער וואויל איז דאָרט צו זען:
דער ים כנרת, ווי אַ וואַנט —
ווי אַ מויער ברעג און זאַמד.
אָט וועל איך גיין, און אָט וועל איך זען
טבריה די הייליקע שטאָט.

(יידיש: ק. מ.)

טבריה איז אַן אַלטע, הייליקע שטאָט אין ארץ ישראל. זי ליגט ביים סאַמע ברעג פון ים כנרת, און אַרום איר די בערג פון גליל.

טבריה האָט געהאַט גאָר אַ באַזונדערן באַדייט פאַר די יידן פון ארץ ישראל: מ'האָט זי גערופן „הראשונה לגאולה“, דאָס הייסט, די שטאָט, וואָס וועט די ערשטע אויסגעבויט ווערן, ווען יידן וועלן זיך אומקערן קיין ארץ ישראל. יידן האָבן געגלויבט, ווען טבריה וועט געבויט ווערן וועט קומען משיח.

דער לעצטער סנהדרין אין טבריה

גאָר אַמאָל האָבן אין טבריה געלעבט אַ סך תלמידי חכמים און דאָרט זיינען געווען גרויסע ישיבות. טבריה איז געווען אַ שטאָט פון תורה. אָבער דער עיקר איז טבריה געווען טייער ביי יידן דערפאַר, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען דער לעצטער סנהדרין.

דער סנהדרין איז באַשטאַנען פון זיבעציק תלמידי חכמים. דער סנהדרין האָט באַשטימט די געזעצן פאַרן לאַנד און איז געווען דער העכסטער געריכט.

יידן אין ארץ ישראל האָבן געמוזט פאָלגן, וואָס דער סנהדרין זאָגט. אויך די יידן אין אַנדערע לענדער האָבן געדאַרפט טאָן, וואָס דער סנהדרין פאָדערט פון זיי. דער סנהדרין האָט זיך געפונען אין ירושלים.

ווען די רוימער האָבן איינגענומען ארץ ישראל האָבן זיי געוואָלט דערנידעריקן די אייביקע יידישע שטאָט ירושלים, זיי האָבן דעם סנהדרין פאַרבאָטן צו זיין דאָרט. די זיבעציק תלמידי חכמים האָבן פאַרלאָזט ירושלים און זיך פאַרזאַמלט אין אַנדערע שטעט. דער סנהדרין האָט געוואַנדערט. ער האָט זיך געפונען אין דער שטאָט יבנה, דערנאָך אין אושה, אין שפרעם, אין בית שערים, אין צפורי און די לעצטע שטאָט וואו דער סנהדרין האָט זיך געפונען איז געווען טבריה. דעריבער איז טבריה פאַרהייליקט געוואָרן ביי יידן.

די „חמי טבריה"

אין טבריה האָבן זיך געפונען — און זיינען דאָ ביזן היינטיקן טאָג — הייסע מינעראַל-קוואַלן. מען רופט זיי די „חמי טבריה". די אַמאָליקע יידן פון ארץ ישראל האָבן געגלויבט, אַז דאָס וואַסער פון די „חמי טבריה" איז אַ רפואה צו אַלע קראַנקהייטן. אַ סך תלמידי חכמים זיינען געפאָרן זיך היילן אין די „חמי טבריה". מיט זיי צוזאַמען זיינען מיטגעפאָרן זייערע תלמידים, און אין טבריה זיינען געווען גרויסע ישיבות.

אַ מעשה וועגן רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון ר' אליעזר

איינמאָל האָט דער רוימישער קייסער פאַרבאָטן די יידן לערנען תורה. רבי שמעון בר יוחאי און זיין זון רבי אליעזר האָבן ניט געוואָלט פאָלגן און זיי האָבן געלערנט תורה מיט זייערע תלמידים. האָט מען זיי פאַרמסרט פאַרן קייסער. האָט דער קייסער געשיקט זיינע מענטשן מען זאָל כאַפּן רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אליעזר. זיינען רבי שמעון און זיין זון אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין אַ הייל. דרייצן יאָר זיינען זיי געלעגן באַהאַלטן אין דער הייל. ווען זיי זיינען אַרויס פון דער הייל איז די הויט אויף זייער לייב געווען באַדעקט מיט פּריש-טשעס. זיי זיינען אַוועק קיין טבריה און דאָרט זיך אויסגעבאָדן אין די „חמי טבריה". ווען זיי זיינען אַרויס פון וואַסער איז זייער הויט געווען לויטער און געזונט. האָט רבי שמעון געזאָגט צו זיין זון רבי אליעזר: די „חמי טבריה" האָבן אונדז געזונט געמאַכט.

הייליקע קברים אין טבריה

אין טבריה געפינען זיך די קברים פון אַ סך תלמידי חכמים, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און פון תלמידי חכמים, וואָס זיינען גע-שטאָרבן אין אַנדערע שטעט און האָבן אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל זיי באַ-האַלטן אין טבריה. אין טבריה געפינען זיך די קברים פון רבי עקיבא און פון רבי חייא און זיינע זין, פון רמב"ם און אַנדערע. די אַלטע

קברים זיינען געוועזן זייער פאַרהייליקט בײַ ייִדן. פון פאַרשיידענע ווייטע מדינות זיינען ייִדן געפאָרן קיין ארץ ישראל כדי דאָרט תפילה טאָן ביי די הייליקע קברים. זיי פלעגן פאַלן אויף דער ערד לעבן די קברים און מיט געוויין בעטן ביי גאָט, אַז ייִדן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות און ארץ ישראל זאָל אויסגעבויט ווערן.

טבריה ווערט חרוב פון די מלחמות

ביזן מיטן פון פערטן יאָרהונדערט זיינען געוועזן ישיבות אין טבריה. שפּעטער איז טבריה חרוב געוואָרן אין די מלחמות, וואָס זיינען אַריבער איבערן לאַנד. גאָר ווייניק ייִדן זיינען דאָרט פאַרבליבן. די קהילה איז געוואָרן אַן אָרעמע. אָבער ייִדן האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן טבריה, די הייליקע שטאָט, און געהאָפט, אַז זי וועט די ערשטע אויפגעבויט ווערן.

דאָן יוסף נשיא בויט אויף טבריה

אין 16־טן יאָרהונדערט איז טבריה אויסגעבויט געוואָרן פון דעם ייִדישן פרינץ פון נאַקסאָס, דאָן יוסף נשיא און זיין שוויגער דאָנאַ גראַציאַ מענדעס.

דאָן יוסף נשיא און דאָנאַ גראַציאַ מענדעס זיינען געוועזן רייכע באַנקירן פון פּאָרטוגאַל. זיי זיינען געוועזן מאַראַנען. צוליב די פאַרפאָלגונגען פון דער אינקוויזיציע זיינען זיי אַנטלאָפן קיין טערקיי און דאָרט צוריק אָנגענומען אָפן דעם ייִדישן גלויבן.

דאָן יוסף נשיא איז אין טערקיי געוואָרן דער בעל יועץ פון טערקישן סולטאַן.

אַלע רעגירונגען פון אייראָפּע האָבן געמוזט אָנקומען צום ייִדישן בעל יועץ פון סולטאַן, דאָן יוסף נשיא. ער האָט געהאַט אַ סך מאַכט.

ער און דאָנאַ גראַציאַ האָבן געוואָלט ראַטעווען די ייִדן פון אייראָפּע, וואָס זיינען געוועזן פאַרפאָלגט פון דער אינקוויזיציע. זיי האָבן געחלומט צו אויסבויען טבריה און דאָרט באַזעצן ייִדן.

דאָן יוסף נשיא האָט זיך געווענדט צום סולטאַן ער זאָל אָפּגעבן טבריה און די אומגעגנט פאַר יידן. ער האָט אים דערפאַר צוגעזאָגט אויסבויען פאַבריקן פון זייד און פון וואָלנס אין טבריה.

דער סולטאַן האָט אָנגענומען דאָן יוסף׳ס פּלאַן, און האָט אָפּגעגעבן די שטאָט טבריה און זיבן דערפער אַרום איר פאַר יידן.

דאָן יוסף נשיא מויערט אַ וואַנט אַרום דער שטאָט טבריה

דאָן יוסף נשיא און דאָנאַ גראַציאַ האָבן געגעבן אַ סך געלט, און געשיקט מענטשן צו בויען די שטאָט טבריה. דאָן יוסף נשיא האָט אַרויסגעשיקט שיפן צו די ברעגן פון איטאַליע אויף ברענגען די יידן וואָס ווילן פאָרן קיין טבריה. מען האָט אויסגעבויט הייזער אין טבריה און פּאַלאַצן. דאָן יוסף נשיא האָט אָנגעהויבן פלאַנצן ביימער פאַר זייד־אויסאַרבעטונגען. אין טבריה זיינען אַריבערגעקומען יידן בעלי מלאכות און בויער.

ביי די יידן פון ארץ ישראל איז געווען אַ גרויסע באַגייסטערונג. זיי האָבן געזאָגט אַז טבריה בויט זיך, איז אַ סימן, אַז משיח וועט אינגיכן קומען. די יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות. די אַראַבער זיינען אויפגערודערט געוואָרן, וואָס יידן בויען טבריה. זיי האָבן פאַרשפּרייט אַ לעגענדע, אַז ווען יידן וועלן אויסבויען טבריה וועט פאַרשווינדן דער מאַכמעדאַנישער גלויבן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אויפשטאַנדן צווישן די אַראַבער אַרום טבריה. די אויפשטאַנדן האָט מען געדאַרפט איינשטילן מיט דער הילף פון סולטאַן.

דערווייל איז געשטאָרבן דער סולטאַן סולימאַן, און דער אויפבוי פון טבריה איז צוגעגאַנגען שווערער.

נאָכן טויט פון דאָנאַ גראַציאַ, איז ניט געווען ווער עס זאָל געבן דאָס נויטיקע געלט אויף בויען די שטאָט און אַריבערברענגען יידן. די שטאָט טבריה האָט זיך געווענדט צו יידישע קהילות מען זאָל העלפן. די אַרבעט פון אויפבוי איז איינגעשרומפּן געוואָרן.

הונדערט יאָר האָט זיך געהאַלטן דער ישוב וואָס דאָן יוסף נשיא האָט אויפגעבויט אין טבריה.

ר׳ חיים אבולאפיא קומט אויפשטעלן איבעראַניים דעם ישוב פון טבריה

אין יאָר 1742, דאָס הייסט אַרום צוויי הונדערט יאָר נאָך יוסף נשיא, האָט זיך אויפגעהויבן אַ רב, ר׳ חיים אבולאפיא פון איזמיר, און האָט באַשלאָסן עולה זיין קיין ארץ ישראל און זיך באַזעצן אין דער שטאָט טבריה. ר׳ חיים אבולאפיא האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער ספרדישער משפחה. זיין יחוס האָט ער געצויגן אַזש פון דוד המלך. רב חיים אבולאפיא׳ס זיידע, רב יעקב אבולאפיא, איז געווען אַ רב אין טבריה און ר׳ חיים אבולאפיא האָט געוואָלט גיין אין די דרכים פון זיין זיידן.

דער שייך דאַהיר פון טבריה שיקט אַ בריוו צו ר׳ חיים אבולאפיא

דער שייך פון טבריה האָט זיך דערוואוסט, אַז ר׳ חיים אבולאפיא פון איזמיר וויל עולה זיין קיין טבריה. דער שייך איז געווען זייער צופרידן דערפון. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ר׳ חיים אבולאפיא׳ס קומען קיין טבריה וועט דערהויבן די שטאָט. עס וועלן נאָך אים קומען אויך אַנדערע יידן. דער שייך האָט געשיקט אַ בריוו צו ר׳ חיים אבולאפיא און האָט אים געשריבן: „קום און ירש׳ע די שטאָט פון דיינע עלטערן״.

ר׳ חיים אבולאפיא איז מיט אַ גרויסער באַגלייטונג אָנגעקומען קיין טבריה. דרייסיק מענטשן זיינען זיי געווען. דער שייך דאהיר האָט אים זייער גוט אויפגענומען און געגעבן מתנות.

ר׳ חיים אבולאפיא האָט אויסגעבויט אַ שיינעם בית מדרש. ער האָט געבויט הייזער און אַ מאַרק. ער האָט אויפגעשטעלט אַ געביידע אויף מאַכן אויל. די יידן האָבן געפלאַנצט וויינגערטנער און באַאַרבעט פעלדער. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפילט זיכער און פריי.

אַן אָנפאַל אויף טבריה

איינמאָל האָט ר׳ חיים אבולאפיא געקראָגן אַ בריוו פון די יידן פון דמשק. אין דעם בריוו האָט מען אים געשריבן, אַז דער פאַשאַ פון דמשק גרייט זיך אָנפאַלן אויף דער שטאָט טבריה. דעריבער זאָל

ער, ר׳ חיים אבולאפיא, און אַלע יידן אַרויס פון שטאָט טבריה און זיך ראַטעווען פון דער מלחמה.

ר׳ חיים אבולאפיא איז אַוועק צום שייך דאַהיר און האָט אים געוויזן דעם בריוו.

דער שייך דאַהיר האָט ניט געגלויבט, אַז דער הערשער פון דמשק וויל פירן אַ מלחמה מיט אים. דער שייך האָט געזאָגט צו ר׳ חיים אבולאפיא: זיי רואיק, קיין שום מלחמה וועט ניט זיין אין טבריה.

אָבער ר׳ חיים אבולאפיא האָט באַקומען נאָך אַ בריוו פון די יידן פון דמשק, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט טבריה, ווייל אַ גרויסע מלחמה וועט דאָרט זיין. ר׳ חיים אבולאפיא האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט. ער האָט געזאָגט צו די יידן: וואו וועלן מיר גיין? מיר האָבן דאָ אויסגעבויט הייזער און געפלאַנצט וויינגערטנער. גאָט וועט אונדז היטן און דער זכות פון אַלע צדיקים, וואָס ליגן באַהאַלטן אין טבריה וועט אונדז ביישטיין, און מיר וועלן אויסגעהיט ווערן פון סכנות.

דער פּאַשאַ פון דמשק באַפאַלט טבריה

אין אַ צייט אַרום איז אָנגעקומען דער הערשער פון דמשק מיט אַ גרויסער אַרמיי און האָט באַלאַגערט טבריה. ר׳ חיים אבולאפיא האָט געשיקט די יידן צו די קברים פון די צדיקים זיי זאָלן תפילה טאָן און בעטן ביי גאָט, אַז טבריה זאָל געראַטעוועט ווערן פון דער גרויסער סכנה.

די מלחמה איז געווען אַ שווערע. דער הערשער פון דמשק האָט געשאָסן אויף דער שטאָט טבריה, אָבער קיינעם פון די יידן האָבן די קוילן ניט געטראָפן. דער הערשער פון דמשק האָט צוגעשטעלט צו די ווענט פון טבריה הויכע לייטערס כדי זיינע זעלנער זאָלן אַריבער-גיין איבער דער מויער פון טבריה און איינעמען די שטאָט.

אַ שרעק איז באַפאַלן די איינוואוינער פון טבריה, אָבער זיי האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן גרויסע שטיינער אויף די קעפּ פון די זעלנער, וואָס האָבן געטראָגן די לייטערס, און זעכציק מענטשן זיינען געפאַלן טויט. ווען דער פּאַשאַ פון

דמשק איז שוין געווען ביי די טויערן פון טבריה איז ער פלוצלונג אוועקגעפאַלן און געשטאָרבן. זיין אַרמיי האָט עס אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן און זי האָט זיך אומגעקערט. די שטאָט טבריה איז גע-בליבן גאַנץ, און די יידישע קהילה אין טבריה איז ניצול געוואָרן.

דער רב ר׳ חיים אבולאפיא האָט שבת געדרשנט פאַר די יידן אין בית מדרש און האָט געדאַנקט גאָט פאַרן נס, וואָס איז געשען.

חסידים פון גאַליציע, פוילן, האַלטן אויף דעם ישוב אין טבריה

ר׳ חיים אבולאפיא האָט אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקן ישוב אין טבריה. ער איז געווען אַ ספרדישער ייד. מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער זיינען געקומען פוילישע יידן, חסידים פון גאַליציע, און האָבן פאַר-געזעצט זיין אַרבעט.

מיט די חסידים פון גאַליציע איז געקומען ר׳ מנחם מענדל פון פּרעמישליאַן, אַ תלמיד פון ר׳ ישראל בעל שם טוב. ר׳ מנחם מענדל האָט אויסגעבויט אַ בית מדרש פאַר די חסידישע יידן אין טבריה. אַ סך ליידן זיינען דורכגעגאַנגען די נייע עולים אין טבריה. זיי האָבן געלעבט אין אָרעמקייט, און זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר ליב. ר׳ מנחם מענדל האָט געזאָגט: מיטן גאַנצן האַרצן דאַרפן יידן גלויבן, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, און מיט אַלע כחות דאַרפן זיי היטן די ווענט, דאָס הייסט דעם ישוב פון ארץ ישראל.

די פרוי פון רבי זאב וואָלף זאָגט ווי זי האָט ליב ארץ ישראל

דער רב ר׳ יעקב שמשון פון שעפּעטאָווקע איז געקומען קיין ארץ ישראל. ער האָט זיך געלאָזט רייטן אויף אַן אייזל קיין טבריה זיך זען מיט רבי זאב וואָלף פון זבארזש. ווען ער איז אַריין אין הויף פון רבי זאב וואָלף האָט ער געטראָפן עטלעכע פרויען שטיין און וואַשן וועש. צווישן די פרויען האָט ער דערקאָנט די פרוי פון רבי זאב. ער האָט זיך זייער פאַרוואונדערט. זיין האַרץ האָט אים פאַרקלעמט, וואָס רבי זאב׳ס פרוי דאַרף שטיין און וואַשן וועש. פון גרוים צער האָט ער זיך געוואָלט אומקערן. רבי זאב׳ס פרוי האָט זיך געווענדט צו

אים און האָט געזאָגט: „רבי, זייט ווייסן, אַז דאָס וועש וואָס מיר וואַשן איז נישט אונדזערס. מיר וואַשן וועש פאַר אַנדערע, כדי צו פאַרדינען אויף לעבן. דאָ איז ארץ ישראל, און די מאַטערנישן פון ארץ ישראל זיינען אונדז ליב". ר' יעקב שמשון האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיך געוואָלט אומקערן און ער איז אַראָפּ פון אייזל. ער איז אַריין אין שטוב און האָט געווינטשט פון שמחה, וואָס ער האָט זוכה געווען צו זען די גרויסע ליבשאַפט צו ארץ ישראל.

טבריה די הויפּט שטאָט פון גליל

דורות אויף דורות יידן האָבן געבויט טבריה ביז זיי האָבן זוכה געווען צום אויפקום פון מדינת ישראל. איצט איז טבריה די הויפּט שטאָט פון גליל. דאָרט שטייען גרויסע האָטעלן מיט בלומען־גערטנער, מיט ליכטיקע באַלקאָנען און געשפּיגלטע ווענט. טויזנטער מענטשן פון ארץ ישראל און פון אויסלאַנד קומען אין טבריה זיך אָפּ־רוען און זיך היילן אין די „חמי טבריה". דאָרט זיינען דאָ גאַסן מיט ברייטע טראָטוארן און שיינע אַלייען. די מינעראַל־קוואַלן פון טבריה, די „חמי טבריה", זיינען אַ גרויסער אוצר פאַר דער שטאָט. די שטאָט פאַרוואַלטונג האָט פּלענער אויף מאַכן פון די „חמי טבריה" אַ קור־אָרט פון די גרעסטע אויף דער וועלט.

יידישע פישער שיפן, שווימען אַרום איבערן ים כנרת. פון טבריה ווערט די פיש צעשיקט איבערן גאַנצן לאַנד. עס בויט זיך אַ פאַבריק אויף מאַכן נעצן. טבריה וואַקסט און ווערט אַ מאָדערנע שטאָט.

עס איז אויך דאָ די אַלטע שטאָט טבריה. דאָרט שטייען נאָך די קליינע הייזלעך פון אַמאָל. זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט הויכע שטיי־נערנע מויערן, און זעען אויס ווי פעסטונגען. וואו ניט וואו אַרום שטאָט זעט מען חורבות פון דער אַמאָליקער געמויערט וואַנט, וואָס עס האָט אויסגעבויט אַרום טבריה דאָן יוסף נשיא. עס זיינען דאָ הייזער, וואָס אויף די טויערן איז אָנגעשריבן דער נאָמען אבולאפיא. דאָרט וואוינען די אייניקלעך און אוראייניקלעך פון דעם גרויסן ספרדישן רב, וואָס האָט געבויט די שטאָט.

די געסט און טוריסטן וואָס קומען קיין טבריה פירט מען וויזן די קברים פון די צדיקים. די גאָר אַמאָליקע טבריה, די שטאָט פון ישיבות און תורה, די שטאָט פון סנהדרין, איז נישט פאַרגעסן געוואָרן.

ביים אַריינפאָר פון שטאָט, נישט ווייט פון די „חמי טבריה״, געפינט זיך אַן אהל מיטן קבר פון רבי מאיר בעל הנס. דער אהל ווערט געהיט פון ספרדישע יידן און פון אשכנזישע יידן. דער נאָמען „רבי מאיר בעל הנס״ איז באַקאַנט צו אַלע יידן פון דער וועלט. די צדקה־פושקע פון „רבי מאיר בעל הנס״ איז געווען אין אַלע יידישע הייזער. און אַלע יידן האָבן געוואָרפן געלט אין דער פושקע. דאָס געלט איז געגאַנגען פאַר די אָרעמע יידן פון ארץ ישראל. אַז מען זעט דעם אהל דערמאָנט מען זיך וועגן אַמאָל, ווען טבריה האָט געשיקט משולחים איבער דער וועלט אויף העלפן אויסהאַלטן דעם ישוב.

איצט פאָרן צו צום אהל יידן אין רייכע אויטאָמאָבילן. איצט קומט מען אויף אים אַ קוק טאָן, ווי מען קומט אין אַ מוזעי. טבריה איז אַ וואונדערלעכע שטאָט. אַז אַ מענטש קומט אין טבריה דערפילט ער זיך, ווי ער זאָל קוקן דורך אַ פאַרכשופטער שפּאַקטיוו: ער זעט אַן אַלטע שטאָט פון דעם ווייטן, ווייטן אַמאָל, און ער זעט אַ נייע שטאָט פון מדינת ישראל.

רבי יהודה הלוי

כוזרי

חברו בלשון ערבי החכם הגדול אבי כל המשוררים רבי יהודה הלוי
הספרדי ז״ל אשר קדש שם שמים בויכוחו הישר הזה ,
והעתיקו אותו החכם רבי יהודה בן תבון מרמון
ספרדי אל לשון הקדש במגדל לוני״ל
שנת תתקכ״ו ,

אותו העיר האיש מאיר בן כמר יעקב
ממשפחת פרענצוני :



שער בלאַט פון ספר כוזרי (געדרוקט אין װענעציע, יאָר 1547)

ציון, הלא תשאלי לשלום אסיריך
דורשי שלומך והם יתר עדריך,
מים ומזרח ומצפון ותימן שלום
רחוק וקרוב שאי מכל עבריך.

(יהודה הלוי)

ציון, באַדאַרפסט זיך פרעגן דאָך אויף דיינע קינדער,
ווי זיי צעזייטע און צעשפּרייטע פרעגן.
פון מזרח, מערב, צפון, דרום נעם דעם גרוס
פון נאָנט און ווייט און אַלע ואַנדערוועגן.

(יידיש: י. י. שווארץ)

אין עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט זיינען איינ־צלנע יידן געפאָרן פון שפּאַניע זיך באַזעצן אין ארץ ישראל. אין ירושלים און אין רמלה זיינען געווען קליינע ישובים פון שפּאַנישע יידן.

צווישן די איינצלנע וואָס זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל איז געווען דער גרויסער און באַליבטער דיכטער פון יידישן פאָלק, ר׳ יהודה הלוי.

ער האָט אין זיינע לידער אויסגעזונגען די ליבשאַפט צו גאָט, און די גרויסע בענקשאַפט צו ציון, צו ארץ ישראל.

אַ סך פון זיינע לידער זיינען געוואָרן תפילות פון שבת און יום טוב.

אין האַרציקע געזאַנגען האָט ר׳ יהודה הלוי אַרויסגעבראַכט ווי שווער עס איז צו זיין אין גלות. און ווי גאָלדענע פייגעלעך זיינען געווען זיינע לידער פון האָפענונג, אַז יידן וועלן דערלייזט ווערן און קומען צוריק אין זייער אייגן לאַנד, אין ציון.

ר׳ יהודה הלוי איז געבאָרן געוואָרן אין דער שפּאַנישער שטאָט טאָלעדאָ, אין קאַסטיליע, אין יאָר 1085. ער האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, און האָט אומעטום געהאַט אַ סך פריינט, וואָס האָבן ליב געהאַט אים און זיינע לידער. נאָר ער איז נישט געווען גליקלעך.

ער איז געווען ווי אַ קעניג, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון זיין לאַנד, און דאָרט איז געבליבן זיין קרוין. ער האָט אין ערגעץ נישט געקענט געפינען קיין רו.

„מיין האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב, ווי קען מיר זים זיין מיין שפּייז?"

ר׳ יהודה הלוי האָט אויך אָנגעשריבן דעם „כוזרי". אין דעם ספר ברענגט ער אַרויס די גרויסקייט פון דער יידישער אמונה, און פון יידישן געדאַנק. יידן זיינען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק. צו זיי האָט גאָט אַנטפּלעקט די נבואה. דורך זייער וואָרט איז גאָט באַקאַנט געוואָרן צו אַלע פעלקער פון דער וועלט.

ארץ ישראל, זאָגט ער, איז דאָס אויסדערוויילטע לאַנד. אין ארץ ישראל קענען זיך מענטשן דערהויבן נעענטער צו גאָט.

אין יענע צייטן האָט אַ טייל פון שפּאַניע געהערט צו קריסט־לעכע פעלקער, און אַ טייל צו אַראַבישע פעלקער, מוסולמענער. צווישן די קריסטן און די מוסולמענער זיינען פאָרגעקומען מלחמות. די יידן האָבן זייער שטאַרק געליטן פון די מלחמות. אַמאָל פלעגן די קריסטן פאַרפאָלגן די יידן. און אַן אַנדערש מאָל האָבן די אַראַבער געפּייניקט די יידישע באַפעלקערונג. ר' יהודה הלוי'ן האָט ווי געטאָן דער גורל פון זיין פאָלק. ער האָט געשריבן לידער פון טרויער איבער די ליידן פון די יידן אין גלות, וועגן זייער דערנידעריקונג. „זיי פירן די מלחמות און מיר ליידן די מפּלות, פון איין זייט אַן אומגליק, פון צווייטן אַ שטרויכלונג און קיינער זאָרגט נישט פאַרן וואויל פון ישראל".

ר' יהודה הלוי האָט טיף געפילט די געפאַלנקייט פון יידן צווישן די פעלקער, זייער צעבראָכנקייט. די יידישע טיר איז שטענדיק אָפן פאַר אַן אומגליק, פאַר אַ בלבול, פאַר אַ רויבער, פאַר אַ רוצח. די יידן זיינען הילפלאָז און זיי מוזן אויסגעלייזט ווערן. ער רופט די יידן, זיי זאָלן זיך דערמאָנען וועגן דעם לאַנד פון זייערע אָבות, און זיך אומ־קערן אַהין.

ר' יהודה הלוי זאָגט אין זיינס אַ ליד:

„אייל זיך, דיין גאָט רופט דיך,
פאַרנויג זיך און ברענג אַ מתנה,
און פלי צו ציון, דיין נעסט,
לויט דער שיינקייט דעם וועג וועסט דערקענען".

ער אַליין, באַרימט און רייך, מיט אַ סך פריינט, פילט זיך פונ־דעסטוועגן אומגליקלעך אין שפּאַניע, אין גלות, וואו אַ ייד איז שפּל. עס וועקט זיך אויף ביי אים אַ שטאַרק געפיל צו פאַרלאָזן זיין היים און עולה זיין קיין ארץ ישראל.

אין יענע יאָרן איז דער וועג פון שפּאַניע קיין ארץ ישראל געווען פול מיט גרויסע געפאַרן. מען פלעגט פאָרן לאַנגע וואָכן און חדשים, די

שיפן זיינען געווען קליינע און שוואַכע, און אַ שטורעם האָט זיי גע־קענט צעברעכן.

ר׳ יהודה הלוי׳ס פריינט האָבן אים אָפּגערעדט פון פאָרן, פון איינשטעלן דאָס לעבן.

ר׳ יהודה הלוי הערט זיך נישט צו צו זיי. ער געזעגנט זיך מיט זיין משפחה, מיט זיינע נאָענטע און לאָזט זיך אין ווייטן שווערן וועג.

זיין שיף איז קליין. די קאַבין זיינע איז שמאָל, ווי אַ קבר. ער קען זיך דאָרט אַפילו נישט אויפשטעלן, אַזוי נידעריק איז זי. און ער קען זיך נישט אַוועקלייגן, ווייל עס איז ענג דער פּלאַץ. אויפן ים האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם און דאָס קליינע שיפל שליידערט זיך ווי אַ שפּענדל צווישן די כוואַליעס. אַלע פּאַסאַזשירן זיינען דערשראָקן, ציטערן פאַר זייער לעבן.

ר׳ יהודה הלוי שרייבט דעמאָלט זיינע פּראַכטפולע ים לידער. ער איז נאָענט צו גאָט, און ער פאָרט אין דעם לאַנד פון שיינקייט, קיין ארץ ישראל. ער פילט אַ גרויסע פרייד אין זיין האַרצן.

נאָך אַ סך מאַטערנישן איז ער אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע (מצרים), וואו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט. די יידן פון אַלעקסאַנ־דריע האָבן ר׳ יהודה הלוי אויפגענומען מיט גרויס פרייד. דער ראש בית דין אבן אלעמאַני האָט זיך זייער באַפריינדעט מיט ר׳ יהודה הלוי. ער איז געווען אַ רייכער מאַן, און האָט איינגעלאַדן ר׳ יהודה הלוי ער זאָל וואוינען אין זיין פּאַלאַץ. אַ גליקלעכע צייט האָט ר׳ יהודה הלוי פאַרבראַכט צווישן די יידן פון אַלעקסאַנדריע. אבן אלע־מאַני און זיין משפחה און אַנדערע פריינט פון ר׳ יהודה הלוי האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן. זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל בלייבן אין מצרים. ר׳ יהודה הלוי האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן און האָט פאָרגעזעצט זיין וועג קיין ארץ ישראל.

צי ער איז דערפאָרן קיין ארץ ישראל, אָדער ער איז געשטאָרבן אויפן וועג — ווייס מען נישט. זיין גוף האָט אפשר נישט אויסגע־האַלטן די מאַטערנישן פון דער ווייטער נסיעה. אָבער מיט זיין נשמה איז ער געווים דערפלויגן קיין ציון, וואוהין ער האָט זיין גאַנצן לעבן געבענקט.

עס איז דאָ אַ לעגענדע וועגן ר׳ יהודה הלוי, אַז ווען ער איז גע־שטאַנען לעבן כתל מערבי און האָט געזונגען זיין שענסטע ליד וועגן ציון, איז אָנגעקומען אַן אַראַבישער רייטער. ער האָט מקנא געווען ר׳ יהודה הלוי׳ן פאַר דער שיינקייט פון זיין תפילה, און האָט אים צעטראָטן מיט די קאָפּיטעס פון זיין פערד. אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט אים דערשטאָכן מיט זיין שפּיז.

דער רמב״ן

עזבתי את ביתי נטשתי את נחלתי ושם הנחתי רוחי ונשמתי עם הבנים והבנות אשר כנפשי ועם הילדים אשר טפחתי ורביתי על ברכי הם ראשית דרכי הס לי הנאהבים והנעימים והיו עיני ולבי שם כל הימים ובכור החברים כצפעוני ישך מיודעי מחשך ונקל זאת וכל יקר ראתה עיני להבוות טוב לי יום בחצרך לבקר בהיכלך החרב ומקדשך השמם לחזות לרצות אבניך ואת עפריך לחונן ועל חרבותיך לקונן כי עפריך כפי צוף ופנג ובכיתי עליך במר נפש מספר מר ובבכי אתענג ויהי כהרימי קולי ובקרעי בגדי ומעילי או ינוח לי כי ביום תשיעי לירח אלול שנת חמשת אלפים ועשרים ושבע באתי בעיר החרבה ושוממה מבלי בניה והיא יושבת וראשה חפוי וקראתי עליה כראוי ציון מדבר היתה ירושלם שממה ואצל העיר בנגג הפתח קרעתי עליה ובבאי בנגד הבית הגדול והקדוש קראנו בבכיה רבה בית קדשנו ותפארתנו אשר הללוך אבותינו היה לשרפת אש וכל מחמדנו היה לחרבה וקרענו קריעה שניה בתאניה ואניה וקראנו במקום מזמור קינה לאמר אלהים באו גוים בנחלתך טמאו את היכל קדשך שמו את ירושלם לעיים נתנו את נבלת עבדיך מאכל לעוף השמים בשר חסידיך לחיתו ארץ שפכו דמם כמים סביבות ירושלם ואין קובר היינו חרפה לשכנינו לעג וקלס לסביבותינו עד מה ה׳ תאנף לנצח תבער כמו אש קנאתך שפוך חמתך אל הגוים אשר לא ידעוך ועל ממלכות אשר בשמך לא קראו כי אכל את יעקב ואת נוהו השמו אל תזכר לנו עונות ראשונים מהר יקדמונו רחמיך כי דלונו מאד עזרנו אלהי ישענו על דבר כבוד שמך והצילנו וכפר על חטאתינו למען שמך למה יאמרו הגוים איה אלהיהם יודע בגוים לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך תבא לפניך אנקת אסיר כגדל זרועך הותר בני תמותה והשב לשכנינו שבעתים אל חיקם חרפתם אשר חרפוך אדני ואנחנו עמך וצאן מרעיתך נודה לך לעולם לדור ודור נספר תהלתך

אַן אויסצוג פון פירוש אויף דער תורה פון רמב״ן, ערשטע אויסגאַבע, רוים 1480 (?)
פון דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ניו־יאָרק.

. . . השכינה שורה בארץ ישראל, בחוץ לארץ אף על פי שהכל לשם הנכבד אין טהרה בה שלמה . . .

(רמב״ן)

די שכינה רוט אין ארץ־ישראל און חוץ ארץ־ישראל איז נישטאָ קיין אמת׳ע ריינקייט פון דער נשמה.

אסך מאָל איז ירושלים חרוב געוואָרן, און אַ סך מאָל איז זי צוריק אויפגעבויט געוואָרן, ווייל שטענ-דיק האָבן זיך יידן מיט גרויס ליבשאַפט געצויגן קיין ירושלים — די הייליקע שטאָט, די אייביקע שטאָט.

איינער פון די גרויסע יידן, וואָס איז געפאָרן און זיך באַזעצט אין ירושלים איז געווען דער באַרימטער רב פון שפּאַניע, דער רמב"ן (ר' משה בן נחמן).

דער רמב"ן איז געבאָרן געוואָרן אין דער שפּאַנישער שטאָט גע-ראָנא אין יאָר 1195. ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, איז ער שוין געווען באַוואוסט ווי אַ גרויסער געלערנטער. מען האָט וועגן אים געזאָגט, אַז זיינע רייד זיינען ווי פייערדיקע קוילן — „סיני, עוקר הרים וכל דבריו כגחלי אש". און אַזוי פלעגט מען זאָגן בלויז אויף גרויסע תלמידי חכמים. ער האָט אַ סך געלערנט תורה, גמרא און וויסנשאַפטן; געטראַכט וועגן גאָט, און וועגן דעם הייליקן לאַנד, וועגן ארץ ישראל; וועגן דעם בית המקדש, וואו די שכינה האָט גערוט; וועגן דעם יידישן פאָלק, וואָס מאַטערט זיך אין פרעמדע לענדער, אין גלות. ער האָט געבעטן גאָט משיח זאָל קומען און אויסלייזן די יידן, ער זאָל זיי ברענגען צוריק אין לאַנד פון זייערע אָבות.

דער רמב"ן האָט געזאָגט, אַז איינע פון די תרי"ג מצוות איז וואוי-נען אין ארץ ישראל.

דער רמב"ן האָט געלעבט אין שווערע צייטן פאַר יידן. די קריסט-לעכע גלחים האָבן די יידן געפּייניקט. פאַר אַ ייד איז נישט געווען קיין שוץ און קיין געזעץ. מיט גוואַלד האָט מען געשלעפּט יידן אין די קירכן צום שמד. אַ סך יידישע טרערן און יידיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן.

דער רמב"ן האָט געשטאַרקט די אמונה פון די יידן. ער האָט געלערנט מיט זיי תורה — די טיפקייט פון דער תורה, די שיינקייט פון דער תורה, די סודות פון דער תורה. הונדערטער תלמידים האָט ער געהאַט. ער איז געווען אַן אָנלען פאַר די יידן אין שפּאַניע אין דער ביטערער צייט.

צוואַנציק יאָר האָט ער געשריבן ספרים, דערקלערונגען צום חומש און צו דער גמרא. ער האָט געזאָגט: „די יידן זיינען מיד פון צרות און פון יאָך פון גלות. זיי לייענען דעם חומש שבת און יום-טוב. מען דאַרף זיי גרינג מאַכן דאָס לערנען מיט אָנגענעמע און באַלערנדיקע דערקלערונגען".

איבער גאָר דער וועלט האָבן יידן געלערנט דעם רמב"ן'ס ספרים, אין זיין צייט און אין שפּעטערדיקע דורות.

אַ סך ליידן איז דער רמב"ן אויסגעשטאַנען אין שפּאַניע. די גלחים פּלעגן אויסטראַכטן בלבולים אויף יידן, און אויף דער יידישער אמונה. אַ סך מאָל האָט מען יידישע ספרים פאַרברענט.

דער רמב"ן האָט פאַרטיידיקט די יידישע אמונה מיט חכמה און טיפן פאַרשטאַנד. ער האָט דערפאַר געהאַט שונאים צווישן די קריסט-לעכע געלערנטע גלחים.

אין יאָר 1263 האָט אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך פּאַבלאָ אַרויסגערופן דעם רמב"ן אויף אַ ויכוח. פּאַבלאָ האָט איינגערעדט דעם קעניג פון אַראַגאָן, אַז ער וועט אויף דעם ויכוח דערווייזן די פאַלשקייט פון יידישן גלויבן, און אַז די יידן דאַרפן זיך שמדן.

דער ויכוח איז פאָרגעקומען אין באַרצעלאָנאַ, אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. עס איז ביי געווען דער קעניג, עס זיינען געקומען אַ סך גלחים פון דער קאַטוילישער קירך און אַדעליקע. און אין קעניגלעכן פּאַלאַץ איז געקומען דער רמב"ן מיט נאָך עטלעכע רבנים פאַרטיידיקן די יידישע אמונה.

דער רמב"ן האָט בשעת דעם ויכוח באַצויבערט אַלעמען. אַפילו זיינע שונאים האָבן באַוואונדערט זיין גרויסקייט. פאַרן קעניג, די גלחים און די נאָבעלליט איז געשטאַנען אַ ייד מיט אַ טיפן גלויבן אין גאָט, אַ פירער פון אַן עקשנותדיקן פאָלק, וואָס מען קען זיין אמונה ניט ברעכן. נאָכן ויכוח האָט דער קעניג באַשאָנקען דעם רמב"ן מיט אַ מתנה.

דער נצחון פון דעם רמב"ן האָט אויפגעבראַכט די גלחים. זייער שנאה צו אים איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. זיי האָבן דעם רמב"ן פאַרקלאָגט אין געריכט, אַז ער האָט באַליידיקט די קריסטלעכע אמונה.

דער רמב״ן האָט געמוזט פאַרלאָזן שפּאַניע. ער איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, צו דעם לאַנד צו וועלכן ער האָט שטענדיק געבענקט.

שווער איז אים געווען זיך געזעגענען מיט זיין משפּחה. ער שרייבט וועגן דעם: „איך בין פול מיט צער, איך האָב פאַרלאָזן מיין היים, זיך דערווייטערט פון מיינע ליבע און פריינט, זיך אָפּגעשיידט פון ברידער. איך האָב פאַרלאָזן מיין הויז — מיט די זין און די טעכ־טער, וואָס איך האָב ליב, מיט די קינדער, וואָס איך האָב אויסגעהאָ־דעוועט און דערצויגן. — און מיין האַרץ און מיינע אויגן זיינען גע־ווענדט אַהין שטענדיק. נאָר עס איז מיר ליבער איין טאָג צו זיין אין דיינע חרובע הויפן, ירושלים, און זען דיין חרובן בית המקדש, ליב צו האָבן דיינע שטיינער און זיך וואַלגערן אין דיינע שטויבן און באַ־וויינען דיינע חורבות, ווייל דיין שטויב איז ווי האָניק־געטראַנק אין מיין מויל״.

ארץ ישראל איז געווען צעשטערט ווען דער רמב״ן איז אַהין אָנ־געקומען. עס איז געווען נאָך די מלחמות פון די קרייץ־צוגן און נאָכן אָנפאַל פון די טאַטאַרן. ירושלים איז געווען חרוב. די הייזער פאַר־ברענט, קיין יידן זיינען כמעט נישט געווען. אַ טייל זיינען זיך צעלאָפן אין אַנדערע שטעט, און אַ סך זיינען אומגעקומען. דאָס קומען פון רמב״ן איז געווען אַ טרייסט פאַר די יידן פון ארץ ישראל.

דער רמב״ן האָט זיך באַזעצט אין ירושלים. אַז ער האָט דערזען ווי חרוב עס איז ירושלים, איז ער געפאַלן צו דער ערד און צעריסן זיינע קליידער. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אַ תפילה אויף ירושלים און פאַרענדיקט די תפילה מיט אַ היים געבעט, אַז ירושלים זאָל אויפ־געריכט ווערן: „איך משה בן נחמן, וואָס איז געקומען זען דיין חרובע שטאָט, זאָל נאָך זוכה זיין זען דיין בית המקדש אַן אויסגעבויטן, און אונדזערע אויגן זאָלן זען ירושלים אין רו און אין שלום; די שטעט פון יהודה אויפגעבויטע, און די יידן זאָלן זיך אַהין אומקערן״.

צוויי אָרעמע יידן, פאַרבער, זיינען געווען אין ירושלים. צו זיי אין שטוב פלעגט מען קומען שבת דאַוונען, ווייל די בתי מדרשים זיי־נען געווען פאַרברענט. קוים אַ מנין יידן האָט זיך אויפגעקליבן צום דאַוונען.

דער רמב״ן האָט די עטלעכע אָרעמע יידן געמונטערט. זיי האָבן אויסגעבויט אַ בית מדרש. מען האָט געשיקט מענטשן אין שכם ברענגען די ספרי־תורות, וואָס זיינען דאָרט געווען באַהאַלטן אין צייט פון די מלחמות.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער רמב״ן איז אין ירושלים, זיינען אַהין געקומען יידן פון גאַנץ ארץ ישראל, און פון בבל און פון אַנדערע לענדער. תלמידים זיינען עולה געווען הערן תורה פון רמב״ן. מען האָט אויסגעבויט אַ ישיבה אין ירושלים.

דער רמב״ן איז אַלט געווען 73 יאָר ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ ישראל, און געלעבט האָט ער דאָרט דריי יאָר. אין די דריי יאָר האָט ער אויפגעריכט דעם ישוב. זיין השפּעה איז געווען אַזוי גרויס, אַז דרייסיק יאָר נאָך זיין טויט האָבן זיך נאָך אַלץ געצויגן תלמידים קיין ירושלים לערנען אין דער ישיבה, וואָס ער האָט געגרינדעט.

דער רמב״ן איז געשטאָרבן אין עכו, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין חיפה.

וועגן רמב״ן זיינען אומגעגאַנגען צווישן פאָלק אַ סך לעגענדעס.

איין לעגענדע דערציילט: ווען דער רמב״ן איז עולה געווען קיין ארץ ישראל האָבן זיינע תלמידים אים באַגלייט. ביים געזעגענען זיך מיט אים האָבן זיי אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי געבן אַ סימן, זיי זאָלן וויסן אין וועלכן טאָג ער וועט נפטר ווערן.

האָט ער זיי געזאָגט: איר זאָלט וויסן, אַז אין דעם טאָג ווען איך וועל שטאַרבן וועט זיך די מצבה אויפן קבר פון מיין מוטער צעשפּאַלטן אויף צווייען און אין שפּאַלט וועט זיך באַווייזן אַן אויסגעקריצטע מנורה.

אין דריי יאָר אַרום האָט איינער פון זיינע תלמידים געזען, אַז די מצבה איז צעשפּאַלטן אויף צווייען און אַ מנורה איז דאָרט אויסגעקריצט. האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן רמב״ן׳ס טויט, און דאָס פאָלק האָט געטרויערט נאָך אים.

רבי ישראל שקלאָווער

ספר

פאת השלחן

והוא סוף וסיום לארבע שלחן ערוך

אשר נחסר בסדרי השלחנות אלו הלכות מהלכות א״י והם הלכות פאה והלכות לקט והלכות שכחה והלכות מ״ע והלכות דמאי והלכות שביעית · ועוד כמה דיני א״י הנוהגים ומבואר פנימה לשון רבינו הרמב״ם ז״ל וניתוסף הרבה הגהות דינים מרבותינו הראשוני׳ הר״ש הוקורסי׳ והוספות ובה״ג ורמב״ן וראב״ד וש״פ וכמה הלכות מתוספתא וירושלמי אשר נסמנו וגם שיטות עמוקות וגירסאות נפלאות בסדר זרעים ירושלמי מיוסדן הגאון האמיתי רבשכבה״ג אור עולם רבינו אליהו החסיד נ״ע מווילנא וסדרתי׳ בקצרה בלשון שלחן ערוך ותלידו ביאור ארוך על כל ההלכות והכוסמים ולשונות הרמב״ם ז״ל וישובים לקושיו׳ הגאונים ונקרא בשם בית ישראל וטעם שם הספר וחוכן ענייניו יבואר בהקדמת הספר באורך שם יראה המעיין ויבין דבר על אפנו מחברתיו אני הצעיר דמתחבריית עבר ארץ ישראל בעה״ת כ׳ תקלין חרתין מעה״ק צפת גליל העליון תוב״בא

תחת ממשלת אדונינו השר הגדול מחמד עלי באשא יר״ה		ע״י התאמצות והשגחת האברך המופלג מו׳ שמעי׳ נ״י במו׳ ישכר בער הלוי ז״ל

פה גליל העליון

עה״ק **צפת** תובב״א

בשנת שאלו שלום ירושלים לפ״ק

שער־בלאַט פון ר׳ ישראל שקלאָווערס ספר, גענומען פון דער יידישער אָפּטיילונג פון דער שטאָטישער ביבליאָטעק, ניו־יאָרק.

דורך אַ סך יסורים האָב איך זוכה געווען צו זיין 27 יאָר אין ארץ־ישראל. אַ סך מאָל געשטראָפט געוואָרן, אַ סך אי־בערלעבענישן זיינען אריבער איבער מיר: שרעק, כאָלערע און הונגער האָב איך פאַרזוכט, און אין תפיסה בין איך געזעסן, און שׂונאים האָב איך געהאַט אַ סך, וואָס האָבן געלויערט אויף מיר. וואָס קענען מיר מענטשן טאָן, אויב גאָט איז מיין הילף? און וואָס האָב איך ניט געטאָן? השגחה געגעבן אויף דער יידישער געמיינדע און געלערנט תורה מיט תלמידים און געלייגט גרונט־שטיינער אויף בויען דעם ישוב. און אין ווייטע לענדער האָב איך דערציילט די לויב פון ארץ־ישראל און געלערנט מיט אַנדערע די תורה פון רבי אליהו גאון.

(פון פאָרוואָרט צו זיין ספר „פאת השלחן")

רב ישראל שקלאָווער איז געווען אַ באַליבטער תלמיד פון ווילנער גאון, רב אליהו. דער ווילנער גאון האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער מצוה פון וואוינען אין ארץ ישראל. נאָך זיין טויט זיינען אַ סך פון זיינע תלמידים אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל.

רב ישראל שקלאָווער האָט אין אָנהויב פון ניינצענטן יאָרהונ-דערט אויפגעזאַמלט אַ גרופע פון זיבעציק מענטשן, און זיי זיינען עולה געווען קיין ארץ ישראל. ער האָט מיטגענומען זיין משפחה, זיינע זין, טעכטער און איידעמס און אויך זיינע אַלטע טאַטע-מאַמע. זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין דער שטאָט צפת.

דער וועג האָט זיי אַלעמען געקאָסט אַ סך געלט, און ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין צפת האָבן זיי נישט געהאַט פון וואָנען צו לעבן. אין צפת האָבן זיך געפונען דעמאָלט אַ פערציק משפחות, ליט-ווישע יידן און אַ היפשע קהילה ספרדישע. די צפת'ער יידן האָבן זייער גוט אויפגענומען די ניי-אָנגעקומענע, אָבער זיי זיינען אַליין געווען אָרעם און זיי נישט געקענט העלפן.

אויף ר' ישראל שקלאָווער איז געפאַלן אַ גרויסער יאָך. מען דאַרף פרנסה פאַר אַ סך יידן. ער האָט געוואָלט בויען אַ בית מדרש אויפן נאָמען פון ווילנער גאון, קויפן ספרים צום לערנען. קיין געלט איז נישט געווען.

די יידן פון צפת האָבן געבעטן ר' ישראל שקלאָווער, ער זאָל זיין זייער שליח. ער זאָל פאָרן צוריק קיין ליטע, דאָרט דערציילן וועגן זייערע נויטן און זאַמלען געלט פאַר די יידן פון צפת.

רב ישראל שקלאָווער האָט נישט געוואָלט פאָרן. ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט זיין משפחה, מיט זיינע עלטערן, און ער האָט ליב געהאַט דאָס לאַנד. אָבער ער האָט געמוזט נאָכגעבן און ער איז אַוועקגעפאָרן.

עס איז דעמאָלט געווען אַ מלחמה צווישן רוסלאַנד און טערקיי. קיין שיפן זיינען נישט געגאַנגען. ער האָט זיך געמוזט שלעפן מיט דער יבשה פון לאַנד צו לאַנד, רייטנדיק אויף אייזלען, פאָרן מיט אַ

וואָגן — ביז ער איז אָנגעקומען קיין ווילנע. לאַנגע חדשים האָט גע־דויערט דער וועג.

אין ליטע האָט מען זיך מיט ר׳ ישראל׳ן זייער דערפרייט. ער האָט זיי געבראַכט בריוו פון די רבנים פון ארץ ישראל, און האָט זיי דערציילט ווי יידן לעבן דאָרט. פון איין שטאָט אין דער אַנדערער איז ער געפאָרן און אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט שמחה און געגעבן אים געלט פאַר ארץ ישראל.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנען. נאַ־פּאָלעאָנ׳ס אַרמיי האָט איינגענומען ליטע. מיט גרויסע שוועריקייטן איז ר׳ ישראל אַרויסגעפאָרן. ער האָט זיך געשלעפּט דורך פראָנטן, זיך געמאַטערט, און געוואָגלט ביז ער איז אָנגעקומען צוריק קיין ארץ ישראל.

ווען ער איז אָנגעקומען אין צפת האָט דאָרט געבושעוועט אַ מגפה פון כאָלערע. טויזנטער מענטשן זיינען געפאַלן פון דער עפּידע־מיע. כדי זיך צו ראַטעווען פון טויט זיינען אַ סך יידן אַנטלאָפן אין די בערג, און אין מדבר. ר׳ ישראל און זיין משפחה זיינען אַנטלאָפן קיין ירושלים. זיין פרוי איז אויפן וועג קראַנק געוואָרן און איז גע־שטאָרבן. אין ירושלים זיינען געשטאָרבן זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער. די מגפה האָט אַוועקגענומען זיינע איידעמס און זיינע על־טערן. ער איז געבליבן אַליין מיט אַ קליין טעכטערל, שיינדל, זי איז אויך געווען קראַנק. ער איז געלעגן אויף אַ דאַך אין גרויסע יסורים און האָט געוויינט. ער האָט תפילה געטאָן, אַז זיין איינציק פאַרבלי־בענע טעכטערל זאָל בלייבן לעבן און האָט אַ נדר געטאָן אָנשרייבן אַ ספר וועגן דינים פון זריעה (זייען די פעלדער) אין ארץ ישראל. אַ פאַרמאַטערטער פון געוויין איז ער אַנשלאָפן געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמיצער האָט אים אָנגערירט און געזאָגט: „געשלאָ־גענער מענטש, זיי געהיילט״. זיין טאָכטער איז געזונט געוואָרן.

אַרום אים זיינען געווען אַ סך אומגליקלעכע יידן, וואָס די מגפה האָט אומגעבראַכט זייערע משפחות.

ר׳ ישראל האָט געשריבן בריוו צו די יידן אין ליטע און אין אַמ־סטערדאַם און האָט געפאָדערט פון זיי הילף פאַר די יידן אין ארץ ישראל, ווייל די יידן אין ארץ ישראל ליידן פאַר אַלע יידן.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז אין צפת פאָרגעקומען אַן אויפ־שטאַנד פון די אַראַבישע פּויערים קעגן דעם הערשער פון מצרים. אין ציים פון דעם אויפשטאַנד זיינען די פּויערים באַפאַלן די יידן פון צפת. מען האָט צעשטערט זייערע וואוינונגען, מען האָט אַ סך פון זיי אוים־גע'מאַן נאַקעט און ארויסגעטריבן פון שטאָט. די רבנים און רייכע יידן האָט מען אַרעסטירט כדי צו קריגן פון זיי אויסקויף געלט. אויך ר׳ ישראל שקלאָווער איז אַרעסטירט געוואָרן. צום גליק האָט זיך איינ־געגעבן דעם רוסישן קאָנסול אים צו באַפרייען. מיט דעם האָבן זיך נאָך נישט געענדיקט די אומגליקן פון דער שטאָט צפת. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז אין צפת געווען אַן ערד־ציטערניש. הייזער זיינען אומגע־פאַלן, גאַסן זיינען איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. ר׳ ישראל שקלאָווער איז גראָד דעמאָלט געווען אין ירושלים. ווען ער האָט דער־הערט וועגן דעם גרויסן אומגליק פון די צפת׳ער יידן, האָט ער אַרוים־געשיקט צוואַנציק מענטשן פון ירושלים קיין צפת זיי צו העלפן. די יידן אין ירושלים זיינען געגאַנגען אין די בתי מדרשים, זיך געזעצט אויף דער ערד און באַוויינט דעם חורבן פון צפת.

די יידן פון גאָר דער וועלט האָבן זיך אָפּגערופן אויפן אומגליק. פון אַלע לענדער איז אָנגעקומען הילף פאַר די צפת׳ער יידן. ר׳ ישראל שקלאָווער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצן כח צו באַקומען געלט און ראַ־טעווען די געליטענע.

די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן האָט ער געוואוינט אין ירו־שלים, און האָט דאָרט אָנגעפירט מיט דער אשכנזישער קהילה. אַפילו די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט געקענט ר׳ ישראל שקלאָווער און האָט געהאַט צו אים צוטרוי און גרוים דרך ארץ.

מען דערציילט אַז איינמאָל איז געווען אַ יקרות אין לאַנד, און די אָרעמע יידן האָבן נישט געהאַט קיין מצות אויף פּסח. ר׳ ישראל שקלאָווער איז געזעסן ביי זיך אין הויז אַ פאַרזאָרגטער: וואו נעמט מען געלט אויף מצות פאַר די אָרעמע יידן? דעמאָלט איז צוגעפאָרן צו זיין הויז אַ קאַראַוואַן בעדואינער מיט קעמלען אָנגעלאָדענע מיט זעקלעך מעל. זיי האָבן געגעבן די זעק מעל ר׳ ישראל שקלאָווער אַן

געלט. בלויז אַ צעטל האָבן זיי ביי אים געפונען, אַז ער וועט זיי שפּע־
טער באַצאָלן. זיי זיינען קיינמאָל ניט צוריק געקומען מאָנען דאָס
געלט.

ר׳ ישראל שקלאָווער האָט געלעבט אין ארץ ישראל זיבן און
צוואַנציק יאָר. ער איז נפטר געוואָרן אין טבריה. די יידן אין ארץ
ישראל האָבן באַוויינט דעם גרויסן פאַרלוסט.

שליחים פון ארץ ישראל

(פון דער אויסגאַבע פון דער אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער
געזעלשאַפט אין ניו־יאָרק)

שלוחי מצוה אינן נזוקין.

(מאמר חז"ל)

די וואָס מען שיקט טאָן אַ מצוה גייען און קומען בשלום.

וואויל איז דעם פאָלק ישראל, ווען עס קומט צו זיי אַ שליח פון ארץ־ישראל נעמט מען אים אויף מיט כבוד און מיט ליבשאַפט און ער איז טייערער ווי דאָס שוואַרצאַפל פון אויג.

(ר' חיים יוסף דוד אזולאי)

ארץ ישראל איז שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט די יידן אין אַנדערע לענדער. פון ארץ ישראל האָט מען געשיקט שליחים אויף זאַמלען געלט פאַר די ישיבות אין ירושלים, אין טבריה, אין צפת.

די יידן פון דער גאָרער וועלט האָבן אויפגענומען דעם משולח מיט גרויס כבוד. ער האָט זיי געבראַכט בריוו פון די רבנים. ער האָט זיי דערציילט וועגן די מנהגים פון ארץ ישראל. פון דעם משולח האָט מען געהערט, ווי די יידן אין ארץ ישראל האַלטן יום-טוב, און פון וואָס זיי לעבן. דער משולח האָט געבראַכט אַ גרוס פון ארץ ישראל.

פאָרן אין שליחות, דאָס הייסט זיין אַ משולח, איז געווען נישט גרינג אין די אַמאָליקע יאָרן. קיין באַנען זיינען נישט געווען. קיין שאָסייען זיינען אויך נישט געווען. די וועגן זיינען געווען שלעכטע. דער משולח איז געפאָרן זיצנדיק אויף אַ קעמל, געשלעפּט זיך דורך מדבריות לאַנגע וואָכן. אָפטמאָל איז ער קראַנק געוואָרן צוליבן שווערן וועג. פאָרן אַליין האָט מען נישט געקענט. מען האָט געמוזט פאָרן מיט אַ קאַראַוואַן, ווייל מען האָט מורא געהאַט פאַר רויבער. ווען דעם משולח פלעגט אויסקומען צו פאָרן איבערן ים, איז זיין וועג אויך געווען אַ שווערער. די שיפלעך זיינען געווען קליינע: אַ ווינט האָט זיי געקענט איבערקערן. עס איז אויך געווען אַ סכנה פון ים-פּיראַטן.

מען דערציילט וועגן אַ משולח ר׳ יעקב אריה, וואָס די יידן פון ירושלים האָבן אים געשיקט קיין באַגדאַד אין יאָר 1679. ער איז גע-פאָרן מיט אַ קאַראַוואַן קעמלען אין דער מדבר. עס איז אָנגעקומען שבת. ער האָט נישט געוואָלט מחלל שבת זיין. רב יעקב אריה האָט נישט געוואָלט פאָרן ווייטער מיטן קאַראַוואַן, ער האָט געבעטן דעם אָנפירער פון קאַראַוואַן ער זאָל וואַרטן אויף אים ביז איבער שבת. דער אָנפירער האָט נישט געוואָלט וואַרטן. דער קאַראַוואַן איז אַוועק מיט זיין וועג. ר׳ יעקב אריה איז געבליבן אַליין. דעמאָלט איז גע-קומען אַ לייב, האָט זיך געשטעלט לעבן ר׳ יעקב אריה, דעם משולח

פון ירושלים, און האָט אים געהיט פון ווילדע חיות און פון רויבער א גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג איבער שבת.

שבת אויף דער נאַכט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די שטערן, האָט דער לייב זיך געשטעלט אויף די קני לעבן ר׳ יעקב אריה׳ן. ער האָט זיך געזעצט רייטנדיק אויפן רוקן פון לייב. דער לייב איז געלאָפן שנעל און ער האָט דעריאָגט דעם קאַראַוואַן. ר׳ יעקב אריה האָט פאַרגעזעצט זיין וועג מיטן קאַראַוואַן ביז ער איז בשלום אָנגעקומען קיין באַגדאַד, אויספירן זיין שליחות פון ירושלים.

נאָך דערציילט מען וועגן אַ משולח, ר׳ רפאל אוחנאַ, וואָס די שטאָט טבריה האָט אים געשיקט צו די יידן פון בוכאַרע. דאָס איז געווען אין 19-טן יאָרהונדערט. זיבעצן טעג איז ער געפאָרן דורך דער מדבר. גרויסע סכנות איז ער בייגעשטאַנען. זיצנדיק אין זייןביידל אויפן קעמל, האָט ער אַ נדר געטאָן: אויב ער וועט דערפאָרן בשלום קיין בוכאַרע, וועט ער אָנשרייבן אַ ספר וועגן דער הייליקער שטאָט טבריה. ער האָט ניט געוואַרט ביז ער וועט קומען קיין בוכאַרע. ער האָט באַלד אַרויסגענומען אַן אייזערנע פען און האָט אָנגעהויבן שרייבן זיין ספר. ווען ער איז אָנגעקומען קיין בוכאַרע האָט ער דעם ספר פאַרענדיקט. ער האָט באַשריבן די שטאָט טבריה, וועגן די צדיקים, וואָס האָבן דאָרט געלעבט, און וועגן די געשעענישן, וואָס האָבן פאַסירט מיט די יידן אין דער שטאָט.

אין יעדן לאַנד האָט מען אַ משולח פון ארץ ישראל אויפגענומען אויף אַ באַזונדערן אופן, אָבער אומעטום מיט גרויס ליבשאַפט.

אַז אַ משולח פון ארץ ישראל איז אָנגעקומען אין קורדיסטאַן, זיי־נען אַלע יידן אים געגאַנגען באַגעגענען. מען האָט געקושט זיינע קליי־דער. מען האָט אים געטראָגן אויף די הענט ביז מען האָט אים געבראַכט אין הויז פון דעם חשובסטן יידן, דעם נשיא. דאָרט האָט מען געוואַשן זיינע פיס. דאָס וואַסער האָט מען געהאַלטן פאַר אַ רפואה קעגן קראַנקהייטן, ווייל אין דעם וואַסער איז געווען דער שטויב פון דער ערד פון ארץ ישראל. מענער און פרויען זיינען געקומען צו אים ער זאָל זיי בענטשן. מען האָט אים געגעבן גרויסע נדבות און מתנות, מער וויפל זיי האָבן געקענט, און אַזוי האָבן זיי אויסגעדריקט זייער ליב־שאַפט צו ארץ ישראל.

אין איטאַליע האָבן די רבנים אויפגענומען דעם משולח פון ארץ ישראל. זיי האָבן אים געפרעגט פאַרשיידענע שאלות און ער פלעגט זיי ענטפערן.

טאָמער עס זיינען געווען סכסוכים צווישן רבנים, אָדער סוחרים, האָט דער משולח זיי אויסגעהערט, און געזאָגט ווער עס איז גערעכט. זיינע רייד פלעגט מען פאַרשרייבן אין באַזונדערע ספרים, און די ספרים זיינען געבליבן באַהאַלטן אין דער קהילה.

דער משולח האָט איינגעשטעלט וויפל געלט יעדע שטאָט דאַרף שיקן קיין ארץ ישראל. זיין וואָרט איז געווען הייליק. יעדע שטאָט האָט געשיקט די סומע געלט וואָס דער משולח האָט באַשטימט.

אויף דעם אופן האָבן די יידן פון איטאַליע אויסגעדריקט זייער ליבשאַפט צו ארץ ישראל.

אויפנעמען דעם משולח און געבן געלט פאַר ארץ ישראל האָט זיך גערעכנט פאַר אַ מצוה און אַ גרויסע זכיה.

מען דערציילט אַ מעשה וועגן אַ משולח פון ארץ ישראל, וואָס איז געקומען אין אַ שטאָט, און דאָרט האָט אים אויפגענומען אַ גרויסער גביר. ביי דעם גביר איז געווען אַ אינגל, אַ משרת, אַ באַדינער, הייסט עס. דער משרת האָט זייער ליב געקראָגן דעם משולח פון ארץ ישראל. ער האָט אים באַדינט מיט גרוים דרך ארץ. צו דער נדבה וואָס דער גביר האָט געגעבן, האָט דער משרת צוגעלייגט זיין גאַנצן געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין אַרבעט. דער משולח האָט גענומען ביי אים זייןביישטייער און האָט אים געבענטשט מיט עשירות און תורה.

ווען דאָס אינגל איז אויסגעוואַקסן האָט ער געהאַט הצלחה אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן. ער איז געוואָרן אַ רייכער מאַן. ער האָט זיך אָבער שטענדיק געקימערט וואָס ער קען נישט קיין תורה. ער האָט אויפגעגעבן זיינע געשעפטן און האָט זיך גענומען צום לערנען. ער איז געוואָרן אַ גרויסער למדן. אָבער אין שטאָט האָט מען נאָך אים אַלץ גערופן „דער משרת". ער האָט זיך געפילט באַליידיקט דערפון. איינמאָל איז אין שטאָט געקומען אַ גרויסער רב. די חשובע יידן פון שטאָט זיינען אים געגאַנגען באַגעגענען. דער רב האָט זיי געזאָגט, אַז ער וויל זען „דעם משרת". ווען דער משרת איז געקומען,

האָט דער רב געזאָגט: אַ גרויסע זכיה האָסטו וואָס מען רופט דיך „משרת": דו האָסט באַדינט דעם משולח, דו האָסט באַדינט ארץ ישראל, און דו ביסט אַ דינער פון דער תורה, האָסטו זוכה געווען מען זאָל דיך רופן „משרת".

און אַזוי איז אים פאַרבליבן דער נאָמען „דער משרת". אָבער אויסריידן דעם נאָמען פלעגט מען מיט גרויס דרך ארץ, ווייל נישט יעדערער האָט זוכה געווען דערצו.

ביזן היינטיקן טאָג קומען שליחים פון ארץ ישראל צו די יידן אין אַלע לענדער. עס קומען שליחים פון „קרן הקימת", וואָס האָט געקויפט באָדן אין ארץ ישראל און האָט געהאָלפן אויסבויען אַ סך ישובים.

עס קומען שליחים פון דער „הסתדרות", די אַרבעטער אָרגאַניזאַציע פון ארץ ישראל, וואָס האָבן אויסגעבויט פאַבריקן, און שולן, און שפּיטאָלן, און ביבליאָטעקן און דערפער אין ארץ ישראל.

עס קומען שליחים פון ישיבות, וואו מען לערנט תורה אין ארץ ישראל. ביזן היינטיקן טאָג נעמט מען אויף די שליחים מיט גרויס כבוד. זיי ברענגען דעם גערוס פון ארץ ישראל. מען גיט זיי געלט און מתנות.

די ביל״ויים



אַ גרופּע ביל״ויים אויף דער עלטער

עם ישראל! שא עיניך וראה כי בניך הצעירים מתרפקים אליך, ובלא לב ולב הנם עומדים הכן לעבוד עמך ביחד להשיב שבותך ולראותך מאושר וצולח בקרב הארץ! התעורר נא, אפוא, ותן מקום לרגשות בניך לצאת מן הכח אל הפועל... דרך אחת יש לך ורק בה תושב לנצח וכבודך ישוב לפרוח. הדרך הזאת היא — ציונה!

(קול בני הנעורים, אָדעס, ניסן, תרמ״ב)

פאָלק ישראל! הויב אויף דיינע אויגן און זע ווי דיינע יונגע זין טוליען זיך צו דיר, און מיטן גאַנצן האַרצן זיינען זיי גרייט צו אַרבעטן מיט דיר פאַר שיבת ציון און זען דיך גליקלעך און אויפגעריכט אין דיין לאַנד. כאַפּ זיך אויף און העלף דיינע קינדער צו טאָן זייער טואונג. בלויז איין וועג האָסטו, און דורך דעם וועג וועסטו געהאָלפן ווערן, וועסטו קומען צו כבוד און בליאונג. דאָס איז דער וועג קיין ציון!

(דער אויפרוף פון די יונגע יידן
אָדעס, ניסן, תרמ״ב — 1882)

ערכם של הבילויים הוא לא רק ביצירת גדרה, כי אם באגדה שיצרה העם, האגדה שבה החיינו את נפשנו ברעב ובצמא.

(ברל כצנלסון)

דער אויפטו פון די ביל״ויים איז נישט בלויז וואָס זיי האָבן אויסגעבויט גדרה, נאָר די לעגענדע וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אַרום זיי, וואָס מיט איר האָבן מיר זיך געשטאַרקט אין צייט פון הונגער און פון דאָרשט.

אין ארץ ישראל, אויפן וועג צום נגב, געפינט זיך אַ קליינער ישוב — גדרה. מיט שמאָלע געסלעך, נידע־ריקע הייזלעך שטייט גדרה אָן אַ זייט פון שאָסיי. נאָר ביי יעדערן, וואָס פאָרט דורך לעבן דעם ישוב גיט אַ קלאַפּ דאָס האַרץ — עס איז גדרה! — די אָדלער־נעסט פון די ביל'ויים, די געוואַגטע בעלי־חלומות און חלוצים פון דער ערשטער עליה. דורך נויט, און דורך הונגער, און קראַנקהייטן און יסורים האָבן די ביל'ויים אין די אַכציקער יאָרן פון ניינצענטן יאָר־הונדערט אויף אַ וויסטן פלאַץ אויסגעבויט גדרה.

פון אַלטן צאַרישן רוסלאַנד זיינען געקומען די ביל'ויים. די יידן אין רוסלאַנד האָט זיך געלעבט שווער. זיי האָבן נישט געטאָרט וואוי־נען וואו זיי האָבן געוואָלט, נאָר אין באַשטימטע געגנטן אין שטעט און שטעטלעך. זיי האָבן נישט געטאָרט באַאַרבעטן די ערד. זיי האָבן נישט געטאָרט זיין אויף רעגירונג שטעלעס. זיי האָבן נישט געטאָרט זיין קיין אָפיצערן אין דער אַרמיי. די יידישע באַפעלקערונג האָט גע־לעבט אין אָרעמקייט. שפל איז געווען זייער שטאַנד. מען האָט שטענ־דיק געפונען אַן אויסרייד אויף פאַרפאָלגן יידן.

אין יאָר 1881 האָבן רעוואָלוציאָנערן געשאָסן דעם רוסישן קיי־סער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. באַלד נאָך דעם זיינען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אויף יידן אין עטלעכע שטעט אין דרום רוסלאַנד. מען האָט יידן געשלאָגן אין די גאַסן און יידישע פאַרמעגנס גערויבט. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפילט דערשלאָגן פון שרעק און דערנידערי־קונג. די יוגנט איז אויפגערודערט געוואָרן. זיי האָבן דערפילט, אַז אַ ייד אין רוסלאַנד איז הפקר. זיי האָבן דערפילט, אַז רוסלאַנד איז נישט זייער היים.

אין שטעט און שטעטלעך האָבן זיך געשאַפן קרייזן פון יוגנט. זיי האָבן געטראַכט וואָס טוט מען? עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עמי־גראַציע. אַ סך זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, אַ טייל אין אַנדערע לענדער.

דעמאָלט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע סטודענטן פון כאַרקאָווער אוניווערזיטעט, וואָס האָבן געזאָגט: „אין אַלע לענדער וועלן מיר זיין פרעמדע, לאָמיר זוכן אַן אייגענע היים". זיי האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן ביל"ו. דאָס איז אַ פאַרקירצונג פון „בית יעקב לכו ונלכה" — יידן, לאָמיר זיך לאָזן גיין. דער וועג איז געווען קלאָר פאַר זיי — קיין ארץ ישראל. זיי האָבן געזאָגט צו דער יוגנט: „לאָמיר פאַרלאָזן די אוניווערזיטעטן, און זיך אָפּזאָגן פון אונדזערע דערגרייכונגען אין פרעמדע לענדער. לאָמיר זיך באַזעצן אויף אונדזער אייגענעם באָדן אין לאַנד פון אונדזערע אָבות. מיר וועלן זיך נעמען אַקערן און זייען. מיר וועלן זיין ערד־אַרבעטער און בעלי־מלאכות. מיר וועלן ווייזן אונדזער פאָלק דעם וועג ווי צו לעבן".

אָט די ווערטער האָבן אויפגעוועקט די הערצער פון אַ סך יידישע יונגעלייט. עס האָבן זיך אָפּגערופן סטודענטן פון די אוניווערזיטעטן אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג. עס האָבן זיך אויפגעהויבן בחורים פון די ישיבות. דאָס וואָרט ביל"ו האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט און האָט אַרויסגערופן האָפענונגען אויף דערלייזונג.

הונדערטער פון דער יוגנט האָבן זיך אויפגעקליבן אונטער דער פאָן פון ביל"ו. 500 זיינען געווען גרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל און בויען דאָרט אַ היים פאַר זיך, און אַ לאַנד פאַר אַלע יידן.

די שטערונגען

אַ סך פון דער יוגנט האָבן זיך געגרייט צו פאָרן, אָבער גאָר ווינציקע האָבן געהאַט דעם מוט דאָס צו טאָן. זייערע עלטערן און קרובים און פריינט האָבן אויפגעהויבן אַ געוויין: „וואו וועט איר פאָרן? אין אַ ווילדן לאַנד פון דערנער און פון שטיינער? איר וועט דאָרט שטאַרבן פון הונגער און פון מאַלאַריע!"

אַ סך פון זיי האָבן איבערגעטראַכט און נאָכגעגעבן זייערע עלטערן. פון די 500 זיינען בלויז 47 אַרויף אויף דער שיף אין אָדעס. און פון זיי זיינען אויך ניט אַלע דערפאָרן. אייניקע האָבן זיך אומגעקערט, אָדער געבליבן אין טערקיי. בלויז פערצן חלוצים זיינען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל — דרייצן מענער און איין פרוי. די ביל'ויים זיינען אָנגעקומען קיין יפו.

אַט די פערצן ביל׳ויים זיינען געווען אַביישפּיל פאַר אַנדערע. נאָך זיי זיינען געקומען נאָך גרופּעס פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון ליטע און פון רומעניע.

די ביל׳ויים אין ארץ ישראל

די ביל׳ויים האָבן געטראָפן אַ וויסט לאַנד, וואו יידן האָבן שוין צוויי טויזנט יאָר די ערד נישט באַאַרבעט.

די יידן פון אַלטן ישוב אין יפו האָבן אָפּגעלאַכט פון די ביל׳ויים: „משוגעים! זיי ווילן ווערן ערד־אַרבעטער אין ארץ ישראל! זיך פאַר־גלייכן מיט די באָרוועסע אַראַבער, וואָס דאַרפן גאָרנישט, נאָר אַ שטיקל ברויט מיט וואַסער״.

די ביל׳ויים האָבן זיך צו די שפּאָט־רייד נישט צוגעהערט. זיי האָבן געדונגען אַ קליין אַראַביש הייזעלע אין יפו. מען האָט אַוועקגע־לייגט ברעטער אויף בלעכן פון נאַפט און אויף דעם איז מען געזעסן. אויף דער ערד האָט מען אויסגעשפּרייט ראָגאָזשעס פון שטרוי, און אויף דעם איז מען געשלאָפן. זיי זיינען נישט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און פון זייער קליין שטיבל האָט מען געהערט געזאַנגען פון פרייד: זיי זיינען געקומען בויען ארץ ישראל, אַ היים פאַרן יידישן פאָלק.

די ביל׳ויים האָבן געקראָגן אַרבעט אין מקוה ישראל. דאָרט איז געווען אַן אַגריקולטור־שול, וואָס עס האָבן אויסגעבויט פראַנצוי־זישע יידן.

דער פאַרוואַלטער פון מקוה ישראל האָט די ביל׳ויים אויפגענו־מען שלעכט. ער האָט חוזק געמאַכט פון זיי. ער האָט זיי געגעבן די שווערסטע אַרבעט. ער האָט נישט געגלויבט, אַז יידישע סטודענטן וועלן ווערן ערד־אַרבעטער.

שווער איז געווען די ביל׳ויים זיך צוצוגעוואוינען צו אַרבעטן מיטן רידל, גראָבן די ערד. די ערשטע טעג פלעגן ביי זיי ווערן וואונדן אויף די הענט. זיי האָבן נישט נאָכגעגעבן דעם ווייטיק, און מיט די וואונדיקע הענט ווייטער געאַרבעט. דער רוקן האָט זיי ווי געטאָן פון שטיין איינגעבויגן. דער קלימאַט איז פאַר זיי געווען אַ נייער, אַ הייסער, זיי זיינען נישט צוגעוואוינט געווען צו אים. איינער פון די ביל׳ויים האָט געקראָגן אַ זון־שלאָג. יעדן טאָג איז עמיצער קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע.

קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע זיינען זיי געגאַנגען צופוס פון יפו קיין מקוה ישראל צו דער אַרבעט. פאַרדינט האָבן זיי קוים, קוים אויף ברויט, און אָפטמאָל איז זיי אויסגעקומען ליידן הונגער.

גרויס איז געווען דער נאָמען ביל׳ו, אָבער די ביל׳ויים אַליין האָבן זיך געמאַטערט — אין נויט און עלנטקייט. איינער פון זייערע פריינט, וואָס האָט זיי אַ סך געהאָלפן, איז געווען יחיאל מיכל פינעס פון ירושלים, אַ ייד אַ תלמיד חכם און אַ גרויסער כלל־טוער.

עס איז אָנגעקומען אַ נייע גרופּע ביל׳ויים און די נויט איז שאַרפער געוואָרן. עס איז נישט געווען פאַר אַלעמען קיין אַרבעט. אייניקע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים זיך לערנען אַ מלאכה: סטאָלעריי, שלאָסעריי און גראַווירונג.

אין ירושלים האָבן די ביל׳ויים אויך געהאַט פּונקט אַזאַ „פּאַלאַץ" ווי אין יפו. ברעטער אויף בלעכן פון נאַפט זיינען געווען זייערע שטולן, און געשלאָפן איז מען אויף דער ערד אויף שטרויענע ראַגאָזשעס.

די ביל׳ויים זיינען געווען מיד פון מאַטערניש. זיי האָבן געשריבן בריוו צו דער געזעלשאַפט „חובבי ציון" אין רוסלאַנד. זיי האָבן געפאָדערט הילף, וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט שיקן און נישט געשיקט. די ביל׳ויים האָבן זיך געפילט עלנט און פאַרלאָזט.

פון מקוה ישראל האָט זיי דער פאַרוואַלטער כמעט אַרויסגעטריבן. ער האָט זיי נישט געוואָלט געבן קיין אַרבעט. אין אַלע טירן האָבן זיי געקלאַפּט, יעדע שווערע אַרבעט האָבן זיי אָנגענומען צו טאָן.

לסוף זיינען זיי אַוועק קיין ראשון לציון, אַ נייע קאָלאָניע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען מיט דער הילף פון באַראָן ראָטשילד.

אין ראשון לציון

עס איז געווען אינמיטן נאַכט, ווען די ביל׳ויים זיינען געגאַנגען פון מקוה ישראל קיין ראשון לציון. „עס איז געווען אַ קאַלטער, נאַסער ווינט. אַרום און אַרום האָבן געוואָיעט שאַקאַלן". — אַזוי דערציילט איינער פון די ביל׳ויים.

אין ראשון לציון זיינען געשטאַנען פיר קליינע הייזעלעך. דאָרט האָבן געוואוינט עטלעכע אָרעמע משפּחות. זיי האָבן אין גאַנצן נישט געוואוסט ווי מען דאַרף באַאַרבעטן דעם באָדן פון ארץ ישראל. זיי האָבן געזעצט קאַרטאָפּל דאָרט, וואו מען האָט געדאַרפט זייען ווייץ, און פאַרקערט — איז קיין גערעטעניש נישט געווען אויף די פעלדער.

זיי האָבן געוואָלט אויסלערנען די קעמלען גיין געשפּאַנט אין אַ וואָגן — אָבער אַ קעמל קען נאָר טראָגן משא אויף זיין האָרב — זיינען זיך די קעמלען צעלאָפן פון שפּאַן.

די ביל׳ויים האָבן זיך מיט ברען גענומען צו דער אַרבעט אין ראשון לציון. די גרעסטע נויט אין ראשון לציון איז געווען וואַסער. וואַסער האָט מען געבראַכט פון ווייט, פון אַ פאַרשימלטן ברונעם. עס איז געווען שמוציק און פול מיט ווערים.

מען האָט אָנגעהויבן גראָבן אַ ברונעם. וואָך נאָך וואָך האָט מען געאַרבעט, און צו קיין וואַסער האָט מען זיך נישט געקענט דערשלאָגן. די גרוב איז שוין געווען זייער טיף. מענטשן האָבן מורא געהאַט אין אַזאַ טיפעניש זיך אַראָפּלאָזן. איינער פון די ביל׳ויים איז אַראָפּ אין דער טיף און האָט געגראָבן ווייטער. קיין וואַסער איז נישט געווען. יעדן טאָג איז די האָפענונג אויף געפינען וואַסער צערונען. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פינצטערע פנימער: מען וועט מוזן פאַרלאָזן ראשון לציון. אָן וואַסער קען קיין ישוב נישט זיין.

איינער וואָס האָט געגראָבן דעם ברונעם האָט פּלוצלונג דערזען נאַסן זאַמד. אַ סימן אַז עס איז נאָענט צו וואַסער. — „וואַסער!“ האָט ער אויסגערופן. עס איז געוואָרן אַ געשריי איבער דער גאַנצער קאָלאָניע — וואַסער, וואַסער! גרויס און קליין זיינען געקומען צולויפן. מען האָט זיך געקושט פאַר פרייד. עס וועט בלייבן ראשון לציון.

די ביל׳ויים האָבן געוואוינט אין אַ הילצערנעם באַראַק. אַ האַלבן באַראַק האָבן פאַרנומען די מענטשן, און די צווייטע העלפט איז גע־ווען אַ שטאַל פאַר די פערד. די ביל׳ויים האָבן ביי זיך איינגעאָרדנט פאַרלעזונגען און אָוונטן פון געזאַנג. צו די ביל׳ויים האָט מען אַרויפ־געקוקט. די ביל׳ויים זיינען געווען דאָס שיינדל פון ישוב.

עס זיינען אָבער אָנגעקומען שווערע צייטן פאַר די ביל׳ויים אין ראשון לציון. די אָנגעשטעלטע פון די וויין־קעלטערן פון באַראָן ראָט־

שילד האָבן זיך געקריגט מיט זיי. זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דעם שטאָלץ פון די ביל׳ויים, זייער אומאָפּהענגיקייט.

די ביל׳ויים האָבן פאַרלאָזן ראשון לציון.

מיט דער הילף פון יחיאל מיכל פינעס האָבן זיי באַקומען באָדן אין גדרה. זיי זיינען אַוועק בויען אַן אייגענעם ישוב. דאָס איז געווען אין יאָר 1885.

אויף דער ערד פון גדרה

מיט פרייד און געזאַנג זיינען די ביל׳ויים געגאַנגען קיין גדרה. דריי אייזלען האָבן געטראָגן זייער גאַנצן פאַרמעגן. איין ביקס האָבן זיי געהאַט און עטלעכע רידלען.

ווען זיי האָבן דערזען די ערד פון גדרה האָבן זיי אויסגעשריען: „אונדזער לאַנד, אונדזער ערד, גדרה!"

גדרה איז געווען ווייט פון אַ וועג. ווינטער, אין דער צייט פון די רעגנס, איז די געגנט געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער. עס איז שווער גע־ווען אַהין צוצוקומען.

איין אייזל האָבן זיי פאַרמאָגט פאַר דער גאַנצער אַרבעט. די ביל׳ויים האָבן אויסגעגראָבן אַ גרוב, צוגעדעקט עס מיט ברעטער — און דאָס איז געווען דער שטאַל פאַרן אייזל. זיי האָבן אויסגעגראָבן נאָך אַ גרוב און געמאַכט דאָרטן אַן אויוון אויף באַקן ברויט. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ הילצערנעם באַראַק און דאָרט האָבן זיי געוואוינט.

אַ קליין הייפל חלוצים, סך הכל ניין מענטשן האָבן זיך באַזעצט אין גדרה. צוויי האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן און זיינען אַוועק. זיינען געבליבן זיבן. ווייט פון יידישע ישובים, אַרומגערינגלט מיט אַראַבער, כמעט אָן געווער האָבן די עטלעכע מענטשן באַאַרבעט און באַשיצט דעם ווילדן פלאַץ.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון גדרה — די ערשטע חלוצישע ליכט וואָס די ביל׳ויים האָבן אָנגעצונדן.

רחובות

ווייצמאַן־אינסטיטוט אין רחובות

אין טאָג פון פורים, אין יאָר תר״ן (1890) זיינען געפאָרן וועגענער, עס זיינען געריטן רייטער אויף אייזלען, עס זיינען נאָכגעגאַנגען פוסגייער. זיי זיינען געגאַנגען אויפ־שטעלן אַ נייעם ישוב.

ישראל בעלקינד האָט אַ נאָמען געגעבן דעם ישוב „רחובות״ — גאָט האָט אונז אויסגעברייטערט און מיר האָבן זיך געמערט אין לאַנד.

(פון בוך „רחובות" פון משה סמילאנסקי)

די שטאָט רחובות האָט אַ באַזונדערן אויסזען און אַ באַזונדערן גורל. דאָרט שטייען גאָר קליינע הייזלעך, וואָס זיינען נאָך געבליבן פון אַמאָל, ווען דער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן בויען, און אין רחובות זיינען אויך דאָ שיינע געביידעס, גרויסע און מאָדערנע. אויף די גאַסן פון רחובות קען מען זען ציגן, וואָס פּאַשן זיך אויף אַ הויף. מען זעט אייזלען, צוגעבונדן מיט אַ שטריקל צו אַ פּלויט. אַ תימנער פּאָרט דורך רייטנדיק אויף אַן אייזל, אָדער פירט מיט זיין אייזל אַ קליין וועגעלע מיט גרינס. אָבער מען זעט אויך שיינע אויטאָמאָבילן דורכפאָרן דורך די גאַסן פון רחובות, אויטאָבוסן און לאַסט-וועגענער.

רחובות איז די שטאָט, וואו עס האָט געוואוינט דר. חיים ווייצמאַן, דער ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. אין רחובות געפינט זיך דער ווייצמאַן-אינסטיטוט. דאָרט טוען פאָרשונג אַרבעט צענדליקער געלערנטע, און זייערע תלמידים. געלערנטע פון אויסלאַנד קומען זען דעם כעמישן אינסטיטוט אין רחובות.

רחובות האָט מען אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1890. דעמאָלט האָט זיך אין וואַרשע געגרינדעט אַ געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה" אויף בויען אַ ישוב אין ארץ ישראל. יהושע כענקין האָט פאַר זיי געקויפט באָדן ביי די אַראַבער. שווער איז אים אָנגעקומען דאָס קויפן, ווייל די טערקישע רעגירונג האָט געשטערט, נישט געוואָלט, אַז יידן זאָלן קויפן לאַנד אין ארץ ישראל. פון די ערשטע, וואָס זיינען געקומען זיך באַזעצן אין רחובות איז געווען אַ פרוי, באַסיע מאַקאָוו פון בריסק. זי איז געווען אַ רייכע פרוי. זי האָט זיך דערוואוסט וועגן דער געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה", און האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. איר מאַן האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין רייך הויז אין בריסק. באַסיע מאַקאָוו האָט פאַרלאָזן דעם מאַן, האָט מיטגענומען אירע קינדער און איז מיט זיי אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל. זי איז געקומען אין רחובות אויף אַ וויסטן פּלאַץ, וואו עס זיינען געווען דערנער און שטיינער. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין פּשוטע אַרבעט-קליידער און האָט זיך גענומען בויען אַ ווירטשאַפט. אין בריסק האָט מען געזאָגט אויף

איר, אַז זי איז „משוגע”. אָבער באַסיע האָט ליב געהאַט ארץ ישראל. מען רופט זי „אַ מוטער פון רחובות”.

עס זיינען געקומען נאָך משפחות פון ליטע און פון פּוילן — רייכע און אָרעמע.

קיין ברונעם איז נישט געווען. מען האָט געבראַכט וואַסער אין בלעכן פון אַן אַראַבישן ברונעם. הייזער איז געווען שווער צו בויען. די טערקישע רעגירונג האָט דערלויבט בויען שטאַלן, אָבער נישט קיין הייזער. האָט מען אויסגעבויט אַ שטאַל און דאָרט האָבן געוואוינט אַלע, וואָס האָבן קיין הויז נישט געהאַט.

באַסיע האָט אויסגעבויט אַ הויז מיט זיבן פענצטער. אין הויף האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן אויוון, און אַלע באַלעבאָסטעס זיינען געקומען באַקן ברויט אין באַסיעס אויוון.

לעבן די הייזער האָט מען אויפגעהאַנגען אַ גלאָק. דער גלאָק האָט גערופן די מענטשן אינדערפרי צו דער אַרבעט. בייטאָג האָט דער גלאָק געקלונגען, מען זאָל קומען עסן און פאַרנאַכט, אַז די אַרבעט דאַרף פאַרענדיקט ווערן.

די איינוואוינער פון רחובות האָבן זיך אויפגעזאַמלט, און האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, אַ ועד. דער ועד האָט אָנגעפירט מיטן לעבן אין דער קאָלאָניע.

איינמאָל האָט איינער פון די איינוואוינער דערזען ביים שכן אין גאָרטן אַ שיינעם בוים. האָט ער דעם שכן מקנא געווען. איז ער גע־קומען ביינאַכט און האָט דעם בוים פון שכנס גאָרטן אַרויסגעגראָבן און אים איינגעפלאַנצט ביי זיך, צווישן זיינע ביימער. האָט אים דער שכן אָנגעקלאָגט פאַרן ועד.

דער ועד האָט באַפוילן, אַז ער זאָל דעם בוים האָדעווען אַ יאָר צייט, אים באַגיסן, אים היטן, און אין אַ יאָר אַרום, ווען עס וועט זיין די צייט פון פלאַנצן ביימער, זאָל ער דעם בוים צוריק אַריבערפלאַנצן אַהין, פונוואַנען ער האָט אים אַרויסגענומען.

דעם ועד האָט מען געמוזט פאָלגן. אויב ניט, האָט דער ועד גע־הייסן פאַרלאָזן רחובות.

די איינוואוינער פון רחובות האָבן געלעבט גוט צווישן זיך. זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט און צוזאַמען געפרייט זיך מיטן אויפבוי פון דעם ישוב.

צווישן די ערשטע איינוואוינער פון רחובות איז געווען אַ משפחה הערשנזאָן. די פרוי, רחל לאה הערשנזאָן, האָט געעפנט אַ „באַנק" אין רחובות. זי האָט אויפגעזאַמלט געלט און פון דעם געלט האָט זי געגעבן הלוואות די אָרעמערע משפחות. זי אַליין איז געווען דער בוכהאַלטער, זי אַליין איז געווען דער קאַסירער, זי אַליין איז געווען די איינמאָנערין פון די חובות. דאָס געלט האָט זי געגעבן אָן פּראָצענט. דאָס איז געווען די ערשטע „באַנק" אין רחובות.

אַרום רחובות זיינען געווען אַראַבישע דערפער. די אַראַבער האָבן געמאַכט אָנפאַלן אויף רחובות און דער ישוב האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן זיי.

איינמאָל, ווען די מענער זיינען געווען אין פעלד און אין די הייזער זיינען געבליבן די פרויען און די קינדער, זיינען אַראַבער אָנגעפאַלן אויפן ישוב.

די פרויען האָבן אָנגעהויבן קלינגען אין גלאָק. זיינען געקומען צולויפן פון פעלד רייטער אויף פערד און מען האָט פאַרטריבן די אַראַבער.

אַ צווייטן מאָל, ווען די אַראַבער זיינען באַפאַלן רחובות איז גרויסגעקומען קעגן זיי איינער, בערעלע, האָט מען אים גערופן. ער איז געווען אַ שטאַרקער, כאָטש אַ קליין-געוואַקסיקער. מיט אַן אייזערנעם שטעקן אין האַנט האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ גרויסער גרופּע אַראַבער. ער האָט מיטן שטעקן אַזוי שנעל געפאָכעט אויף אַלע זייטן, אַז די אַראַבער האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן זיינע קלעפּ. ער האָט זיי פאַרטריבן, און זיי האָבן מורא געקראָגן פאַר די „יידישע קלעפּ" פון רחובות.

אין רחובות האָט מען געפלאַנצט וויין-גערטנער, אָבער מען האָט נישט געהאַט וואו די וויינטרויבן צו פאַרקויפן. איז געוואָרן אַן אָרעמקייט אין דער קאָלאָניע. מענטשן האָבן נישט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. אַרבעטער זיינען געבליבן אָן אַרבעט.

דער באַראָן ראָטשילד האָט געהאַט אַ וויין־קעלטער, אַ וויין־פאַבריק אין ראשון לציון. ער האָט אַרויסגעהאָלפן די איינוואוינער פון רחובות. ער האָט ביי זיי אָפּגעקויפט זייערע וויינטרויבן. אויף קעמלען האָט מען געפירט קוישן מיט וויינטרויבן פון רחובות קיין ראשון. באַוואָפנטע מענטשן האָבן באַגלייט די קעמלען, כדי אַראַבער זאָלן נישט באַפאַלן און צונעמען די וויינטרויבן. רחובות האָט געהאַט געווער און באַוואָפנטע מענטשן אויף באַשיצן זיך.

אין רחובות האָט מען אויסגעבויט אַ תלמוד תורה און אַ שול, און רחובות איז געווען דער ערשטער ישוב אין ארץ ישראל, וואו מען האָט געבויט אַ קינדער־גאָרטן פאַר קליינע קינדער.

דער קלימאַט אין רחובות איז אַ וויכער, אַ גוטער. אַרום דעם ישוב האָבן זיך אויסגעבויט נאָך ישובים. עס איז געוואָרן אַרום רחובות אַ באַפעלקערטע געגענט.

צווישן די איינוואוינער פון רחובות איז געווען אַן אַלטער ייד, ר׳ יעקב קיפּנים. ער איז געווען זייער אַ פרומער, איז שטענדיק געזעסן איבער אַ ספר און האָט געלערנט. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די יוגנט פון רחובות און ער פלעגט צו זיי זאָגן: „קינדער, איר ווייסט נישט ווי גרויס אייערע מעשים זיינען. יעדערן בוים, וואָס איר פלאַנצט און יעדעם הויז וואָס איר בויט דערנענטערן דאָס קומען פון משיחן".

אויף דער פאָן פון רחובות זיינען אויסגעצייכנט דריי זאַכן: אַ מיקראָסקאָפּ, ווייל דאָרט טוט מען פאָרשונג אַרבעט; אַ ספר, ווייל דאָרט לערנט מען; און אַ הענגל וויינטרויבן, ווייל דאָרט זיינען דאָ אַ סך וויינגערטנער.

אַרבעטן און לערנען — דאָס איז די פאָן פון רחובות.

חדרה

די ערשטע יאָרן אין חדרה

. . . זה שורר בבצה „בן ארצי״ . . .
וכל החבורה נשתתקה: כה פלאי האיש, וכה מוזר . . .
עם שחר, עם שחר הוא יקום ושם אל הבצה את פניו,
שם ינוה המות הצהב . . . עם שחר, עם שחר, הוא יקום
ונטע בבצה אלנות להוריש ממנה המות ולתתה
מורשה לחיים . . .

(„ביער בחדרה" — דוד שמעונביץ)

. . . דאָס זינגט אין די זומפּן בן־ארצי,
און שטיל ווערט די גאַנצע חבריה:
אַ וואונדער דער מענטש איז פאַר זיי,
אַ ליכטיקער וואונדער — בן־ארצי . . .
באַגינען, באַגינען הויבט אויף זיך בן־ארצי
און ווענדט זיינע טריט צו די זומפּן.
דאָרט נעסטיקט דער טויט, די געלע מאַלאַריע.
באַגינען, באַגינען הויבט אויף זיך בן־ארצי
ער פלאַנצט אין די זומפּן די צווייגיקעביימער
צו פאַרטרייבן דעם טויט און דאָרט איינפלאַנצן לעבן.

(יידיש: ק. מ.)

אויפן וועג צווישן תל־אביב און חיפה געפינט זיך די שטאָט חדרה, אַ שיינע שטאָט מיט ברייטע גאַסן, מיט פּאַרקן און ביימער אַרום די הייזער. עס איז דאָרט אַ גרויסע באַוועגונג פון אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, וועגענער מיט סחורה. חדרה איז אַ וויכטיקע שטאָט אין ארץ ישראל.

מיט זעכציק יאָר צוריק, איידער מען האָט אָנגעהויבן בויען חדרה, איז דאָרט געווען אַ וויסטעניש, זאַמד־בערג, און טיפע זומפּן, פאַרוואָקסענע מיט דערנער.

זיינען געקומען יידן פון ווילנע, פון קאָוונע און פון ריגע און האָבן דאָרט אָנגעהויבן בויען אַ ישוב.

ווען די ערשטע איינוואַנדערער זיינען געקומען אויף דעם פּלאַץ האָט זיי דער פּורמאַן, אַן אַראַבער, געזאָגט: דאָ זיינען די ערגסטע זומפּן אין לאַנד. קיין מענטשן קענען דאָ נישט וואוינען. זיי שטאַרבן פון מאַלאַריע — פון געלער מאַלאַריע, פון גרינער מאַלאַריע. עס איז דאָ געווען אַ דאָרף פון דרוזן, איז שוין דער דאָרף נישטאָ — די מענטשן זיינען אויסגעשטאָרבן.

אויף אַ בערגל איז געשטאַנען אַן אַלטע חורבה. מען האָט זי גערופן דער „כאַן" — דאָס הייסט אויף אַראַביש אַ קרעטשמע. אין דעם "כאַן" זיינען געווען פינצטערע, שמוציקע צימערלעך, מיט צעבראָכענע פענצטער. דער הויף איז געווען פאַרוואָרפן מיט מיסט און שמוץ. קיין באַלעבאַטים זיינען נישט געווען אין „כאַן". זיי זיינען אַנטלאָפן צוליב דער מאַלאַריע.

אָט אין דעם „כאַן" האָבן געוואוינט די ערשטע בויער פון חדרה.

איז אַהין געקומען אַ ייד, וואָס האָט געוואָלט בויען זיין היים אין ארץ ישראל. ער האָט אויסגערייניקט אַ צימערל אין „כאַן". ער האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט אַביסל שטוב־זאַכן, און אַ ספר־תורה, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט. דאָס האָט ער צוגעגרייט די ערשטע ספר־תורה פאַרן בית מדרש, וואָס מען וועט בויען אין חדרה. זיין נאָמען איז געווען ר' יוסף גלאזגאל. ער האָט נישט געוואָלט הערן די מעשות פון דער מאַ־

לאַריע. ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַר די זומפּן. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר די געשרייען פון די שאַקאַלן ביינאַכט. ער און זיינע חברים האָבן דאָ געוואָלט אויסבויען אַ יידישן ישוב. אַלע שוועריקייטן האָבן זיי אָנגענומען פאַר ליב.

עס זיינען געקומען צוויי ברידער, שמשון און זאב מאַדורסקי, מיט זייערע משפחות — 25 מענטשן צוזאַמען. עס זיינען געקומען נאָך משפחות. זיי האָבן אויף אַ בערגל אויסגעבויט הילצערנע באַראַקן מיט שטרויענע דעכער. מען האָט אָנגעהויבן באַאַרבעטן די ערד.

קיין אויוונס אויף באַקן ברויט זיינען נישט געווען. ברויט האָט מען באַדאַרפט ברענגען פון זכרון יעקב — דאָס איז אַ דאָרף וואָס עס האָבן אויסגעבויט די ביל'ויים. אַנדערע עסנוואַרג האָט מען געמוזט פירן פון יפו. 12 שעה האָט מען זיך געדאַרפט שלעפּן מיט אַ וואָגן. דער וואָגן פלעגט איינזינקען אין בלאָטע. עס פלעגט אויסקומען פאָרן אין אָוונט. אין דער געגנט האָבן זיך אַרומגעשלעפּט ווילדע בעדואַי־נער. עס איז געווען אַ סכנה יעדע נסיעה.

איינמאָל זיינען צוויי פון די איינוואוינער פון חדרה געפאָרן מיט אַ וואָגן. עס איז געוואָרן נאַכט. זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט. אַנטקעגן זיי איז געשטאַנען אַ הויכער באַרג מיט זאַמד. קיין וועג זעט מען נישט. זיי זיינען אַראָפּ פון וואָגן און אַוועק זוכן דעם וועג. פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט טריט, און אַנטקעגן זיי איז אויסגעוואַקסן אַ רייטער, אַ בעדואינער. ער האָט אָנגעשטעלט אויף זיי די ביקס און געהייסן שטיין. איינער פון די יידן האָט זיך נישט דערשראָקן. ער האָט אַ גע־שריי געטאָן צום בעדואינער: „טראָג זיך אָפּ, ווען נישט ביסטו אַ טויטער". און ער האָט אים געוויזן זיין ביקס, כאָטש זיין ביקס האָט נישט געקענט שיסן. דער בעדואינער איז אַנטלאָפן. אַזוי דערציילט איינער פון די גרינדער פון חדרה (משה סמיליאַנסקי).

באַגעגענישן מיט רויבער איז געווען אַן אָפטע זאַך ביי די איינ־וואוינער פון חדרה. אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז בעדואינער זיינען אַריין אין חדרה אויף גנבענען און רויבן. שטענדיק, ביי טאָג און ביינאַכט, איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער שומר אויף היטן דעם ישוב.

אַ גרויסע שמחה איז געווען אין חדרה, ווען מען האָט דאָרט גע־מאַכט אַן אויוון אויף באַקן ברויט. אויפן הויף פון „כאַן" האָט מען

אויסגעמויערט אַ גרויסן אויוון און אַלע פרויען פון חדרה האָבן דאָרט געבאַקן ברויט.

די מאַלאַריע

דער גרעסטער אומגליק אין חדרה איז געווען די מאַלאַריע. איינמאָל ביינאַכט איז געוואָרן אַ געוויין. איינער פון די איינוואוינער איז פלוצלונג געשטאָרבן פון מאַלאַריע. לערמאַן האָט ער געהייסן. ער איז געווען דער ערשטער קרבן פון מאַלאַריע אין חדרה. מיט אים האָט מען אָנגעהויבן דעם בית הקברות.

קיין דאָקטאָר איז אין חדרה נישט געווען. די שווער-קראַנקע האָט מען באַדאַרפט פירן אין שפּיטאָל אין יפו אָדער אין זכרון יעקב. די מאַלאַריע האָט געטראָפן אין יעדן הויז. מען האָט איינגעשטעלט אַ ריי פון מענטשן, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף די קראַנקע. גרויס איז געוואָרן דער בית הקברות אין חדרה. עס זיינען געשטאָרבן יונגע, עלטערע און קינדער. עס איז אויך געשטאָרבן פון מאַלאַריע דער ייד וואָס האָט געבראַכט די ערשטע ספר תורה. ער האָט נישט דערלעבט צו זען זיין ספר תורה אין בית מדרש פון חדרה.

גרויסע עקשנים זיינען געווען די ערשטע בויער פון חדרה. זיי האָבן באַשלאָסן אויסטריקענען די זומפּן און פאַרטרייבן די מאַלאַריע. מען האָט געפלאַנצט אָקאַליפּטוס ביימער אין די זומפּן פון חדרה. די אָקאַליפּטוס-ביימער האָבן אַרויסגעצויגן דאָס וואַסער פון די זומפּן. האַלב-נאַקעטע זיינען געשטאַנען די מענטשן אין די זומפּן און געפלאַנצט די אָקאַליפּטוסן. אַלע מאָל איז אַן אַנדער אַרבעטער אַוועקגעפאַלן אינמיטן דער אַרבעט. חדרה איז פול געווען מיט קראַנקע. חדרה איז פול געווען מיט טרויער נאָך די געשטאָרבענע.

אָבער די איינוואוינער האָבן נישט פאַרלאָזט חדרה, און יעדעס הויז איז דאָרט אַ צייכן פון העלדישקייט.

די טערקישע רעגירונג שטערט בויען חדרה

די טערקישע רעגירונג האָט נישט געגעבן קיין דערלויבניש אויף בויען הייזער. ווינטער איז געווען קאַלט אין די באַראַקן. ווען מען האָט

אויסגעבויט אַ הויז אָן אַ דערלויבניש — זיינען געקומען סאָלדאַטן און דאָס הויז צעשטערט. מען האָט באַדאַרפט שלעפן זיך אין יפו און פועל'ן ביי דער רעגירונג מען זאָל צוריק אויפשטעלן די צעשטערטע הייזער. עס איז אָנגעקומען מיט מי און מאַטערניש.

איצט זיינען אַרום חדרה פאַראַן אַ גאַנצע ריי פאָרשטעט. פאַבריקן זיינען דאָ, גערטנער מיט אראנזשעס, פעלדער מיט גרינס, הינערפאַרמס. טויזנטער אַרבעטער זיינען באַשעפטיקט אין חדרה.

פאַרן יידישן פאָלק שטייט חדרה ווי אַ צייכן פון גבורה. פונקט ווי דער פרומער ייד וואָס האָט געבראַכט זיין ספר תורה קיין חדרה, אַזוי האָבן די חלוצים אַהין געבראַכט זייער גרויסע געטריישאַפט צו ארץ ישראל.

ד״ר טעאָדאָר (בנימין זאב) הערצל

אין באַזעל האָב איך געגרינדעט די יידישע מדינה — אין פופציק יאָר אַרום וועלן דאָס אַלע זען באַשיינפּערלעך.

אין דעם טאָג וואָס מען וועט געבן דעם גראָב־אייזן אין די הענט פון יידישן ערד־אַרבעטער וועט זיין געלייזט די יידן־פראַגע.

דער ציוניזם איז געווען דער שבת פון מיין לעבן.

(פון דר. הערצליס שריפטן)

צווישן די בערג אַרום ירושלים איז דאָ אַ באַרג, וואָס רופט זיך „הר הרצל״ — דער באַרג פון דר. הערצל.

יעדן יאָר, אין „יום העצמאות״ קומען אויף דעם באַרג די מיטגלידער פון דער ישראל רעגירונג. מען צינדט אָן פייערן, און מען לייענט די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט. עס הויבט זיך אָן דער יום־טוב איבערן גאַנצן לאַנד און פאַר אַלע יידן פון דער וועלט — דער יום־טוב פון יידישער זעלבסט־שטענדיקייט.

ווער איז געווען הערצל און וואָס האָט ער געטאָן, וואָס אויף זיין נאָמען רופט מען אַ באַרג פון די בערג אַרום ירושלים?

דר. הערצל האָט געהאַט אַ גרויס יידיש האַרץ. ער האָט געלעבט אין ווין, און געאַרבעט אין אַ דייטשישער צייטונג. ער האָט נישט געקענט קיין יידיש און קיין העברעאיש. ער האָט גערעדט דייטש. נאָר דאָס געפיל פון זיין אַ ייד איז געווען שטאַרק אין זיין האַרצן. און איין מאָל האָט ביי אים אויפגעבליצט דער געדאַנק: ער איז אַ ייד. ער געהערט צו זיין פאָלק. יידן מוזן האָבן זייער אייגן לאַנד.

מיט אַזאַ כח האָט ער דאָס אויסגעשריען, מיט אַזאַ ליבשאַפט צום פאָלק — אַז אַלע האָבן זיין שטים דערהערט און זיינע רייד נאָכגע־זאָגט: יידן דאַרפן צוריקקריגן זייער אייגן לאַנד. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך זיין לעבן געענדערט.

טראָפן נאָך טראָפן איז אויף הערצלען געפאַלן די לאַסט פון זיין אַ ייד. טראָפן נאָך טראָפן איז געפאַלן אויף זיין האַרצן דער פאַרדראָס פאַרן אומרעכט וואָס מען טוט צו יידן. אַ גרויסע נשמה האָט ער געהאַט און ער האָט דעם אומרעכט נישט געקענט פאַרטראָגן.

ווען ער איז געווען אַ יינגל האָט ער געלערנט אין אַ רעאַל־שול. דער לערער האָט איינמאָל אויף אַ לעקציע פאַרגליכן די יידן מיט געצנדינער. הערצל האָט זיך דערפילט באַליידיקט און האָט פאַרלאָזן די שול.

שפּעטער איז ער געווען אַ סטודענט אין אוניווערזיטעט און האָט געהערט צו אַ קרייז פון סטודענטן. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען

פון דעם קרייז איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז יידן זאָל מען מער אין דעם קרייז נישט אַריינגעמען. הערצל איז געוואָרן אויפגע־בראַכט און האָט פאַרלאָזן דעם סטודענטן-קרייז.

ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט און איז געוואָרן אַן אַד־וואָקאַט. ער האָט געאַרבעט אין אַ געריכט. קיין ריכטער האָט ער נישט געקענט ווערן, ווייל ער איז געווען אַ ייד. הערצל האָט פאַרלאָזן זיין שטעלע אין געריכט און איז געוואָרן אַ זשורנאַליסט אין אַ דייטשי־שער צייטונג.

הערצל האָט געפילט אַ טיפע באַליידיקונג, וואָס יידן זיינען נישט גלייך מיט אַלע מענטשן. ער האָט כסדר געטראַכט: פאַרוואָס האָט מען יידן פיינט?

ווען הערצל האָט געאַרבעט אין דער דייטשישער צייטונג האָט זיך אין פּאַריז אָנגעהויבן אַ משפט קעגן דעם ייד דרייפוס. דרייפוס איז געווען אַ קאַפּיטאַן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. די פראַנצויזי־שע אַנטיסעמיטן האָבן נישט געקענט ליידן, וואָס אַ ייד איז אַ קאַפּי־טאַן. זיי האָבן אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול, אַז ער איז אַ פאַר־רעטער. אַלע האָבן געוואוסט, אַז דרייפוס איז אומשולדיק. אָבער די שנאה צום יידן איז געווען שטאַרקער ווי די גערעכטיקייט, און דריי־פוסן האָט מען פאַרשיקט אויף אַ וויסטן אינזל, „דעם טייוולס אינזל".

אָרענטלעכע מענטשן האָבן פּראָטעסטירט, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

דער בלבול אויף קאַפּיטאַן דרייפוס האָט הערצלען דערשיטערט. ער איז דעמאָלט געווען אין פּאַריז. ער האָט געשריבן וועגן דעם דריי־פוס-פּראָצעס פאַר זיין צייטונג. די אַנטיסעמיטישע חוצפה קעגן יידן האָט אים אָנגעצונדן מיט צאָרן. דעמאָלט האָט ער דערזען אַ גרויסן חלום: יידן מוזן האָבן אַן אייגענע מדינה. אַנדערש קענען זיי נישט לעבן.

דר. הערצל דערציילט אין זיין טאָג-בוך: „טעג און וואָכן בין איך איבערפולט מיט מיין חלום. ער גייט נאָך מיר וואו איך גיי. מורמלט איבער מיר, ווען איך רייד מיט מענטשן. ער שטייט הינטער מיינע אַקסלען און קוקט אויף מיר, ווען איך אַרבעט. ער צערודערט מיך און מאַכט מיך שיכור".

ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך „דער יודנשטאַט", וואו ער באַשרייבט אַ גענויעם פּלאַן פון אַ יידישער מדינה. ער פאָדערט פון די פעלקער אַ לאַנד פאַר יידן.

דר. הערצל איז געקומען צו זיינעם אַ פריינט, יוסף זיידענער, און האָט פאַר אים געלייענט זיין בוך. זיין פריינט האָט געהערט און אָנגעהויבן שטאַרק וויינען. ער האָט געמיינט, אַז הערצל איז משוגע געוואָרן. דר. הערצל האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר זיין פריינטס טרערן. ער האָט געגלויבט אין זיין גרויסן חלום פון אַ יידיש לאַנד און האָט אָפּגעגעבן פאַר דער אַרבעט זיין גאַנץ לעבן.

דר. הערצל ווענדט זיך צו באַראָן הירש און באַראָן ראָטשילד

דר. הערצל איז געקומען צום באַראָן הירש, וואָס איז געווען אַ גרויסער יידישער מיליאָנער. ער האָט פאַרן באַראָן פאָרגעלייגט זיין פּלאַן פון אַ יידישער מדינה. ער האָט פאַרלאַנגט פון באַראָן 50 מיליאָן קראָנען. דאָס געלט האָט מען באַדאַרפט אויף צו קריגן אַ „טשאַרטער", דאָס הייסט אַ דערלויבניש, פון טערקישן סולטאַן — מען זאָל קאָלאָניזירן יידן אין ארץ ישראל, שאַפן פאַר זיי אַ היים.

דר. הערצל איז געווען אַ וואונדערלעכער מענטש. אין זיינע רייד איז געווען אַ כישוף. מען האָט אים געמוזט הערן. ער האָט גערעדט ווי אַ נביא פון יידישן פאָלק, און מען האָט אים געמוזט גלויבן.

באַראָן הירש האָט אים אויסגעהערט. באַראָן הירש האָט געגעבן אַ סך געלט אויף העלפן אָרעמע יידן, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אַ יידישער מדינה. ער האָט געזאָגט דר. הערצלען: „דאָס איז אַ פאַנטאַזיע, דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין". דר. הערצל האָט אים געענטפערט מיט שטאָלץ, אַז ער גייט טאָן אַ גרויסע זאַך פאַר יידן, נאָר באַראָן הירש קען דאָס נישט פאַרשטיין.

אויך פון באַראָן ראָטשילד האָט דר. הערצל קיין הילף נישט באַקומען. אויך ער האָט נישט פאַרשטאַנען הערצלס גרויסן חלום פון אַ יידישער מדינה, כאָטש ער אַליין האָט געהאָלפן בויען יידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל.

„די רייכע יידן זיינען פּחדנים: מיר, די גלויביקע יידן וועלן זיין

גרוים", אַזוי האָט הערצל געזאָגט, און ער האָט באַשלאָסן זיך ווענדן צו די גלויביקע יידן. נישט צו די רייכע, נאָר צום גאַנצן יידישן פאָלק.

דר. הערצל רופט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין 1897

הונדערטער יאָרן האָבן יידן געחלומט וועגן ארץ ישראל. אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט הערצל געזאָגט צו די יידן: „אויב איר ווילט איז דאָס נישט קיין חלום". דר. הערצל האָט געגלויבט אין ווילן פון פאָלק.

הערצלס שטים האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבן יידן זיך פאַרזאַמלט אין הייזער און אין בתי־מדרשים און מען האָט דערציילט וועגן דר. הערצל און דעם וואונדערלעכן ציוניסטישן קאָנגרעס.

אין ארץ ישראל, אין ירושלים און אין אַלע שטעט, אין ראשון לציון און אין אַנדערע ישובים איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, אַ יום־טוב. די יידן פון דער גאַרער וועלט ווען זיי העלפן בויען אַ יידיש לאַנד. דר. הערצל פאַרזאַמלט דאָס יידישע פאָלק.

צום קאָנגרעס זיינען געקומען 162 דעלעגאַטן — פון אַלע לענדער וואו יידן האָבן געוואוינט: פון פראַנקרייך, פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, די באַלטישע לענדער, פון רומעניע, פון בולגאַריע און איבערהויפּט זיינען געקומען אַ סך דעלעגאַטן פון רוסלאַנד, פון פוילן און פון ליטע, וואו עס איז געווען אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג און די אָרגאַניזאַציעס פון „חובבי ציון". פון ארץ ישראל זיינען געקומען דעלעגאַטן פון יפו און פון דער יונגינקער קאָלאָניע רחובות. עס זיינען אויך געווען דעלעגאַטן פון אַמעריקע.

דער קאָנגרעס איז געווען ווי אַ פּאַרלאַמענט, וואָס האָט פאַראייניקט אַלע יידן פון דער וועלט. עס איז אויפגעקומען אַ גרויסע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט אָפּטיילונגען אין באַזונדערע לענדער.

מיט פרייד האָבן די דעלעגאַטן פון קאָנגרעס אויפגענומען דר. הערצלס גרויסן חלום — און באַשלאָסן צו בויען אַ לאַנד פאַר יידן — אַ רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ ישראל.

דר. הערצל האָט פאַרשריבן אין זיין טאָג-בוך: „אין באַזעל אויפן ערשטן קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה".

די אָרגאַניזאַציע האָט באַדאַרפט האָבן אַ סך געלט. דר. הערצל האָט געגרינדעט אין לאָנדאָן די „יידישע קאָלאָניאַל באַנק". ער האָט געהאָפט, אַז יידישע באַנקירן וועלן שטיצן די באַנק. אָבער די רייכע יידן האָבן געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און קיין געלט נישט געגעבן. די זאָרג פון געלט איז געפאַלן אויף דר. הערצל און זיינע נאָענטע חברים. ער האָט שווער געאַרבעט. הונדערטער בריוו האָט ער געשריבן — צו אָרגאַניזאַציעס, צו זיינע פריינט; געשיקט אויפקלערונגען (מעמאָראַנדומס) צו רעגירונגען, צו מיניסטאָרן און קיסרים, כדי קריגן דעם „טשאַרטער".

דר. הערצל איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט געוואַגט ריידן צו מלכים און רעגירונגען וועגן אַ היים פאַר יידן — וועגן אַ יידישער מדינה.

דר. הערצל באַזוכט ארץ ישראל און טרעפט זיך מיטן דייטשישן קיסר ווילהעלם דער צווייטער

אין יאָר 1898 האָט דר. הערצל באַזוכט ארץ ישראל.

די נייס, אַז דר. הערצל קומט קיין ישראל האָט אויפגערודערט דעם ישוב. יונג און אַלט האָבן זיך געגרייט אויפצונעמען דר. הערצל. קאָמיטעטן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף באַגעגענען אים. דערוואַקסענע, און קינדער אין די שולן — אַלע האָבן מיט ציטער געוואַרט אויף זיין אָנקומען, אַזוי ווי מען וואַרט אויף אַ קיסר.

דר. הערצל איז געפאָרן זען די שטעט און די קאָלאָניעס. אין רחובות האָבן אים באַגעגנט יונגעלייט, רייטנדיק אויף פערד. די רייטער האָבן אַרומגערינגלט זיין קאַרעטע און מיטגעפאָרן מיט אים. די עלטערע האָבן אים אַנטקעגן אַרויסגעטראָגן אַ ספר תורה. איין ייד האָט געמאַכט שהחיינו, וואָס מען האָט זוכה געווען צו זען דר. הערצלען.

דר. הערצל האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט די ערשטע חלוצים פון יידישן פאָלק — מיט די ערשטע

טרוימער פון ציון, פונקט אַזוי האָט אים אויפגענומען די באַפעלקע־רונג פון ירושלים, יפו, און אַנדערע ישובים אין ארץ ישראל.

אויפן וועג קיין ארץ ישראל, אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך דר. הערצל באַגעגנט מיטן קיסר ווילהעלם. דער קיסר האָט אים אויפגע־נומען פריינדלעך. דר. הערצל האָט אים געזאָגט ווי טיף די יידן זיינען געטראָפן פון די פאַרפאָלגונגען, ווי אומגערעכט עס איז דער אַנטיסע־מיטיזם. דער קיסר האָט אים געהערט אויפמערקזאַם. „וואָס ווילט איר איך זאָל טאָן פאַר אייך?" האָט אים ווילהעלם געפרעגט. דר. הערצל האָט אים געענטפערט: „פּועלט ביים סולטאַן אַ דערלויבעניש פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל". דער קיסר ווילהעלם האָט אים צוגעזאָגט זיין הילף.

אַ צווייטן מאָל האָט דר. הערצל געטראָפן דעם קיסר ווילהעלם אין ארץ ישראל לעבן דער יידישער אַגריקולטור שול, מקוה ישראל. דר. הערצל איז געשטאַנען מיט זיינע באַגלייטער אָן אַ זייט פון וועג. דער קיסר האָט אים דערקאָנט פון דער ווייטן און איז צוגעריטן צו אים. ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. ער האָט זיך איינגעבויגן און מיט אים אַ פּאָר מינוט געשמועסט שטילערהייט.

די טערקישע מיליטערלייט, וואָס האָבן באַגלייט דעם קיסר וויל־העלם, זיינען געווען זייער איבערראַשט פון דעם קיסרס באַציאונג צו דר. הערצל.

ווער איז דער ייד? — האָבן זיי געפרעגט.

די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז דר. הערצל איז „דער יידישער קיסר".

נישט געקוקט אויף אַלע גוטע צוזאָגן, האָט דער קיסר ווילהעלם גאָרנישט אויפגעטאָן ביים סולטאַן, כדי צו קריגן אַ „טשאַרטער" פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

דר. הערצל האָט נישט אויפגעגעבן זיין האָפענונג. ער האָט זיך באַגעגנט מיט רוסישע מיניסטאָרן. ער האָט זיך געטראָפן מיטן פראַנ־צויזישן פּרעזידענט קלעמאַנסאָ. ער האָט געהאַט אַ באַגעגעניש מיטן בולגאַרישן קיסר פערדינאַנד. דער ציל פון די אַלע שמועסן איז געווען — קריגן אַ דערלויבעניש אויף צו קאָלאָניזירן ארץ ישראל.

דר. הערצל באַגעגנט זיך מיטן סולטאַן אַבדול האַמיד

אין 1902 האָט דער סולטאַן אַבדול האַמיד אויפגענומען דר. הערצלען ביי זיך אין פּאַלאַץ. דער סולטאַן האָט נישט געקענט קיין אייראָפּייאישע שפּראַכן און דר. הערצל האָט מיט אים גערעדט דורך אַן איבערזעצער. דער איבערזעצער איז אויך געווען אַ קנאַפּער למדן. דר. הערצל האָט געזען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרגרעבטער רעגירונג פון אַ ווילד לאַנד.

דר. הערצל האָט פאַרגעלייגט דעם סולטאַן אַ גרויסע הלוואה, און פאַרלאַנגט פון אים אַ „טשאַרטער" אויף צו קאָלאָניזירן ארץ ישראל דורך יידן.

דער סולטאַן האָט מסכים געווען געבן די יידן אַ „טשאַרטער" אויף סיריע, אויף לבנון, אָבער נישט אויף ארץ ישראל.

דר. הערצל האָט דאָס נישט אָנגענומען.

דר. הערצל באַזוכט ווילנע

אויף די קאָנגרעסן האָט זיך דר. הערצל באַקאַנט מיט אַ סך יידן. ער האָט געהאַט צווישן זיי פריינט און אָנהענגער; ער האָט אויך געהאַט געגנער. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין שטאָט, וואו עס האָבן געוואוינט אַ סך יידן. מיט גרויס דערוואַרטונג איז דר. הערצל געפאָרן קיין ווילנע — די גרויסע יידישע שטאָט, וואָס מען האָט זי גערופן „ירושלים פון ליטע".

אין ווילנע האָט דר. הערצל דערפילט די גרויסע פרייד פון זיין צווישן יידן. לכבוד דר. הערצלס קומען האָבן יידן פאַרמאַכט די געשעפטן און וואַרשטאַטן. מען האָט געמאַכט יום־טוב. אַלע זיינען אַרוים אויף די גאַסן. מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד פון זיין קאַרעטע און אַליין געפירט זי צום האָטעל. יידן האָבן אים געטראָגן אויף די הענט. אַ ייד, אַ שוסטער, האָט פון גרויס באַגייסטערונג אויסגערופן: „דוד מלך ישראל חי וקיים", דאָס הייסט, דוד, דער יידישער מלך לעבט אייביק.

אַן אַלטער רב, וואָס האָט געזאָגט, אַז יידן דאַרפן וואַרטן אויף משיח'ן — איז דערשטוינט געוואָרן פון דר. הערצלס אויסזען. ער האָט אים געבענטשט און געוואונטשן הצלחה.

דר. הערצל האָט אין ווילנע דערפילט ווי דאָס פאָלק האָט אים ליב.

הערצל איז געווען גערירט. ער האָט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג אָפּגעגעבן זיין פאַרמעגן, זיין געזונט און זיין גאַנצע צייט. „איך בין פון דער אַרבעט געוואָרן אַלט און אָרעם און מיד", האָט הערצל געשריבן אין זיין טאָג בוך. אָבער ער האָט אויפגעשטעלט אַ גרויסע באַוועגונג און האָט געוואונען די ליבשאַפט פון זיין פאָלק.

ווען הערצל איז געווען אין רוסלאַנד האָט ער געגרינדעט אַן אָפּטיילונג פון דער „קאָלאָניאַל באַנק" אין אָדעס.

הערצל האָט געזען אין רוסלאַנד די גרויסע אָרעמקייט פון די יידן. אָן פּרנסה און אָן רעכט זיינען זיי געווען די אומגליקלעכסטע באַפעלקערונג פון גאַנץ רוסלאַנד. אויך אין רומעניע זיינען די יידן געווען אָרעם און פאַרפאָלגט.

פאַרן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ענגלאַנד פאָרגעלייגט געבן די יידן אַ „טשאַרטער" אין אוגאַנדע.

אויף דעם קאָנגרעס איז געווען אַ גרויסער וויכוח: צי מען זאָל מסכים זיין אויפן „טשאַרטער" פון אוגאַנדע. דר. הערצל האָט געזאָגט: יידן ליידן שטאַרק אין רוסלאַנד, רומעניע און אַנדערע לענדער. זאָל מען דערווייל אָננעמען אוגאַנדע, זאָלן יידן האָבן אוגאַנדע ביז מען וועט קענען קריגן ארץ ישראל.

די געגנער פון אוגאַנדע האָבן באַשולדיקט הערצלען, אַז ער האָט פאַרראַטן דעם ציוניזם. אין ארץ ישראל איז געווען אַ טרויער און אַנטוישונג. דר. הערצל איז געווען צעבראָכן פון דער באַשולדיקונג אין פאַרראַט און פון די קריגערייען. מיד פון דער שווערער אַרבעט, שוואַך און קראַנק — אָבער שטענדיק שטאַרק אין דעם גלויבן, אַז יידן וועלן האָבן אַ לאַנד — אַ ידישע מדינה.

נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט דר. הערצל נאָך אַלץ פאָרגעזעצט זיין אַרבעט. דאָקטוירים האָבן אים געהייסן פאָרן זיך

אַפּרועק און ער איז שוין פון זיין אַפּרו נישט צוריקגעקומען. ער איז געשטאָרבן אין כ׳ תמוז, יוני, 1904.

„דער ציוניזם איז געווען דער שבת פון מיין לעבן" — האָט דר. הערצל געזאָגט. ער האָט געפילט, אַז ער האָט אויסגעבויט אַ גרויסע באַוועגונג, וואָס וועט פירן דאָס פאָלק צו אויסלייזונג.

דער טויט פון דר. הערצל האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין רוסלאַנד און אומע־טום וואו יידן האָבן געוואוינט — איז געווען אַ גרויסער טרויער. מענטשן האָבן געוויינט אין די גאַסן — עס האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון דר. הערצל.

דר. הערצל איז אַלט געווען 44 יאָר ווען ער איז געשטאָרבן. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה האָט מען אויסגעפירט זיין צוואה און מען האָט געבראַכט זיין אָרון פון ווין קיין ארץ ישראל, און באַהאַלטן אויף אַ הויכן באַרג לעבן ירושלים. דאָס איז דער הר־הרצל.

די צווייטע עליה

יוסף וויטקין

אנחנו אחים, אנחנו אשר הכל הכל חסר לנו; שהננו חסרי ארץ, חסרי שפה לאומית, שגם רגשות לאום חי כמעט שמתו בקרבנו; אנחנו, אשר לרגלנו לוע של הר שרפה, תהום בוער, אנחנו שנואי התבל, הבנים החורגים לטבע... כחתינו דלים והמטרה כל כך נשגבה ממנו... צריכים אנו להתמכר למטרתנו זו באהבה בלי מצרים, במסירות נפש שלא תדע גבול, ובסבלות אין קצה... עלינו לבוא סוף סוף לידי הכרה זו שתהי הדרך ארוכה כמה שתהיה — יכלו בה דורות שלמים, תבלע קרבנות אין מספר עלינו ללכת בה

ובלי הבט אחורנית... עלינו לעמול בהשגת ארצנו, להלחם כנואשים, כדובים שכולים... עלינו לחנך בהכרה זו את עצמנו ואת אחינו הצעירים...

(„קול קורא" נכתב ונשלח ע"י יוסף וויתקין שנת תרס"ה)

מיר ברידער, מיר וואָס אַלץ פעלט אונדז, מיר האָבן ניט קיין אייגן לאַנד, קיין אייגענע נאַציאָנאַלע שפּראַך, און עס זיינען כמעט אָפּגעשטאָרבן ביי אונדז די געפילן פון אַ לעבעדיקן פאָלק. מיר, וואָס געפינען זיך אויף אַ ווולקאַן, איבער אַ ברענענדיקן אָפּגרונט; מיר, וואָס אונדזער צאָל איז קליין אָבער אונדזער ציל איז גרעסער פון אונדז, מיר דאַרפן זיך איבערגעבן צו אונדזער ציל מיט אַן אומבאַגרע־ניצטער ליבשאַפט און מסירת נפש און מיט אַן אומענד־לעכן געדולד.

מיר דאַרפן סוף כל סוף קומען צו דער איבערצייגונג אַז ווי לאַנג דער וועג זאָל ניט זיין, זיינען אָבער גאַנצע דורות אים אַריבערגעגאַנגען. וויפיל קרבנות דער וועג זאָל ניט איינשלינגען, דאַרפן מיר אויף אים גיין, ניט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק...

מיר דאַרפן אַרבעטן און קעמפן מיט אַלע כוחות, ווי פאַר־צווייפלטע, כדי צו דערגרייכן אונדזער לאַנד... מיט אָט דער דאָזיקער איבערצייגונג דאַרפן מיר דערציען זיך אליין און אונדזערע יינגערע ברידער...

(פון אויפרוף פון יוסף וויטקין, תרס"ה)

אותה הדמות של קשיות־עורף אשר אינה יודעת איך עוזבים את המערכה — זאת נתנה העליה השניה.

(ברל כצנלסון)

מענטשן עקשנים וואָס ווייסן ניט פון פאַרלאָזן דעם שלאַכט־פעלד — דאָס האָט אונדז געגעבן די צווייטע עליה.

דר. הערצל האָט אָנגעצונדן די הערצער פון יידן מיט זיין חלום פון אַ יידישער מדינה. זיין פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען אין יידישע הייזער האָט דערמאָנט: געדענקט וועגן ציון, דאָס לאַנד פון אייערע עלטערן. קיינמאָל וועט איר נישט האָבן קיין רו אין גלות.

ביי אַ סך פון דער יידישער יוגנט האָט זיך אויפגעוועקט דער פאַרלאַנג צו פאָרן קיין ארץ ישראל. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע עליה. דאָס איז געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר נאָך די ביל׳ויים.

דערציילט חיותה בוסעל וועגן איר פאָרן קיין ארץ ישראל:

„ביי אונדז אין שטוב האָב איך געפונען די שריפט פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. איך האָב ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס דאָרט איז געווען געשריבן. אָבער דער גרויסער חלום פון דר. הערצל איז געשטאַנען ווי אַ פלאַמענדיקע ליכטיקייט פאַר מיינע אויגן.

מיין פאָטער איז געווען אַ פייערדיקער חסיד, אָבער צו די יונגע ציוניסטן האָט ער זיך באַצויגן גוט. ער איז געווען זייער באַגייסטערט פאַר דר. הערצל. פאַרנאַכט ווען די חסידים האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בית מדרש און דערציילט די מעשות און די נסים פון רבי׳ן, האָט מיין פאָטער דערציילט וועגן „נס הערצל". ביי אונדז אין שטוב איז געהאַנגען הערצל׳ס פאָרטרעט, און דאָס איז געווען דער סאַמע אויבן־אָן פאַר די דערוואַקסענע און פאַר די קינדער . . .

איך האָב שטענדיק געחלומט וועגן ציון און וועגן ירושלים, וועגן די בערג פון יהודה און וועגן כרמל. עס האָט מיך געצויגן קיין ארץ ישראל. איך האָב זיך פאַרבונדן מיט אַ גרופּע, וואָס האָט געהייסן „די נייע ביל׳ויים", כדי פאָרן מיט זיי צוזאַמען. אין איין שיינעם טאָג האָב איך געזאָגט דער מאַמען, אַז איך האָב באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ ישראל. מיינע עלטערן האָבן געמיינט, אַז איך מאַך אַ שפּאַס. ווען זיי האָבן געזען, אַז איך מיין דאָס ערנסט, האָבן זיי מיך אָנגעהויבן איינריידן איך זאָל נישט פאָרן. אויך נישט אַלע מיינע חברים האָבן מיך

פאַרשטאַנען. איי־ניקע פון זיי האָבן געטראַכט, אַז עס איז גענוג ווען מען אַרבעט פאַר „קרן קימת" און מען פאַרקויפט שקלים.

די וואָס זיינען נישט געווען קיין ציוניסטן האָבן געלאַכט פון מיר. זיי האָבן מיך גערופן „כותל מערבי".

פון אַלע זייטן איז מען געווען קעגן מיין פאָרן. אָפטמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, איך וועל נישט גיין קעגן אַלעמען. אָבער איך האָב אויפגעזאַמלט אַלע מיינע כחות און באַשלאָסן — איך פאָר. עס איז באַשטימט געוואָרן דער טאָג פון מיין נסיעה".

די צווייטע עליה בויט אַרבעטער ישובים אין ארץ ישראל

די צווייטע עליה איז געווען גאָר אַ באַזונדערע עליה, אַן אויסגעצייכנטע. עס זיינען געקומען יונגע בחורים און מיידלעך פול מיט האָפענונגען. איי־ניקע פון זיי האָבן אין רוסלאַנד געהערט צו אַרבעטער־פּאַרטייען. אין ארץ ישראל האָבן זיי געוואָלט זיין אַרבעטער, אי־בערהויפּט ערד־אַרבעטער.

אין ארץ ישראל האָבן זיי שוין געטראָפן אַ צאָל יידישע ישובים. עס איז געווען גדרה, וואָס די ביל'ויים האָבן אויסגעבויט, ראשון לציון און זכרון יעקב, וואָס דער באַראָן ראָטשילד האָט געהאָלפן בויען. עס איז געווען פּתח־תקוה, רחובות, חדרה און אַנדערע ישובים.

די מענטשן פון דער צווייטער עליה זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל מיט אַ פרייד אין האַרצן: זיי וועלן זיין אַרבעטער אין יידישע ישובים. אָבער נישט לאַנג האָט געדויערט זייער פרייד. ווען זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל איז זיי שווער געווען צו קריגן אַרבעט, כאָטש די ישובים זיינען געווען יידישע.

די יידישע קאָלאָניסטן פון רחובות, פּתח־תקוה און אַנדערע ישובים האָבן געהאַט אייגענע פּרדסים (פּאָמעראַנצן־גערטנער) און גרויסע ווייננגערטנער. זיי האָבן ניט געקענט אַליין זיי באַאַרבעטן. האָבן זיי געדונגען אַראַבער צו טאָן די אַרבעט. קיין יידישע אַרבעטער האָבן זיי ניט געוואָלט נעמען. זיי האָבן געזאָגט: אַ יידישער אַרבעטער וועט ניט קענען האַלטן קיין רידל אין האַנט, ווייל ער איז נישט גע־

וואוינט דערצו. אַן אַראַבער אַרבעט בעסער. אַ יידישער אַרבעטער וויל מען זאָל אים מער באַצאָלן. אַן אַראַבער אַרבעט פאַר ביליקער.

אַזוי האָבן געזאָגט די יידישע קאָלאָניסטן. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי האָבן אַמאָל געבויט אַ ישוב אויפן וויסטן מדבר. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי האָבן אַליין אויך ניט געקענט אַמאָל האַלטן אַ רידל אין האַנט, און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז די מענטשן פון דער צווייטער עליה זיינען זייערע ברידער, וואָס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל בויען אַ יידיש לאַנד. זיי זיינען געווען מיד פון אַ סך יאָרן שווערער אַרבעט. זיי זיינען געווען אויסגעמאַטערט פון דער מאַלאַריע. זיי זיינען געוואָרן פאַרגרעבט פון אָרעמקייט און פון נעמען שטיצע ביי די אָנגעשטעלטע פון באַראָן. זיי זיינען געוואָרן האַרט פון איינזאַמקייט. זיי האָבן זיך שוין ניט געקענט פריינן מיט די ניי אָנגעקומענע מענטשן פון דער צווייטער עליה, און האָבן זיי גאַנץ אָפט ניט געוואָלט העלפן.

אליהו אבן־טוב פון דער צווייטער עליה דערציילט וועגן זיך:

„איך בין געקומען אין פתח־תקוה און דאָרט ניט געהאַט וואָס צו טאָן. אַ חבר האָט מיך גענומען קיין ראשון לציון זוכן אַרבעט אין אַ וויין־קעלטער. אין ראשון לציון האָב איך דערזען אַ לאַנגן היל־צערנעם באַראַק. אויף בלעכן פון נאַפט זיינען געווען אויסגעלייגט ברעטער. דאָס זיינען געווען די בעטן פאַר די אַרבעטער פון וויין־קעלטער. איך בין אַוועק צום פאַרוואַלטער פון וויין־קעלטער בעטן ער זאָל מיר געבן אַרבעט. דער פאַרוואַלטער האָט מיר אָפּגעזאָגט. אַ צווייטן טאָג בין איך ווידער געגאַנגען זוכן אַרבעט. נאָכ־אַמאָל האָט מיך דער פאַרוואַלטער אַוועקגעשיקט מיט גאָרניט. אַזוי זיינען אַריבער אַ סך טעג. קיין אַרבעט האָב איך ניט געקראָגן, נאָר די ביטערניש אין האַרצן איז געוואָרן שטאַרקער.

עס זיינען ביי מיר אויסגעגאַנגען די לעצטע פרוטות. קיין ברויט האָב איך ניט געהאַט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. פון הונגער און פון אַרומשלעפּן זיך נאָך אַרבעט בין איך זייער שוואַך

געוואָרן. איך בין קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. אַ קראַנקן האָט מען מיך געבראַכט אין יפו.

ווען איך בין געזונט געוואָרן בין איך אַוועק צוריק אין פּתח־תקוה. איך בין אָנגעקומען ערב־שבת. אַ גאַנצן שבת בין איך אַרומגעגאַנגען, באַקוקט דעם ישוב. שבת אין אָוונט בין איך אַוועק צו איינעם פון די יידישע קאָלאָניסטן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ביי אים וועל איך אפשר קריגן אַרבעט. ער האָט מיט מיר פאַרפירט אַ שמועס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז גלייכער וואָלט געווען איך זאָל פאָרן קיין אַמעריקע, דאָרט קען מען ווערן רייך.

אַ לאַנגע צייט האָט דער קאָלאָניסט גערעדט מיט מיר, געמאַכט פון מיר חוזק. דערנאָך האָט ער מיר געהייסן קומען צו דער אַרבעט.

מיט מיר צוזאַמען האָבן געאַרבעט פיר אַראַבער. דער קאָלאָניסט איז געקומען און האָט זיך געפּרעגט ביי די אַראַבער, צי איך קען עפּעס טאָן. איך האָב ביי זיי אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און זיי האָבן געזאָגט, אַז יאָ. דער קאָלאָניסט האָט מיר געהייסן קומען דעם צווייטן טאָג אויך.

עס האָט מיר זייער וויי געטאָן, וואָס אַ ייד פון ארץ ישראל האָט אַזוי חוזק געמאַכט פון מיר, און האָט איבער מיר אַוועקגעשטעלט אַראַבישע רביים".

שרה מלכין דערציילט ווי אַזוי זי האָט באַקומען אַרבעט אין פּתח־תקוה

„אין יאָר 1905, אין איינעם אַ פאַרנאַכט, בין איך אָנגעקומען קיין פּתח־תקוה. איך האָב דאָרט געהאַט אַ פריינדין און זי האָט מיך אַריינגענומען צו איר אין צימער. זי איז געווען אַ שניידערקע. זי האָט געאַרבעט פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט. קיין מאַשין האָט זי ניט געהאַט, איז זי געגאַנגען נייען אין די היימען פון אירע קליענטקעס. איך בין זי זייער מקנא געווען, וואָס זי האָט אַרבעט, אָבער איך האָב געוואָלט זיין אַן ערד־אַרבעטערין.

אין פּתח־תקוה זיינען געווען עטלעכע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן גענומען יידישע אַרבעטער. אָבער געבן אַרבעט אַ פרוי — אויף דעם האָט זיך קיין איינער ניט געפונען. איך בין אַרומגעגאַנגען אַן

אַרבעט. די עלטערן האָבן אָנגעזאָגט זייערע טעכטער זיי זאָלן זיך מיט מיר ניט חברן. וואָס הייסט? אַ מיידל פאַרלאָזט אירע עלטערן און וויל אַרבעטן ווי אַן אַראַבערקע? אַזוי האָבן זיי געזאָגט . . .

דער זומער איז געווען אַ שווערער. די מאַלאַריע האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן. די אויגן זיינען געשוואָלן געוואָרן פון אַן ענטצינדונג . . .

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סעזאָן פון קלייבן פּאָמעראַנצן. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז באַקומען די אַרבעט.

לאַנג, לאַנג האָט געדויערט ביז איך האָב די אַרבעט געקראָגן. דער פאַרוואַלטער פון די פּאָמעראַנצן-גערטנער איז געווען אַ פרומער ייד, און ער האָט ניט געוואָלט אַז אַ יידיש מיידל זאָל טאָן אַזאַ אַרבעט.

איינמאָל האָט מען מיר אָנגעזאָגט די בשורה: מען האָט מיך אָנגענומען צו דער אַרבעט.

איך בין געקומען אין אַ גרויסער געביידע, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ שטאַל. אויף דער ערד זיינען געווען אויסגעלייגט שטרויענע ראָגאָזשעס . . .

מען האָט אָנגעהויבן ברענגען די פּאָמעראַנצן אין גרויסע קוישן. איך האָב זיי געדאַרפט אויסלייגן אויף די ראָגאָזשעס. איך האָב געאַרבעט זייער שנעל. איך האָב געוואָלט באַווייזן דעם פאַרוואַלטער, אַז אַ יידישע אַרבעטערין איז ניט קיין קלענערע בריה ווי אַן אַראַבערקע.

איך האָב זיך זייער אָנגעשטרענגט. פּלוצלינג האָב איך דערפילט אַ שאַרפן שטאָך אין קערפּער. איך בין אויפגעשפּרונגען פון ווייטיק. לעבן מיר איז געקראָכן אַ קליין שוואַרץ באַשעפעניש. איך האָב ניט געוואוסט וואָס דאָס איז. דאָס איז געווען אַן עקדיש. עס האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן, אָבער איך האָב ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט זאָגן: „נאָר ביי אַ יידישער אַרבעטערין טרעפט אַזאַ זאַך" . . . .

איך האָב געקראָגן אַ שם פון אַ גוטער אַרבעטערין. מען האָט מיר געצאָלט אַ פולן געהאַלט.

איך גלויב, אַז איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט אויף געווינען צוטרוי צו „אידישער אַרבעט".

א. ד. גאָרדאָן



הדרך לתחיתנו היא דרך העבודה והיצירה. אנחנו שואפים לברוא את עמנו — עם עובד ויוצר...

אונדזער פאָלק וועט אויפלעבן דורך אַרבעט און דורך שע־פערישקייט. מיר שטרעבן צו ווערן אַן אַרבעטס־פאָלק...

(א. ד. גאָרדאָן)

תחית העם לא תוכל לבוא אלא על ידי עבודה, עבודה בכל צורותיה, אבל בעיקר ע״י עבודת כפים, וביחוד ע״י עבודה בתוך הטבע. כל בני העם צריכים לעבוד. וכן גם גאולת הארץ לא תוכל לבוא אלא על ידי עבודה.

די אויפלעבונג פון פאָלק וועט ניט קומען אויף קיין אַנדער אופן, נאָר דורך אַרבעט, אַלערליי אַרבעט, אָבער דער עיקר דורך פיזישער אַרבעט, און איבערהויפט ערד־אַרבעט. יע־דער ייד דאַרף אַרבעטן. און אויך די אויסלייזונג פון ארץ ישראל וועט ניט קומען דורך קיין אַנדער אופן, נאָר דורך אַרבעט.

(פון א. ד. גאָרדאָנס שריפטן)

צווישן די יונגע חלוצים פון דער צווייטער עליה איז געווען איינער אַן עלטערער מענטש מיט אַ גרוילע-כער באָרד. ער האָט אויסגעזען ווי אַ רבי צווישן זיינע תלמידים. אהרן דוד גאָרדאָן האָט ער געהייסן.

אַרום 50 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, אָבער קיינער פון די יוגנטלעכע חלוצים איז ניט געווען אַזוי יונג ווי ער. זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ שמייכל. ער האָט שטענדיק געהאַט צו זאָגן אַ ווערטל, אָדער אַ בליץ טאָן מיט אַן אויג אויף פאַרטרייבן די זאָרג ביי אַ חבר. ער האָט געהאַט צייט אויף אַרבעטן מיטן רידל, אויף שמועסן מיט חברים, אויף שרייבן, אויף האַלטן רעפעראַטן, אויף באַזוכן קראַנקע, און שעה'ן לאַנג זיין אין דרויסן און באַוואונדערן די לאַנדשאַפט פון ארץ ישראל.

די אַרבעטער האָבן אים ליב געהאַט, מיט גרויס דרך ארץ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. עס איז זיי ניט שווער געווען צו מאַכן אַ וויטן גאַנג כדי הערן אַ שמועס פון א. ד. גאָרדאָן.

אַ געוויסע צייט האָט א. ד. גאָרדאָן געאַרבעט אין רחובות. ער האָט זיך פאַרדונגען פאַר אַן אויוונהייצער אין אַ ברויערײ. ער האָט געאַרבעט ביינאַכט. פלעגן זיצן זיינע יונגע חסידים מיט אים אַ גאַנצע נאַכט און הערן פון אים תורה.

וואָס איז געווען די תורה וואָס ער האָט מיט זיי געלערנט? זיין תורה איז געווען, אַז יעדער מענטש מוז טאָן פיזישע אַרבעט. מעג ער זיין אַ רב, צי אַ לערער, צי אַ שרייבער, אַ למדן, אָדער אַ פילאָזאָף — דאַרף ער קיין „פריץ” ניט זיין. ער האָט ליב געהאַט צו זאָגן דאָס וואָרט — אַ „פריץ”. יעדער מענטש דאַרף אַרבעטן מיט די הענט — און דער עיקר ערד-אַרבעט. ער אַליין איז געווען אַ למדן און אַ גע-לערנטער. ער האָט געקענט עטלעכע שפּראַכן, און געלעבט האָט ער ווי אַ פשוטער אַרבעטער. יעדן טאָג איז ער מיטן רידל אויפן אַקסל געגאַנגען צופוס פון זיין היים אין עין-גנים קיין פתח-תקוה צו דער אַרבעט. ער האָט געטראָגן הויכע שטיוול זומער און ווינטער, אַ היטל מיט אַ ברייטן דאַשיק כדי זיך פאַרשטעלן פון דער זון און האָט

געאַרבעט מיט פרייד. יעדעס שטיקל באָדן וואָס ווערט באַאַרבעט מיט יידישע הענט הייסט אויסלייזן ארץ ישראל. אַזוי פלעגט ער זאָגן.

נישט נאָר די טויזנטער דונאַם לאַנד וואָס יידן וועלן קויפן זיינען וויכטיק, נאָר דער עיקר זיינען די טויזנטער יידישע הענט, וואָס וועלן דעם באָדן באַאַרבעטן.

דאָס איז געווען די צייט פון דער צווייטער עליה. די חלוצים פון דער עליה זיינען געקומען קיין ארץ ישראל אויף צו זיין אַרבעטער. זיין אַן אַרבעטער אין ארץ ישראל איז פאַר זיי געווען אַ שטאָלץ. זיי האָבן זיך געראַנגלט אויף באַקומען אַרבעט. זיי האָבן זיך געמאַטערט אויף אויסלערנען זיך אַרבעטן. די תורה פון אַרבעט פון א. ד. גאָרדאָן האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען און הויך געשעצט.

א. ד. גאָרדאָן איז געקומען פון פּאָדאָליע, רוסלאַנד. זיין קינד־הייט האָט ער פאַרבראַכט אין אַ וואַלד, וואו זיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. זיין גאַנצן לעבן האָט ער ליב געהאַט די גרינקייט פון ביימער, די פרישקייט פון פעלד און די ברייטקייט פון הימל.

ער האָט אַ סך געטראַכט וועגן יידן, וועגן זייער צוריקקומען קיין ארץ ישראל. יידן זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער לאַנד. איצט דאַרפן זיי זיך צוריק איינפלאַנצן, מוזן זיי זיין נאָענט צו דער נאַטור, צום באָדן פון ארץ ישראל. אַזוי האָט געלערנט א. ד. גאָרדאָן.

שווער איז אים אָנגעקומען דאָס פאָרן קיין ארץ ישראל, און נאָך שווערער איז אים געווען דאָס איינאָרדענען זיך אין לאַנד. ער איז געקומען קיין ארץ ישראל אַליין. זיין משפחה איז געבליבן אין אַ שטעטל אין פּאָדאָליע. זיי האָבן ניט געוואָלט מיטפאָרן מיט אים. זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט זיין נסיעה.

קומענדיק אין לאַנד האָט ער דערפילט ווי שווער עס איז פאַר אַן עלטערן מענטשן צו ווערן אַן אַרבעטער. ער איז געגאַנגען פון ישוב צו ישוב און אין ערגעץ האָט מען אים אויף קיין אַרבעט ניט געוואָלט אָננעמען. מען האָט אים פאָרגעלייגט צו ווערן אַן אָנגע־שטעלטער אין אַ ביורא, מען האָט אים געראָטן צו ווערן אַ לערער. אָבער ער האָט געוואָלט זיין אַן ערד־אַרבעטער. א. ד. גאָרדאָן האָט

זיך פון די שטעלעס אָפּגעזאָגט. ער איז מיט עקשנות אויסגעשטאַנען דיליידן פון זוכן אַרבעט, ביז ער האָט זיינס דערגרייכט.

די פאַרדינסטן פון אַן אַרבעטער זיינען געווען קליינע. א. ד. גאָרדאָן האָט אַ סך געליטן, וואָס ער קען ניט העלפן זיין משפחה אין פּאָדאָליע. ער האָט געקראָגן אַרבעט אין ראשון לציון אין אַ וויין־קעלטער. דאָרט האָט ער פאַרדינט אַביסל מער און האָט געהאָפט אַז ער וועט האָבן געלט אויף שיקן צו זיין פרוי און קינדער. אָבער די האָפענונג איז פאַרלאָרן געוואָרן. אין וויין־קעלטער, וואו ער האָט געאַרבעט, האָט מען באַליידיקט אַן אַרבעטער. יענער איז אַוועק פון דער אַרבעט. א. ד. גאָרדאָן האָט זיך אָנגענומען פאַרן באַליי־דיקטן, און האָט צוזאַמען מיט אים פאַרלאָזן די אַרבעט אין וויין־קעלטער.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זיינען געקומען זיין פרוי און זיין טאָכטער. די פרוי איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. אויך זיין טאָכטער איז געלעגן מיט אַ שווערער קראַנקהייט אין שפּיטאָל. א. ד. גאָרדאָן האָט די אַלע ליידן דורכגעטראָגן.

ער איז ניט אַריינגעפאַלן אין קיין יאוש. האָט זיך קיינמאָל ניט געקלאָגט. ער האָט איינגעהאַלטן די לויטערקייט פון האַרץ און פריידיקייט פון געמיט. ער האָט גענומען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע פון לעבן מיט אַ גרויסער ליבשאַפט צו גאָטס וועלט.

א. ד. גאָרדאָן האָט אַ סך מאָל געביטן זיין וואוינאָרט. ער האָט געלעבט אין רחובות, אין פתח־תקוה, אין ראשון־לציון, און אין כנרת. ער האָט געהאָלפן בויען די ערשטע קבוצה, דגניה, און דאָרט איז ער געבליבן ביזן סוף פון זיין לעבן. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר שווערע באַדינגונגען. האָט זיי איבערגעטראָגן מיט הומאָר און פרייד.

פונקט אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט די נאַטור האָט ער ליב גע־האַט מענטשן. צו נאָענטע און אַפילו צו אומבאַקאַנטע האָט ער זיך באַצויגן מיט טיפער האַרציקייט.

אין עין־גנים איז קראַנק געוואָרן אַן אַרבעטער. ער איז געלעגן אין היץ, אַליין אין זיין צימער, און קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. א. ד. גאָרדאָן איז געקומען צו אים. ער איז אַריין,

באַטראַכט דעם צימער און האָט אַ שפּאַס געטאָן: „זע נאַר! זע נאַר, אַ רחבות! אַ קייזערלעכער פּאַלאַץ ממש. און שטויב איז דאָ אויך פאַראַן געוווג". ער האָט געפונען אַ בעזים און אויסגעקערט דעם צימער. דערנאָך האָט ער זיך געזעצט לעבן דעם קראַנקן, גערעדט מיט אים. ער האָט געוואָלט אים פרייִלעכער מאַכן אויפן האַרצן, עפּעס טאָן פאַר אים. האָט ער זיך מישב געווען, געשיקט אויף פּאָטשט פרעגן צי איז נישטאָ פאַר אים אַ בריוו. דער שליח האָט טאַקע געבראַכט אַ בריוו. דער חולה האָט זיך מיטן בריוו זייער דערפרייט.

א. ד. גאָרדאָן האָט מיטן ביישפּיל פון זיין אייגענעם לעבן געלערנט די אַרומיקע. ער איז געווען דער גרויסער לערער פון דער צווייטער עליה. ער האָט זיי געלערנט ווי צו לעבן — פאַר זיך, פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד. אויף זיין נאָמען האָט מען אויסגעבויט אין דגניה דעם „בית גאָרדאָן" — אַ מוזעאום פאַר נאַטור־וויסנשאַפט.

„השומר"

בילדער פון די ערשטע שומרים. — ערשטע ריי, פון אויבן אַראָפּ: בעקער, בענקין, גבעוני. צווייטע ריי: גלעדי, ניסאַנאָוו, בן־צבי, שוחט. דריטע ריי: כאַזאַנאָוויטש, פּאָרטוגאַלי, זייד.

נשבע ד׳ בימינו ובזרוע עזו אם אתן את דגנך עוד מאכל לאויביך אם ישתו בני נכר תירושך אשר יגעת בו.

(ישעיה ס״ב)

גאָט האָט געשוואָרן ביי זיין רעכטער האַנט און ביי זיין מעכטיקן אָרעם — אויב איך וועל מער געבן דיין תבואה פאַר שפּייז צו דיינע פיינט און אויב פרעמדע וועלן טרינקען דיין וויין, וואָס דו האָסט זיך געמיט אויף אים.

אין יאָר 1907 האָט יצחק בן צבי, דער צווייטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל, געוואוינט אין אַ קליין צימערל אין יפו.

עס איז געווען שמחת תורה אין אָוונט. אין דעם קליינעם צימערל פון יצחק בן צבי האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע אַרבעטער. זיי האָבן געשמועסט אַז מען דאַרף האָבן יידישע וועכטער וואָס זאָלן היטן די יידישע קאָלאָניעס און די יידישע וויינגערטנער.

זיי האָבן געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע. וואָס האָט געהייסן „השומר" (דער היטער).

די שומרים האָבן זיך אויסגעלערנט רייטן אויף פערד און האָבן זיך אויסגעלערנט שיסן, כדי זיי זאָלן קענען אַרומפאָרן און היטן די יידישע הייזער און פעלדער. אַפילו די פרויען פון די שומרים האָבן אויך געקענט רייטן אויף פערד און האַלטן געווער. זיי האָבן זיך געקענט פאַרטיידיקן.

די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע „השומר" זיינען געווען יצחק בן צבי, ישראל גלעדי, מענדל פּאָרטוגאַלי, חאַצקל ניסאַנאָוו, בערל שווייגער, צבי בעקער, אלכסנדר זייד, ישראל שוחט, מאיר כאַזאַנאָוויטש און יחזקאל כענקין.

די „שומרים" זיינען געווען זייער געוואַגטע מענטשן. זיי האָבן פאַר קיינעם ניט מורא געהאַט. ביינאַכט פלעגן זיי מיט אַ ביקס אין האַנט רייטן אויף זייערע פערד און היטן. דאָרט וואו עס זיינען געווען יידישע „שומרים" האָבן די אַראַבער מורא געהאַט אָנפאַלן.

שושנה די העלדישע מוטער פון די שומרים כאַצקל און צבי ניסאַנאָוו

שושנה ניסאַנאָוו איז געווען אַ העלדישע פרוי. אירע צוויי זין כאַצקל און צבי ניסאַנאָוו, זיינען געווען שומרים.

איינמאָל איז זי מיט איר זון צבי געפאָרן אין וועג. שושנה איז געריטן אויף אַ פערד, און איר זון צבי איז געגאַנגען צופוס.

אַנטקעגן זיי אויפן וועג זיינען אָנגעקומען עטלעכע אַראַבישע רייטער. זיי זיינען געווען באַוואָפנט. שושנה האָט זיך ניט דער־שראָקן. זי איז אַראָפּ פון פערד און האָט געזאָגט צו איר זון, צבי: — זעץ זיך אויפן פערד און רייט זיי אַנטקעגן. שים אויף זיי, אויב זיי וועלן דיך באַפאַלן.

די אַראַבער האָבן געזען, אַז מען האָט פאַר זיי קיין מורא ניט, זיינען זיי אַוועק.

כאַצקל ניסאַנאָוו איז געווען אַ שומר און אַן אַרבעטער אין מרחביה. איינמאָל איז ער געפאָרן מיט נאָך אַן אַרבעטער פון מרחביה אין וועג. זייער וואָגן איז געווען געשפּאַנט מיט צוויי מויל־אייזלען. זיי זיינען געפאָרן צווישן בערג. אין די בערג האָבן זיך באַהאַלטן רויבער. די רויבער האָבן דערזען דעם וואָגן מיט די צוויי מויל־אייזלען און זיי זיינען אַרויסגעלאָפן פון זייער באַהעלטעניש. זיי האָבן אָנגע־שטעלט די ביקסן אויף כאַצקלען און האָבן געשריען: — שטייט, גיט אָפּ די מויל־אייזלען און דאָס געווער!

כאַצקל האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער האָט געהייסן דעם אַר־בעטער טרייבן די מויל־אייזלען מיטן גאַנצן כח. די רויבער האָבן אָנגעהויבן שיסן. כאַצקל האָט זיך איינער אַליין פאַרטיידיקט. אַ קויל פון די רויבער האָט אים געטראָפן און ער איז געפאַלן אַ טויטער אין וואָגן.

ווען זיין מוטער שושנה האָט דערזען דעם טויטן קערפּער פון איר זון, האָט זי ניט געוויינט. זי האָט געקוקט אויף איר זון און האָט געפרעגט:

— האָט מיין זון נקמה גענומען פון די אָנפאַלער?

— יאָ, האָט מען איר געענטפערט — ער האָט געשאָסן אויף זיי און האָט איינעם פאַרוואונדעט.

— ברוך השם — האָט געזאָגט די העלדישע שושנה, — ברוך השם!

יידישע פּאַסטוכער צווישן די בעדואינער

איינמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די שומרים האָט מען גע־שמועסט, אַז יידן דאַרפן זיך אויסלערנען פּאַשען שאָף, אַזוי ווי די

בעדואינער. זיך אויסלערנען לעבן אין געצעלטן, וואַנדערן און קלעטערן מיט די סטאַדעס אויף די בערג. אין ארץ ישראל וועלן דעמאָלט זיין יידישע פּאַסטוכער, וואָס וועלן פּאַשען אייגענע סטאַדעס.

די אָרגאַניזאַציע פון די שומרים „השומר" האָט זיך געווענדט צום האַלב-ווילדן שבט טורקעמאַנער, וואָס האָט געוואַנדערט אַ טייל פון יאָר אין עמק יזרעאל, עטלעכע חדשים אַ יאָר לעבן חדרה און אַ ביסל צייט לעבן קארקור.

דריי חברים פון „השומר" האָבן זיך אונטערגענומען אַוועקצוגיין וואַנדערן מיט די בעדואינער און פּאַשען מיט זיי זייערע סטאַדעס.

די יידישע בחורים האָבן אָנגעטאָן אַבאַיעס, ווי עס טראָגן די בעדואינער, אויפן קאָפּ האָבן זיי אַרומגעבונדן ווייסע טיכער, וואָס די בעדואינער טראָגן אָנשטאָט היטלען. קיינער וואָלט ניט דערקענט, אַז זיי זיינען יידישע בחורים.

איינער פון די פּאַסטוכער, ב. פליישער, האָט געוואוינט אין אַ געצעלט מיט אַ בעדואינער, וואָס האָט געהאַט צוויי סטאַדעס שעפּסן. איינמאָל איז צו דעם בעדואינער געקומען אַ גרויסער גאַסט, דער „הייליקער שייך", דער הערשער פון דעם שבט. לכבוד דעם שייך האָט מען געשאָכטן שעפּסן און מען האָט געמאַכט מאָלצייטן. מען איז געריטן אויף פערד און געפּראַוועט יום-טובים.

דער יידישער פּאַסטוך האָט אויך אָנטייל גענומען אין אַלע פאַרווילונגען.

ער איז זייער געפעלן געוואָרן דעם „הייליקן שייך". דער שייך האָט אים אַוועקגעזעצט לעבן זיך און געגעבן די בעסטע שטיקלעך פלייש צו עסן.

דער שייך האָט געזאָגט צו אים: „מיר וועלן דיר געבן אַ סטאַדע שעפּסן און איך אַליין וועל דיר אויסקלייבן אַ שיין מיידל פאַר אַ ווייב. נעם אָן דעם גלויבן פון מחמד און דו וועסט ווערן אַ מיטגליד פון אונדזער שבט".

ב. פליישער האָט זיך ניט געוואָלט קריגן מיטן „שייך" און ער האָט אים געענטפערט: „איך בין געקומען צו אייך זיך לערנען זיין אַ פּאַסטוך, זיך צוצוקוקן צו אייער לעבן און אייערע מנהגים. אויב מיר וועט געפעלן ווי איר לעבט, וועל איך אָננעמען אייער אמונה.

אויב מיר וועט ניט געפעלן ווערן, אַפילו אויב איר וועט מיר אָנשיטן אַ פולן געצעלט מיט גאָלד, וועל איך מיין אמונה ניט בייטן".

דעם שייך און אַלע בעדואינער איז די תשובה זייער געפעלן געוואָרן. דער שייך איז אַוועקגעפאָרן און האָט אָנגעזאָגט די בעדואינער מען זאָל היטן דעם יידישן פאַסטוך ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

איינמאָל, פאַרנאַכט, ווען דער יידישער פאַסטוך האָט געבראַכט זיין סטאַדע פון פעלד, און ער האָט איינגעלייגט די קליינע שעפּסעלעך אויף זייער נאַכטלעגער, האָט ער געהערט ווי זיין באַלעבאָס, דער בעדואינער, זאָגט: „ווער ווייסט וויפיל עבירות איך בין באַגאַנגען, וואָס איך גיב עסן דעם ייד, דעם אומגלויביקן".

אויף דעם האָט אים געענטפערט איינער פון דעם שייך׳ס באַגלייטער מיט גרויס אויפרעגונג: „וואָס רעדסטו? ער אַרבעט דאָך פאַר דיר און ער פאַרדינט זיין ברויט. וואָס איז ער, אַ הונט? און דו דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז די יידישע אמונה איז עלטער פון אונדזערער, און דער נביא משה איז אַ נביא".

אַזוי האָט ער געזאָגט און איז אַ ברוגזער אַרויס פון געצעלט.

דערנאָך איז דעם שייך׳ס באַגלייטער צוגעגאַנגען צום יידישן פאַסטוך און האָט צו אים געזאָגט אויף העברעאיש „שלום". דער יידישער פאַסטוך איז געבליבן שטיין זייער פאַרוואונדערט. „וואונדער זיך ניט", האָט אים געזאָגט דעם שייך׳ס באַגלייטער, „איך וועל דיר אַמאָל אויסזאָגן מיין סוד".

ביינאַכט, ווען דער שומר האָט אויסגעשפּרייט זיין אַבאַיע אויף צו לייגן זיך שלאָפן לעבן די שעפּסן, איז צוגעקומען דעם שייך׳ס באַגלייטער און האָט אים שטילערהייט דערציילט, אַז ער איז אַ ייד, געבוירן אין צפת, און שוין יאָרן לאַנג לעבט ער צווישן די בעדואינער. ער האָט געבעטן, אַז דאָס זאָל בלייבן אַ סוד און איז אַוועק אין געצעלט.

אַ יאָר צייט האָט דער יידישער פאַסטוך געוואַנדערט מיט די בעדואינער. געשלאָפן לעבן די שעפּסן, געגעסן די אָרימע שפּייז פון די בעדואינער און פאַרבראַכט מיט זיי אויף זייערע פאַרוויילונגען. ער האָט זייער געבענקט צוריק, צו זיינע חברים, די „שומרים", און צו אַ יידישן ישוב.

איינמאָל איז ער געלעגן צווישן די פּאַסטוכער און האָט געהיט די סטאַדעס. פּלוצלינג האָט ער דערזען ווי עס קומט אָן אַ רייטער. דער רייטער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַן אַראַבער.

— ווער איז דער רייטער? — האָט ער געפרעגט ביי די פּאַס־טוכער.

— ער איז אַ „פּרעמדער״ — האָבן זיי געענטפערט, ווייל זיי דערקאָנען לויט די טריט פונם פערד, צי דער רייטער איז זייערער אַן אייגענער, אָדער פון אַן אַנדער אָפּשטאַם.

דער רייטער איז צוגעפאָרן, האָט זיך באַגריסט מיט די פּאַסטו־כער אויף אַראַביש, „סאַלאַם עליקעם״, און צום יידישן פּאַסטוך האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

דער רייטער איז געווען איינער פון די שומרים, וואָס איז געקומען נעמען דעם יידישן פּאַסטוך צוריק.

„שוין גענוג צו לערנען די בעדואינער תורה״, — האָט ער אים געזאָגט — „נעם דיינע זאַכן און קום מיט מיר״.

די בעדואינער האָבן זיך געזעגנט מיטן יידישן פּאַסטוך ווי די בעסטע גוטע פריינט. זיי האָבן געשאָכטן אַ שעפּס און געמאַכט אַ מאָלצייט, און דער עלטסטער האָט געזאָגט צו אים: „בלוט איז נישט קיין וואַסער. אויב דיין משפּחה פאָדערט, אַז דו זאָלסט זיך אומקערן, וועט קיינער פון אונדז דיך ניט פאַרהאַלטן. אָבער דו זאָלסט וויסן: אויב דו וועסט זיך וועלן אומקערן צו אונדז אין צען יאָר אַרום, אָדער ווען דיין האַרץ וועט דיך ציען — זיינען מיר גרייט דיך אויפצונעמען אין אונדזערע געצעלטן. דו ביסט איינער פון דעם שבט טורקעמאַן און מיר זיינען שטענדיק גרייט דיר קומען צו הילף״.

(פון די זכרונות פון ג. פליישער)

די שומרים, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי די בעדואינער צו זיין פּאַסטוכער, האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ סך געהאָלפן איינצו־שטעלן סטאַדעס שאָף אין די יידישע ישובים פון ארץ ישראל.

אַרבעטער קאָלעקטיוון

אַרבעטער־הויז אין חדרה

הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד.

אַליין איז מען קליין, און אַלע צוזאַמען —
קען מען דורכשווימען ים'ען.

די מענטשן פון דער צווייטער עליה האָבן אַ סך געוואַנדערט פון איין יידישע קאָלאָניע צו דער אַנדע-רער. זיי האָבן געזוכט אַרבעט. זיי זיינען אָפּטמאָל געגאַנגען צופוס, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט אויף צו פאָרן, און אין צייטן פון דער צווייטער עליה איז געווען ניט גרינג צו גיין איבער די וועגן פון ארץ ישראל.

מנחם כהן, אַן אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, דערציילט וועגן אַזאַ וואַנדערונג:

איינמאָל זיינען אַרום דריי אַרבעטער פון יפו קיין זכרון יעקב זוכן אַרבעט. זייער באַגאַזש איז געווען אַ קליינער. יעדער איינער האָט געהאַט אַ פּאָר העמדער, אַ לעבל ברויט, אַ שטיקל שעפּסענעם קעז און אַביסל איילבירטן. זיינען זיי דערגאַנגען צו פתח-תקוה און דאָרט האָבן זיי איבערגענעכטיקט די נאַכט. אויפמאָרגן האָבן זיי זיך געלאָזט גיין ווייטער צו זכרון יעקב. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ קאַראַוואַן קעמלען. די אַראַבער, די אַנטרייבער פון די קעמלען, זיינען באַפאַלן די דריי יידישע אַרבעטער און צוגענומען ביי זיי אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט, די זאַכן און דאָס עסן. קיין אַראַביש האָבן די יידישע אַרבעטער ניט געקענט ריידן, קיין געווער האָבן זיי ניט געהאַט, און זיי האָבן זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן, און אַפילו נישט זאָגן אַ וואָרט צו די אַנפאַלער. דער קאַראַוואַן איז אַוועק. די דריי אַרבעטער זיינען געבליבן שטיין דערשלאָגן. דערווייל איז אָנגעפאָרן אַ „דיליזשאַנס". עס זיינען געפאָרן יידן. דער פורמאַן האָט זיי אַריינ-גענומען אין דיליזשאַנס. זיי האָבן אים דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי די אַראַבער האָבן זיי באַרויבט.

דער אַנטרייבער איז געוואָרן זייער אין כעס אויף די אַראַבער. ער איז געווען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט פון חדרה און ער האָט גע-וואוסט ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט די אַראַבער. ער האָט אַ טרייב געטאָן די פערד און האָט דעריאָגט דעם קאַראַוואַן. אַז די אַראַבער האָבן דערזען, אַז מען יאָגט זיי נאָך זיינען איינינקע אַנטלאָפן, און די וואָס זיינען געבליבן האָבן אָפּגעגעבן צוריק די צוגערויבטע זאַכן.

קריגן אַרבעט אין אַ קאָלאָניע איז געווען שווער. דער אַרבעטס־לאָזער פלעגט גאַנץ פרי נעמען זיין רידל אויפן אַקסל, אַ שטיקל ברויט אין זעקל און אַרויסגיין אויפן אַרבעטס־מאַרק, אין חדרה אָדער פתח־תקוה, אָדער אַן אַנדער ישוב. ער איז געשטאַנען און געוואַרט ביז אַ קאָלאָניסט וועט קומען אים נעמען אויף אַרבעט. אָפטמאָל האָט ער אָפּגעוואַרט אַ גאַנצן טאָג און קיין אַרבעט ניט באַקומען. ער האָט זיך געפילט עלנט און געפאַלן ביי זיך. די אַרבעטער האָבן געזען, אַז מען דאַרף זיך אָרגאַניזירן און נישט אַרומגיין איינציקווייז זוכן אַרבעט.

די יידישע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין גרופּעס, פינף, זעקס מענטשן אין אַ גרופּע. אַ גרופּע איז געווען ווי אַ קליינע משפחה. אויב איינער האָט געאַרבעט, האָט ער דאָס געלט אָפּגעגעבן פאַר אַלעמען. איינער האָט געהאָלפן דעם צווייטן קריגן אַרבעט. זיי האָבן איינע די אַנדערע געשטיצט, ווען עמיצער איז געווען קראַנק.

אין סעדזשערא, גליל, האָבן צוויי חברים פון „השומר", ישראל שוחט און מענדל פּאָרטוגאַלי, געגרינדעט אַן אַרבעטער אָרגאַניזאַציע „עבודה".

יעדער חבר פון „עבודה" האָט געמוזט אָננעמען אַרבעט דאָרט, וואו די אָרגאַניזאַציע האָט אים געשיקט. מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט. די מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען אַרומגעגאַנגען צופוס, אָפטמאָל באָרוועס, פון איין קאָלאָניע צו דער אַנדערער און זיך נאָכ־געפרעגט אויף אַרבעט, אָבער ניט פאַר זיך האָבן זיי געזוכט אַרבעט, נאָר פאַר אַלע חברים פון דער אָרגאַניזאַציע. אַז דער קאָמיטעט האָט געקראָגן אַרבעט, האָט ער געשיקט זיינע מענטשן צו פאַרנעמען די פלעצער. פאַר אַ קליינער אַרבעט — איין מענטש, אָדער צוויי; פאַר אַ גרעסערער אַרבעט איז געגאַנגען אַ גאַנצע גרופּע.

אין חדרה האָט די אָרגאַניזאַציע „עבודה" זיך אונטערגענומען צו באַאַרבעטן אַ גאָרטן פון פלאַנצונגען. די „עבודה" האָט געשיקט אַהין אַ גרופּע אַרבעטער. איינמאָל אינדערפרי, ווען די אַרבעטער זיינען געקומען, האָבן זיי געטראָפן ביים טויער פון גאָרטן עטלעכע אַראַבער מיט שטעקנס אין די הענט. די אַראַבער האָבן זיי נישט

געוואָלט אַריינלאָזן אין גאָרטן אַרבעטן. דער גאָרטן האָט געהערט צו אַ יידישער געזעלשאַפט „אגודת נטעים". די יידישע אַרבעטער פון „עבודה" האָבן געפילט, אַז די אַרבעט געהערט צו זיי. צווישן די יידישע אַרבעטער און די אַראַבישע איז פאָרגעקומען אַ געשלעג, און די יידישע אַרבעטער זיינען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. גאַנץ אָפט איז אויסגעקומען די חברים פון דער „עבודה" צו האָבן צוזאַ־מענשטויסן מיט די אַראַבער, און זיי זיינען דעריבער געגאַנגען צו דער אַרבעט באַוואָפנטע.

אין חדרה האָט די „עבודה" געשאַפן אַן אַרבעטער־קיך. מען האָט עס גערופן „מטבח הפועלים". אין אַרבעטער־קיך זיינען געקומען אַלע אַרבעטער פון חדרה. אַרבעטער קיכן זיינען איינגעשטעלט גע־וואָרן אויך אין אַנדערע ישובים, אין פתח־תקוה, אין רחובות און אומעטום וואו ס'זיינען געווען יידישע אַרבעטער.

אין מטבח איז געווען אַ חברה, אָדער צוויי חברות, וואָס זיינען געווען די באַלעבאָסטעס. זיי פלעגן קאָכן, קריגן די פּראָדוקטן ביים קרעמער, קויפן פלייש, ברענגען וואַסער, וואַשן די כלים, און טאָן אַנדערע אַרבעטן. די אַרבעטער־קיך איז געווען ווי אַ גוטע היים פאַר די אַרבעטער. דאָרט איז געווען פריילעך. מען האָט געזונגען, מען האָט געטאַנצט. געגעסן האָט מען ניט שטענדיק צו זאַט, ווייל עס איז ניט געווען גענוג געלט ביי די אַרבעטער.

ברויט מיט ציבעלע און אַ זופּ פון אַרבעס איז געווען אַ גוטער מאכל. רייז מיט אויל האָט מען געקאָכט אויף שבת, און פלייש איז געווען גאָר אַ יום טובדיק עסן.

די חברות, וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך, האָבן געהאַט צו זינ־גען און צו זאָגן. זיי זיינען געווען יונגע מיידלעך, אָפטמאָל פון רייכע משפחות אין רוסלאַנד. זיי האָבן ניט געקענט קאָכן. אויב ביי זיי האָט זיך פאַרברענט דאָס עסן, האָבן אַלע געלאַכט פון זיי. די חברות האָבן אָפטמאָל געוויינט פאַר חרפּה און טאַקע פון עגמת נפש, וואָס די אַרבעטער זיינען געבליבן הונגעריקע. אָבער די אַרבעטער האָבן זיי געטרייסט און פאַרזיכערט אַז זיי וועלן נאָך זיין גוטע קעכינס.

אין דער אַרבעטער־קיך זיינען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער, פאָרלעזונגען, קאָנצערטן. דאָרט האָט מען געלייענט

ציימונגען, ביכער. דאָרט האָט מען געשמועסט, דערציילט נייעס און געהאַט וויכוחים. די אַרבעטער־קיך איז געווען אַ קלוב און אַ ביבליאָטעק, און אָפטמאָל, אַז אַ חבר האָט נים געהאַט וואו צו שלאָפן, האָט ער איבערגענעכטיקט אין דער אַרבעטער־קיך.

עס פלעגט אַמאָל טרעפן, אַז די אַרבעטער־קיך האָט נים געהאַט קיין געלט אויף צו באַצאָלן דעם קרעמער, פאַר גרויפּן אָדער מעל, אָדער אין דער יאַטקע פאַר פלייש. די חברות, די באַלעבאָסטעס פון דער קיך, האָבן איינגעלייגט אַ וועלט כדי „אויסצוטראַכטן" פאַר די חברים אַ מיטאָג.

איינמאָל, אַזוי דערציילט אַ חברה, אַ „קעכין", איז ביי איר אויסגעגאַנגען די ווייצענע מעל און עס איז נים געווען פון וואָס צו באַקן ברויט. זי האָט זיך מיישב געווען און האָט אָפּגעבאַקן ברויט פון גערשטענע מעל. דאָס ברויט איז אַרויסגעקומען געל און האַרט ווי ציגל. די חברים האָבן געלאַכט פון איר, און די „בעקערקע" איז געלעגן אויף אַ באַנק און געוויינט. אָבער זי האָט זיך איינגעעקשנט און נאָכאַמאָל געבאַקן ברויט פון גערשטענע מעל. דאָס צווייטע מאָל איז דאָס ברויט אַרויסגעקומען גוט און אַלע חברים האָבן זי געלויבט פאַר דער „דערפינדונג".

אין די ישובים האָבן אַלע אַרבעטער אָרגאַניזירט אַרבעטער־קאָמיטעטן. איינער פון די ערשטע אַרבעטער־קאָמיטעטן איז געווען אין זכרון יעקב. די מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט זיינען געווען דוד בן־גוריון, וואָס איז דערנאָך געוואָרן דער ערשטער פּרעמיער פון ישראל; יוסף באַראַץ, וואָס איז אַ מיטגליד פון כנסת, און אליעזר קרול, איינער פון די גרינדער פון כפר גלעדי. זיי אַלע זיינען דעמאָלט געווען ערד־אַרבעטער אין זכרון יעקב.

די קבוצה כנרת

כנרת אין 1914

ואולי...

ואולי לא היו הדברים מעולם,
אולי
מעולם לא השכמתי עם שחר לגן,
לעבדו בזעת אפי;

מעולם, בימים ארכים ויוקדים
של קציר,
במרומי עגלה עמוסת אלמות
לא נתתי קולי בשיר;

מעולם לא טהרתי בתכלת שוקטה
ובתם
של כנרת שלי... הוי כנרת שלי,
ההיית, או חלמתי חלום?

רחל
(תרפ״ז)

און אפשר

אפשר איז די גאַנצע זאַך אַ ליגן?
ווער ווייס?
אפשר האָב איך גאָר זיך ניט געפעדערט
באַארבעטן דעם גאָרטן מיט מיין שווייס?

אפשר אין די לאַנגע הייסע שניט־טעג
האָט גאָר קיינמאָל
אויבן אויף אַ וואָגן פול מיט סנאָפּעס
ניט געקלונגען הויך מיין קול?

אפשר האָב איך גאָר זיך ניט גערייניקט
אינעם ווייסן שוים
פון בלוי כנרת... אָ, כנרת מיין,
ביסטו אין וואָר געווען, אָדער גאָר אין טרוים?

(יידיש: ז. ר.)

סאַמע לעבן ברעג פון בלויען ים כנרת איז דאָ אַ קליינער ישוב, די קבוצה כנרת.

דער ים כנרת איז אַזוי בלוי, ווי דער הימל. דער ים כנרת איז אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג, די בערג פון גליל. די בערג זיינען ווילדע, שטיינערנע מיט טיפע אָפּגרונטן. וואו ניט וואו זיינען דאָ אויף די בערג ווילדעביימער. דער ים כנרת איז נישט קיין גרויסער. ווען מען געפינט זיך אין דער הויך אויף די בערג זעט מען דעם ים כנרת אַרום און אַרום, אַלע זיינע ברעגן. נישטאָ קיין גלייכן צו זיין שיינקייט. ביים ברעג פון כנרת האָבן די מענטשן פון דער צווייטער עליה אויסגעבויט די קבוצה כנרת.

די קבוצה כנרת איז אַ וואונדערלעך שיינער ישוב. צוליב דעם ים און די בערג אַרום און אַרום דאַכט זיך, אַז אין דער קבוצה איז שטענדיק יום טוב. מען הערט ווי עס מורמלען די כוואַליעס פון ים, ווי דער כנרת זאָל אייביק שפּילן אויף אַ פידל.

אין דער קבוצה כנרת שטייען די ווייסע הייזער אין אַ פּאַרק פון גרינע ביימער, בלומען און גראָזן. אין דער קבוצה איז דאָ אַ גרויסער פּאַלמען גאָרטן, וואָס דאָרט וואַקסן טייטלען. דאָס איז דער גרעסטער פּאַלמען גאָרטן אין ארץ ישראל.

עס איז דאָ אַ מעשה, ווי אַזוי אין דער קבוצה כנרת איז געפלאַנצט געוואָרן דער פּאַלמען גאָרטן. אַמאָל, אַמאָל זיינען אין ארץ ישראל געוואַקסן אַ סך פּאַלמעס. ווען די יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל, און דאָס לאַנד האָבן פאַרנומען פרעמדע פעלקער זיינען די פּאַלמעס פאַרשוואונדן. די פרעמדע פעלקער האָבן די פּאַלמען־וועלדער ניט געהיט, ניט באַגאָסן מיט וואַסער, ניט אונטערגעשניטן די טרוקענע צווייגן, ניט אַרומגעגראָבן די ערד לעבן די וואָרצלען. די פּאַלמען־וועלדער זיינען פאַרדאַרבן געוואָרן און פאַרשוואונדן.

עס זיינען אַוועק די יידן, איז אַוועק די שיינקייט פון די פּאַלמעס. ווען די מענטשן פון דער צווייטער עליה האָבן אויסגעבויט כנרת, האָבן זיי באַשלאָסן איבעראַניים אויסהאָדעווען פּאַלמעס אין ארץ

ישראל. אויף די פּאַלמעס וואַקסן טייטלען, און אַ טייטלבוים גיט פּרוכט צענדליקע יאָרן.

זיי האָבן באַשלאָסן איינפלאַנצן אַ פּאַלמען וואַלד אין כנרת. אָבער וואו נעמט מען די פלאַנצן, אַז קיין פּאַלמעס זיינען אין לאַנד נישטאָ? עס זיינען בלויז געווען ווילדע פּאַלמעס, וואָס גיבן ניט קיין פּרוכט.

צוויי חברים פון כנרת האָבן זיך אונטערגענומען קריגן די פלאַנצן. יאָרן לאַנג זיינען זיי אַרומגעפאָרן איבער לענדער וואו עס וואַקסן פּאַלמעס. מיט גרוים מי האָבן זיי געקראָגן די פלאַנצן. געצאָלט פאַר זיי אַ סך געלט. געגעבן מתנות די וועכטער פון די פּאַלמען וועלדער, כדי זיי זאָלן העלפן באַקומען די פלאַנצן. געבראַכט פון אַ סך לענדער פאַרשידענע מינים פּאַלמעס. די אַלע פּאַלמעס האָבן זיי פאַרפלאַנצט און אויסגעהאָדעוועט אין כנרת.

איצט איז דאָרטן אַ גרויסער פּאַלמען-וואַלד. מען רופט אים „גן-רחל", אויפן נאָמען פון דער דיכטערין רחל, וואָס איז געקומען מיט דער צווייטער עליה און האָט געלעבט אין דער קבוצה כנרת, האָט דאָרט באַאַרבעט די ערד, און האָט געשריבן זייער שיינע לידער וועגן ים כנרת.

די קבוצה כנרת האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1908. אין יענער צייט האָבן אַ סך חלוצים פון דער צווייטער עליה פאַרלאָזן די קאָלאָניעס רחובות, פּתח-תקוה, חדרה און אַנדערע. זיי זיינען געגאַנגען אין גליל. זיי האָבן אין גליל געוואָלט בויען אייגענע ישובים — אַרבעטער-ישובים. זיי אַליין זאָלן אַרבעטן און זיי אַליין זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעט. זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין בעלי-בתים איבער זיך. זיי האָבן געוואָלט, אַז ארץ ישראל זאָל געבויט ווערן מיט זייערע הענט און לויט זייער אייגענעם פּלאַן. זייען תבואות און האָדעווען גרינסן, און נישט בלויז פאַמעראַנצן-גערטנער ווי אין די קאָלאָניעס.

דער קרן-קימת האָט אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד ביים ים-כנרת. אויף דעם לאַנד האָט זיך באַזעצט אַ קליינע גרופּע אַרבע-טער, סך הכל אַכט מענטשן. דער פּלאַץ איז געווען אַ ווילדער, דער באָדן אַ שטיינערנער, פאַרוואַקסן מיט דערנער. אַרום זיינען גע-

שטאַנען טונקעלע געצעלטן פון בעדואינער, וואָס האָבן געפּאַשעט זייערע סטאַדעס אויף די ווילדע בערג.

די אַרבעטער האָבן געוואוינט אין אַן אַלטער חורבה, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען. אין דער חורבה איז געווען אַ צימער אָן פענסטער און אָן אַ דיל. דאָרט האָבן זיי איינגעאָרדנט זייערע געלעגערס און אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר טישן. אין די שיינע נעכט איז מען אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך און דאָרט איז מען געשלאָפן.

עס קומט די ערשטע פּרוי אין כנרת

קיין איינציקע פרוי איז נישט געווען צווישן דער ערשטער גרופּע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען בויען כנרת. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל קאָכן און ווער עס זאָל פירן די ווירטשאַפט. האָט מען געשיקט איינעם פון די אַרבעטער ער זאָל פאָרן קיין סעדזשערא, אַ יידישער ישוב אין גליל, „אויסבאָרגן" אַ חברה פאַר כנרת. די חברה האָט נים געוואָלט פאָרן. אָבער אַז מען האָט איר געזאָגט: די אַרבעטער פון כנרת האָבן נים ווער עס זאָל פאַר זיי קאָכן עסן — האָט זי זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פערד און האָט צוזאַמען מיטן חבר זיך געלאָזט רייטן קיין כנרת.

דער וועג האָט זיך געצויגן צווישן וויסטע בערג. מען זעט נים קיין ישוב, מען טרעפט נים קיין מענטשן, נאָר בערג און אָפּגרונטן. זיי האָבן באַדאַרפט דורכגיין אַ טאָל, וואו עס האָט געלעבט אַן אַראַבישער שבט פון רויבער. פּלוצלינג איז פון הינטער אַ פעלז אַרויסגעשפּרונגען אַ רייטער מיט אַ ביקס אין דער האַנט. ער האָט אָנגעשטעלט די ביקס גלייך אויף זיי.

דער חבר פון כנרת איז אויך געווען באַוואָפנט מיט אַ ביקס. ער האָט נים געזאָגט קיין וואָרט צום רויבער, נאָר ער האָט אָנגעשטעלט זיין ביקס אַנקעגן אים. אַ ביקס אַנטקעגן אַ ביקס. דער בעדואינער האָט זיך דערשראָקן און איז אַוועק. זיי זיינען געפאָרן ווייטער און זיינען אָנגעקומען קיין כנרת.

קיין קיך איז אין כנרת נים געווען. קיין אויוון אויך נים. מען האָט צונויפגעלעגט עטלעכע שטיינער אינדרויסן און דאָרט האָט מען דאָס

עסן געקאָכט. וואָס צו קאָכן איז אויך ניט געווען צו פיל. אין די נאַסע טעג איז דער רעגן אַריינגערונען אין געקעכץ. עס איז אָבער געווען איין זאַך, וואָס האָט גרינגער געמאַכט אַלע שוועריקייטן: די חברים האָבן געלעבט צווישן זיך ווי ברידער, געווען איבערגעגעבן איינער צום אַנדערן מיטן גאַנצן האַרצן. מיט געטריישאַפט האָבן זיי צוזאַמען געמאַכט דעם אָנהויב פון בויען כנרת. די ערשטע פּאָר יאָר האָט מיט דער אַרבעט אין כנרת אָנגעפירט אַן אַגראָנאָם. ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון כנרת. שפּעטער האָבן די אַרבעטער אַליין איבערגענומען די אָנפירערשאַפט.

מיט דער צייט זיינען צוגעקומען נייע מענטשן. מען האָט אויסגעבויט הייזער. דער ישוב האָט אָנגעהויבן וואַקסן.

מען בויט אַ מויער אַרום דעם הויף פון כנרת

אין די בערג אַרום כנרת האָבן זיך אַרומגעשלעפּט בעדואינער. אויף די וועגן זיינען אַלע מאָל פאָרגעקומען אָנפאַלן פון רויבער. די טערקישע רעגירונג האָט ווייניק געזאָרגט וועגן דער זיכערקייט פון די איינוואוינער. כדי זיך צו שיצן פון אַן אָנפאַל פון די בעדואינער האָט מען דעם הויף פון כנרת אַרומגעמויערט מיט אַ שטיינערנע וואַנט. מען האָט געמאַכט אַן אייזערנעם טויער. אין טויער האָט מען אויסגעשניטן אַ קליין פענצטערל, כדי מען זאָל קענען זען ווער עס קומט צו.

נישט איינמאָל איז אויסגעקומען די איינוואוינער פון כנרת זיך פאַרטיידיקן אַנטקעגן אָנפאַלן פון אַראַבער.

איינמאָל האָבן די אַראַבער אַרויפגעטריבן זייערע סטאַדעס זיך פּאַשען אויף די גערטנער פון כנרת. די אַראַבער זיינען געווען באַוואָפנט מיט ביקסן. די חברים פון כנרת מיט ביקסן אין די הענט זיינען אַרויס פאַרטרייבן די אַראַבער. איין שאָס וואָלט אַרויסגערופן די גרעסטע געפאַר, ווייל אַרום כנרת זיינען געווען אַ סך בעדואינער, און אין כנרת איז געווען אַ קליינע צאָל מענטשן.

די אַראַבער האָבן מורא געקראָגן פאַר די ביקסן, וואָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אַנטקעגן זיי, און זיי זיינען אַוועק מיט זייערע סטאַדעס.

אָבער די בעדואינער שבטים זיינען געווען וואַנדערדיקע. זיי זיינען געגאַנגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן. די זיינען אַוועק און אַנדערע זיינען אָנגעקומען. עס איז שטענדיק געווען אַ סכנה פון אַ נייעם אָנפאַל.

כנרת איז געוואָרן אַ וויכטיקער אַרבעטער ישוב אין גליל. אַ סך געסט פלעגן קומען אין כנרת זען ווי עס אָרדנט זיך איין אַן אַרבעטער ישוב אויפן לאַנד פון קרן קימת.

אין כנרת זיינען פאָרגעקומען אַרבעטער צוזאַמענפאָרן. מען האָט געפירט וויכוחים, ווי אַזוי מען זאָל אָרגאַניזירן דעם ישוב. אייניקע חברים האָבן געזאָגט מען זאָל בויען באַזונדערע ווירטשאַפטן, פאַר יעדן אַרבעטער אַ ווירטשאַפט. אַנדערע האָבן געוואָלט גרינדן אַ קבוצה, דאָס הייסט אַ געמיינזאַמע ווירטשאַפט פאַר אַלעמען צוזאַמען. עטלעכע יאָר האָבן געדויערט די וויכוחים. לסוף איז באַשלאָסן געוואָרן צו בויען געמיינזאַמע ווירטשאַפטן — קבוצות.

כנרת העלפט אין דער צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה איז געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. אין רחובות, אין פּתח-תקוה, איבערן גאַנצן לאַנד איז שווער געווען צו קריגן אַרבעט. אַ סך פון די אַרבעטסלאָזע זיינען אַוועק אין דער קבוצה כנרת. וואָס האָט געטאָן כנרת? כנרת האָט אָנגעהויבן אויסטריקענען די זומפּן אויף איר לאַנד. ביי דער אַרבעט זיינען געווען באַשעפטיקט די אַרבעטסלאָזע מענער. די חברות, די פרויען האָבן באַאַרבעט אַ גאָרטן פון גרינס. כנרת איז געווען ווי אַ היים פאַר די אַרבעטער און ווער עס איז אַהין געקומען האָט מען אים אויפגענומען ווי אין אַ משפחה. כנרת האָט געוויזן דעם וועג אַנדערע קבוצות און קיבוצים, וואָס האָבן זיך שפּעטער אויסגעבויט.

דגניה



שכורי עבודה היינו, העבודה מלאה את כל חדרי נפשנו — אנחנו נעשינו רעבים לעבודה, ליצירה, דומה שקינן בנו רעב העבודה והאדמה בן אלפיים שנות גלותנו.

(שמואל דיין: „יסודה של דגניה" — זכרונות)

מיר זיינען געווען שכור פון דער פרייד פון אַרבעט. די אַרבעט איז אריין אין מאַרך פון אונדזער ביינער — מיר זיינען געווען הונגעריק צו אַרבעט און שאַפן, פונקט ווי עס וואָלט אויפגעוואַכט אין אונדז דער הונגער צו ערד און צו אַרבעט, וואָס האָט געדרימלט אין אונדז אין די צוויי טויזנט יאָר פון גלות.

די קבוצה דגניה ליגט ביים ברעג פון ירדן און איז אַ שיינער ישוב, פון די שענסטע אין ארץ ישראל. ביים טויער פון דגניה שטייען הויכע ביימער. אונטער די ביימער אַ לאַנגע הילצערנע באַנק. דאָרט זיצן אַמאָל די איינוואוינער פון דגניה, הערן זיך צו צום גערויש פון ירדן און דערציילן די וואונדערלעכע מעשות, וויאַזוי דגניה איז אויסגעבויט געוואָרן.

די מענער און פרויען פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן גע־קראָגן אַרבעט ביי די יידישע קאָלאָניסטן, אין חדרה, פּתח־תקוה, און אין אַנדערע ישובים, זיינען אויסגעשטאַנען אַ סך ליידן. זיי האָבן געאַרבעט צווישן צענדליקער אַראַבער. די אַראַבער האָבן געלאַכט פון די יידישע אַרבעטער און האָבן זיי געגעבן די ערגסטע מכשירים. קיין אַראַביש האָבן די יידישע בחורים, וואָס זיינען געקומען דאָס רוב פון רוסלאַנד, ניט פאַרשטאַנען. מיט די אַראַבער האָבן זיי זיך ניט געקענט צונויפריידן. דער יידישער קאָלאָניסט, דער באַלעבאָס, האָט אויך ניט ליב געהאַט דעם יידישן אַרבעטער. דער קאָלאָניסט פּלעגט אַראָפּקומען מיט אַ רוט אין האַנט, באַטראַכטן ווי די אַרבעט גייט. די אַראַבער ווען זיי האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך געפּלייסט, האָבן געשריען, האָבן געזונגען, און געחנפט זיך צו אים. דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז אין אַלגעמיין געווען אַן איידעלער מענטש, אַ געבילדעטער, איז געשטאַנען אין יסורים. אים האָט וויי געטאָן די געפּאַלנקייט פון די אַראַבער, און נאָך מער די גראָבקייט פון יידישן קאָלאָניסט. די לאַגע פון דעם יידישן אַרבעטער איז געווען אַ שווע־רע. די אַרבעטער האָבן געזוכט עצות וויאַזוי די לאַגע צו ענדערן. אין יאָר 1908 איז פאָרגעקומען אַ גרויסע אַרבעטער פאַרזאַמלונג אין יפו. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אַלע ישובים אין לאַנד. זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישן ערד־אַרבעטער. די אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן „החורש" — דאָס הייסט „דער אַקערער". יעדער יידישער ערד־אַרבעטער האָט גע־

הערט צום „החורש”. דער „החורש” האָט געזוכט מיטלען וויאַזוי די אַרבעטער זאָלן אויסבויען אייגענע ווירטשאַפטן. די אַרבעטער אַליין זאָלן דאָרטן אַקערן די פעלדער, זייען, שניידן די תבואות און זיי אַליין זאָלן זיין די בעלי־בתים, ניט דאַרפן אָנקומען צו די קאָלאָניסטן נאָך אַרבעט. זיי אַליין זאָלן באַשטימען צי מען דאַרף אויף די פעלדער זייען קאָרן אָדער ווייץ, אָדער זעצן גרינסן, אָדער פלאַנצן ביימער. זיי זאָלן אויסקלייבן זייער אייגענע פאַרוואַלטונג. דער „החורש” האָט געוואָלט, אַז אין ארץ ישראל זאָלן זיין אַ סך אַרבעטער ווירטשאַפטן.

די ערשטע ווירטשאַפט וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון די אַר־בעטער אַליין איז געווען דגניה. אַלע אַרבעטער פון לאַנד האָבן זיך געפרייט ווען דגניה איז געגרינדעט געוואָרן.

וויאַזוי האָבן די אַרבעטער געקראָגן אַ זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפט

די חברים פון כנרת האָבן ניט גוט געלעבט מיטן פאַרוואַלטער, בערמאַן.

איינמאָל, ווען עס איז געווען אַ סך אַרבעט אין כנרת, מען האָט אויף גיך באַדאַרפט דרעשן די תבואה, מען האָט מורא געהאַט אַז רעגנס וועלן זיך אָנהויבן און די תבואה וועט פייכט ווערן — האָט בערמאַן גע־דונגען אַראַבישע אַרבעטער. דאָס האָט אויפגעבראַכט די חברים פון כנרת. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזן דעם פלאַץ. עס איז געוואָרן אַ גרויסע קריגעריי. אין כנרת איז געקומען ד”ר אַרטור רופין, דער פאָרשטייער פון דער קאָלאָניזאַציע אַרבעט פון דער ציוני־סטישער וועלט אָרגאַניזאַציע. ער איז געקומען מאַכן שלום אין כנרת. עס זיינען אויך געקומען פאָרשטייער פון „החורש”. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַז ד”ר רופין זאָל אַוועקשיקן בערמאַנען פון כנרת און די אַרבעטער זאָלן אַליין פירן די ווירטשאַפט.

ד”ר רופין האָט ניט געוואָלט אַוועקשיקן בערמאַנען, ווייל ער איז געווען אַ גוטער אַגראָנאָם און זיין אַרבעט איז געווען נויטיק. דעמאָלט האָט ד”ר רופין געמאַכט אַ פשרה: ער האָט אָפּגעגעבן אַ שטיק לאַנד פון כנרת צו אַ גרופּע אַרבעטער — זיי זאָלן דאָרט אַליין פאַרוואַלטן

אין משך פון אַ יאָר צייט. אויב זיי וועלן די אַרבעט טאָן גוט, וועלן זיי דאָרט בלייבן. פיר פּאָר פערד האָט מען זיי געגעבן, אַקער־אייזנס און אַלץ וואָס עס איז נויטיק פאַר דער אַרבעט. דאָס איז געווען אין יאָר 1909.

די ערשטע צייט אין דגניה

די גרופּע אַרבעטער וואָס איז געקומען פון כנרת, האָט זיך באַזעצט אין דעם אַראַבישן דערפל אום־דזשוני. אין דעם דערפל האָבן געוואוינט אָרעמע אַראַבער, וואָס האָבן געדונגען דאָס לאַנד ביי אַ רייכן עפענדי, אַ פּריץ. די הייזלעך זיינען געווען נידעריקע און אַזוי טונקל ווי די ערד, אַזוי אַז פון דערווייטן האָט מען דאָס דערפל ניט געקענט דערזען.

אַראַבישע פּאַסטוכער מיט זייערע סטאַדעס האָבן זיך דאָרט ארומגעשלעפּט. קאַראַוואַנען קעמלען זיינען פאַרבייגעגאַנגען.

די יידישע אַרבעטער האָבן פאַרנומען צוויי אַראַבישע שטיבלעך. עס איז דאָרט געווען שמוציק. עס איז געווען אוממעגלעך צו שלאָפן. די מענטשן האָבן געמוזט בײַנאַכט אַריינקריכן אין זעק און די זעק פאַרבינדן אַרום האַלדז, כדי זיך ראַטעווען פון אומפליי. זיי האָבן אַלץ איבערגעטראָגן מיט געדולד און די אַרבעט ניט אָפּגעלאָזט.

מען אַקערט די פעלדער מיט געזאַנג

די גרופּע האָט געאַרבעט מיט ברען. מען האָט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי אַרבעטן „ווי שדים".

אַלע טאָג איז געגאַנגען אַן אַרבעטער מיט אַן אייזל צום ירדן נאָך וואַסער. אויפן אייזל זיינען געווען אָנגעהאַנגען בלעכענע קאַנען. די קאַנען האָבן געקלונגען און דער אַרבעטער האָט געזונגען לידער. ער איז געווען אַ „זינגענדיקער וואַסער־פירער".

אַ פרוי אַ חברה האָט געאַרבעט אין קיך, געקאָכט פאַר אַלעמען און געפירט די שטוביקע ווירטשאַפט.

די מענער האָבן געאַקערט די פעלדער. „די מענטשן פלעגן אַרויספאָרן צו דער אַרבעט פאַרטאָג. זעקס אַרבעטער זיינען געריטן מיט

געזאַנג ביי די ברעגן פון ירדן. זיי האָבן געפירט זעקס פאַר מויל אייזלען. לאַנגע צייטן האָט דער ירדן אַזאַ געזאַנג ניט געהערט. די זעקס אַקעראַייזנס האָבן אויפגעשניטן די שוואַרצע ערד אויף די ווייט אויסגעשפרייטע פעלדער. מיט פרייד האָט מען אויסגעשאָטן איין זאַק זריעה נאָכן אַנדערן. די אַרבעט איז געווען פאַר זיי אַ פרייד: סוף כל סוף האָבן זיי זוכה געווען צו באַאַרבעטן די פעלדער פון זייער הימלאַנד". אַזוי דערציילט יוסף בוראַץ, איינער פון די גרינדער פון דגניה.

די גערעטעניש אויף די פעלדער איז געווען אַ גוטע. דעם ערשטן יאָר האָבן די תבואות אַריינגעטראָגן העכער פיר טויזנט פראַנק פאַרדינסט.

דאָס איז געווען אַ נצחון פאַר דער זעלבסטשטענדיקער פירונג פון די אַרבעטער. די אַרבעטער האָבן באַוויזן וואָס זיי קענען אויפטאָן. דער „נאַציאָנאַל פאָנד" און „די געזעלשאַפט פאַר לאַנד אַנטוויקלונג" האָבן זיך איבערצייגט אַז מען קען די אַרבעטער אָנטרויען אַ ווירטשאַפט.

ביי די ברעגן פון ירדן

די גרופע אַרבעטער האָט זיך פאַרגרעסערט. אויסער די ערשטע זיבן חברים זיינען געקומען נייע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט און געלעבט מיט זיי צוזאַמען. מען האָט אָנגעהויבן בויען געביידעס פאַרן ישוב. דאָרט וואו דער ירדן גייט אַרויס פון דעם ים-כנרת האָט מען אויפגעשטעלט אַ צווייסטאָקיק הויז פאַר וואוינונגען, אַ געביידע פאַר אַ קיך, אַ באַראַק פאַר אַ באָד צימער און אַ מאַגאַזין אויף האַלטן פאַרשיידענע זאַכן פון דער ווירטשאַפט.

מען האָט דעם ישוב אַ נאָמען געגעבן „דגניה", ווייל דאָרט וואַקסט „דגן" — קאָרן, און עס וואַקסן די קאָרנבלימלעך, וואָס הייסן דגניות. פריילעך האָט אויסגעזען דער נייער ישוב מיט די רויטע דעכער אויף די געביידעס, מיטן רוישנדיקן ירדן וואָס פליסט פאַרביי.

די פעלדער פון דגניה זיינען געלעגן ווייט. די אַראַבער האָבן יענע פעלדער קיינמאָל ניט באַאַרבעט, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מען וועט ביי זיי אַוועקגנבענען די תבואות.

די חברים פון דגניה האָבן די פעלדער פאַרזייט, בייטאָג איז דאָרט געווען איין שומר, און ביינאַכט זיינען פיר באַוואָפנטע שומרים אַרומ־געפאָרן און געהיט די תבואות. די אַראַבער האָבן זיך געוואונדערט, ווי וואָגן די יידן אַרויסצוגיין ביינאַכט אין יענע געפערלעכע פלעצער?

ווען די תבואות זיינען צייטיק געוואָרן זיינען צוויי שנייד־מאַ־שינעס אַרויסגעפאָרן צום שניט. אויף יעדער מאַשין זיינען געזעסן צוויי מענטשן. איינער האָט געאַרבעט און דער צווייטער איז גע־שטאַנען מיט דער ביקס. די ביקס איז געווען די שטענדיקע באַגליי־טערין פון די חברים פון דגניה: ביים שטיין אויף דער וואַך, ביים פאָרן אין וועג און ביי פאַרשיידענע אַרבעטן.

איינמאָל איז קראַנק געוואָרן אַ חבר אין דגניה. קיין דאָקטאָר איז אין דגניה ניט געווען, קיין אַפטייק אויך ניט. — איז געפאָרן משה באַרסקי, אַ חבר פון דגניה, ברענגען פאַרן קראַנקן רפואות. עס איז געוואָרן פאַרנאַכט און באַרסקי איז נישט צוריקגעקומען. פלוצלונג האָט מען דערזען, אַז דער מויל־אייזל אויף וועלכן ער איז געריטן איז געקומען צוריק אָן אַ רייטער. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק. מען האָט אָנגע־צונדן לאַמטערנעס און מען איז אַרויס אויפן וועג זוכן באַרסקין. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען מען האָט אים געפונען. ער איז געלעגן אַ דערשאָסענער ביים זייט פון וועג. זעט אויס, אַז ער איז אַראָפּ פון מויל־אייזל, כדי דער מויל־אייזל זאָל אַנטלויפן אַהיים, און אַליין איז ער געבליבן זיך פאַרטיידיקן קעגן די אָנפאַלער. זיי האָבן אים געשאָסן און דערנאָך מיט די הענטלעך פון די ביקסן דער־שלאָגן צום טויט. 19 יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער איז געפאַלן אין דגניה. זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין אַ קליין שטעטל אין רוסלאַנד. ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז זייער זון, משה, איז געפאַלן, האָט זיין פאָטער געשריבן צו די חברים פון דגניה: „גאָט זאָל אייך היטן, איר זאָלט, חלילה, ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך צוליב דעם גרויסן אומגליק. זאָל דער אָנדענק פון מיין זון אייך געבן מוט צו דערגרייכן אייער גרויסן ציל״.

משה באַרסקי האָט געהאַט אַ אינגערן ברודער. ער האָט פאַר־לאָזן די עלטערן אין רוסלאַנד און איז געקומען אין דגניה פאַרבייטן

זיין ברודער, וואָס איז אומגעקומען. אַזעלכע זיינען געווען די בויער פון דגניה.

קינדער אין דגניה

ווען דאָס ערשטע קינד איז געבוירן געוואָרן אין דגניה איז געווען אַ יום-טוב פאַר דער גאַנצער קבוצה. אָבער וואָס טוט מען מיטן קינד? די מוטער דאַרף גיין אַרבעטן אין גאָרטן, אָדער ביי די קי אין שטאַל, אָדער אין קיך — ווער וועט אַכטונג געבן אויפן קינד? האָט די מו-טער מיטגענומען דאָס קינד מיט זיך צו דער אַרבעט. אין פעלד ליגט דאָס קינד אונטער דער ברענענדיקער זון. די מוטער גייט אַרבעטן אין שטאַל צו די קי — נעמט זי דאָס קינד מיט זיך צו די קי. פליגן זיינען דאָ אין קי-שטאַל, ווערט דאָס קינד צעביסן פון די פליגן. אַט אַזוי האָבן די קינדער איז געווען אוממעגלעך.

די חברות און די חברים פון דגניה האָבן געזוכט עצות וויאַזוי די דערציאונג פון די קינדער בעסער מאַכן.

איינמאָל, ווען עס איז געווען אַ צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטערינס אין ארץ ישראל, זיינען אַ סך מוטערס פון קליינע קינדער געקומען און דערציילט אַז די קינדער ווערן קראַנק, ווייל מען שלעפּט זיי אַרום. מען האָט זיך בעראַטן וואָס צו טאָן.

אויף דער פאַרזאַמלונג איז געווען יוסף בוסעל, אַ חבר פון דגניה. ער האָט געזאָגט, אַז מען זאָל אין יעדער קבוצה אויסבויען אַ באַזונדער הויז פאַר קינדער — אַ קינדער-היים: דאָרט זאָלן די קינדער עסן און טרינקען. דאָרט זאָל מען זיי באָדן, מען זאָל זיך מיט זיי שפּילן. מיט די קינדער זאָל זיך פאַרנעמען אַ חברה, אַ קינדער פלעגערין.

דער צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטערינס האָט דעם פאָרשלאָג אָנ-גענומען. אין דגניה און אין אַנדערע קבוצות האָט מען אָנגעהויבן בויען קינדער-היימען.

די ערשטע קינדער-היים אין דגניה איז געווען קליין. אַ דריי-פיר קינדערלעך זיינען דאָרט געווען. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די קבוצה איז גרעסער געוואָרן, מער משפּחות זיינען צוגעקומען, האָט מען אויסגעבויט אַ שיינע קינדער-היים.

דער קלימאַט אין ארץ ישראל איז אַ וואַרעמער. די קינדער האַלט מען כמעט שטענדיק אין דרויסן. אין גאָרטן אַרום דער קינדער-היים, אונטערן שאָטן פון אַ בוים אָדער אַ דעכל, שטייען אַ סך הילצערנע קינדער-שטייגעלעך. אין יעדן שטייגעלע אַ קינד, אַ אינגעלע אָדער אַ מיידעלע. שוואַרצינקע און בלאָנדינקע. ווען אַ קינד שרייט, קומט צו די קינדער די פלעגערין און באַרואיקט דאָס קינד, שפּילט זיך מיט אים, קלינגט מיט אַ גלעקעלע ביז דאָס קינד ווערט שטיל. אָט אַזוי דערציט מען די קינדער אַלע צוזאַמען אין קינדער-היים.

ווען די קליינע קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן האָט מען פאַר זיי אויפגעבויט אַ קינדער-גאָרטן.

אין דעם קינדער-גאָרטן איז פאַראַן פאַר די קינדער אַן עס צימער, וואו אַלע קינדער קריגן דעם זעלבן מאַלצייט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אַלע פון איין משפחה. אויפן הויף פון קינדער-גאָרטן איז דאָ אַ ציג, אָדער צוויי ציגן, און די קינדער גיבן די ציגן עסן און טרינקען. אין הויף איז אויך פאַראַן אַ הינער שטייג. די קינדער גיבן די הינער עסן, און די אייער טראָגן די קינדער אַוועק אין דער קיך, וואו מען קאָכט עסן פאַר אַלע חברים פון דער קבוצה.

די קינדער צוזאַמען מיט זייער לערערין פלאַנצן בלומען אַרום דעם קינדער-גאָרטן און האָדעווען גרינסן.

אַ גאַנצן טאָג פאַרברענגען די קינדער אין קינדער-גאָרטן. זיי אַרבעטן, שפּילן זיך, רוען, לערנען זיך, און פאַרנאַכט קומען די מו־טערס פון דער אַרבעט און נעמען זייערע קינדער אַהיים.

אין אייניקע קבוצות בלייבן די קינדער נעכטיקן אין קינדער־גאָרטן. זיי האָבן דאָרט בעטלעך, פאַר יעדן קינד אַ בעטל. דריי, פיר קינדער האָבן אַן אייגענעם צימער. נאָר פאַרנאַכט קומען טאַטע־מאַמע און נעמען די קינדער צו זיך אויף אַ צוויי-דריי שעה.

יעדעס קינד באַמיט זיך, אַז זיין צימער זאָל זיין דער שענסטער און דער ריינסטער. זיי שטעלן אַוועק אויפן טיש בלומען און אויף די ווענט הענגען זיי אויף בילדער. ערב שבת ווערט דער קינדער־גאָרטן גאָר שיין אויפגערוימט. די קינדער טוען זיך אָן אין ווייסע בלוזקעס, און פרייטיק אויף דער נאַכט איז מען מקבל שבת, מען צינדט אָן ליכט און מען זינגט לידער פון קבלת שבת. אויף יעדן יום טוב —

אויף פסח, אויף שבועות, מאַכן די קינדער אַ יום טוב פאַרשטעלונג. די עלטערן קומען צום יום טוב און מען פאַרברענגט אַלע צוזאַמען.

די קינדער אין אַ קבוצה לעבן אַלע צוזאַמען און עס איז פריילעך. זעלטן, זעלטן הערט מען, אַז אַ קינד זאָל וויינען. די קינדער אין אַ קבוצה זיינען די גליקלעכסטע טייל פון דער באַפעלקערונג, און די הייזער פאַר די קינדער זיינען הייזער פון פרייד פאַרן קליינוואַרג און פאַר די דערוואַקסענע.

דער טאַנק ביי דעם טויער פון דגניה

ביי איינעם פון די טויערן פון דגניה שטייט אַ גרויסער צעבראָ־כענער טאַנק. דער טאַנק איז געבליבן אַן אָנדענק פון דער צייט פון דעם באַפרייאונג מלחמה פון ישראל.

אַן אַראַבישע אַרמיי איז באַפאַלן דגניה. מיט דער אַראַבישער אַרמיי זיינען געגאַנגען טאַנקען. אין דגניה איז געווען ווייניק געווער. זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די טאַנקען.

אַן אַראַבישער טאַנק איז צוגעפאָרן צום טויער פון דגניה. די פאַרטיידיקער פון דגניה זיינען געשטאַנען אין שרעק. אָט וועלן די אַראַבער צעשטערן דעם ישוב.

ווען דער טאַנק איז אַריין מיט דער נאָז אין טויער איז צוגעלאָפן אַ חבר פון דגניה און האָט אַ וואָרף געטאָן אויפן טאַנק אַ פלעשל בענזין.

דער מאָטאָר פון טאַנק האָט זיך אויפגעריסן און דער שאָפער איז אומגעקומען. דער טאַנק איז אַ צעבראָכענער געבליבן שטיין. ער האָט פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די אַנדערע טאַנקען און זיי האָבן זיך אומגעקערט. די חברים פון דגניה האָבן נאָך דער מלחמה דעם טאַנק ניט אַוועקגענומען פון טויער. מען האָט אים איבערגעלאָזן פאַר אַן אָנדענק פון העלדישקייט. אַז מען זעט דעם טאַנק דערמאָנט מען זיך וועגן דער גבורה פון דגניה, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט אַנטקעגן אַ שטאַרקער אַראַבישער אַרמיי, און האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

מרחביה



מרחביה אין די ערשטע יאָרן

זאָלן דערמאָנט ווערן אונדזערע חברים וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער פרייהייט און זייער לעבן אויף אויפבויען די ערשטע מושבה — מרחביה — אין עמק יזרעאל, די וואָס זיינען געזעסן אין תפיסה אין נצרת, און די וואָס וועלן שוין קיינמאָל ניט זען דאָס ליכט פון טאָג. פאַר מיר אַנטפלעקט זיך פלוצלינג אַ סוד — דער סוד פון בויען אַ פאָטערלאַנד.

(י. בן־צבי)

אין אַ ווינטערדיקן טאָג, אין יאָר 1910, זיינען רייטנדיק אויף פערד אַרויסגעפאָרן פון חיפה קיין ביירוט צוויי יידן — ד"ר אַרטור רופין און יהושע כענקין. זיי זיינען געפאָרן קריגן אַ דערלויבניש פון דער טעקישער רעגירונג אָפּצוקויפן לאַנד אין עמק יזרעאל פאַרן קרן קימת, פאַר דער „געזעלשאַפט פאַר לאַנדס-אַנט-וויקלונג" און פאַר פריוואַטע מענטשן.

ד"ר רופין איז געווען דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל. ער איז געווען אַ באַרימטער אַדוואָ-קאַט און וויסנשאַפטסמאַן אין דייטשלאַנד. ער האָט אַרויסגעגעבן ביכער און האָט געקראָגן אַ פרייז פאַר זיינע וויסנשאַפטלעכע אַר-בעטן. ער האָט אַלץ איבערגעלאָזן און איז געקומען אָרגאַניזירן די יידישע ישובים אין ארץ ישראל.

יהושע כענקין איז געווען פאַרליבט אין איין אַרבעט : קויפן באָדן פאַר יידן אין ארץ ישראל. ער איז שטענדיק אַרומגעפאָרן איבער דער לענג און איבער דער ברייט פון לאַנד און האָט געקוקט און האָט געזוכט, וואו מען קען אָפּקויפן ביי די אַראַבער אַ שטיקל באָדן פאַר יידן. ער האָט געפירט באַקאַנטשאַפט מיט אַראַבישע לאַנד-באַזיצער און די אַראַבער האָבן געהאַט צוטרוי צו אים. כענקין האָט געקויפט די ערד פאַר חדרה און פאַר רחובות. ער האָט יאָרנלאַנג געהאַט אַן אויג אויפן עמק יזרעאל. דאָרט האָבן יידן נאָך קיין איין דונאַם באָדן ניט געהאַט. צוואַנציק יאָר האָט כענקין געאַרבעט אויף קריגן באָדן אין עמק יזרעאל און עס האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. איצט האָט מען דעם באָדן געקויפט און מען האָט גענדאַרפט קריגן ביי דער טער-קישער רעגירונג אַ באַשטעטיקונג אויף דער קניה. דורכגעווייקטע פון רעגן און דערפראָרענע זיינען ד"ר רופין און יהושע כענקין אָנ-געקומען קיין ביירוט. צוויי וואָכן זיינען זיי געווען אין ביירוט. יעדן טאָג האָט מען זיי צוגעזאָגט, אַז מען וועט זייער קניה דערלויבן, און לסוף זיינען זיי אַוועקגעפאָרן מיט ליידיקע הענט.

אַבער כענקין האָט די זאַך ניט אָפּגעלאָזט, און נאָך אַ סך באַמי־אונגען האָט ער באַקומען פון דער טערקישער רעגירונג די הסכמה אויפן איינקויף פון דעם באָדן אין עמק יזרעאל.

דאָס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. יידן זיינען אַריין אין עמק.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז געקומען אַ גרופּע פון דרייסיק אַרבעטער, וואָס האָבן פריער געאַרבעט אין כנרת און האָבן זיך באַזעצט אויפן באָדן פון קרן קימת. צווישן זיי זיינען געווען פינף פרויען. דער ארץ־ישראל אָמט האָט געקויפט פאַר זיי אַלע נויטיקע זאַכן פאַר דער ווירטשאַפט. איינער פון די אַרבעטער, י. בצר, איז געפאָרן קיין דמשק און האָט איינגעקויפט פערד. די פערד זיינען געווען ניט צוגעפּאַסט צום הייסן קלימאַט. עס האָט געדויערט אַ היפּשע צייט ביז מען האָט מיט זיי געקענט אַרבעטן.

די אַרבעטער גרופּע האָט געפירט אַ בשותפותדיקע ווירטשאַפט. זיי האָבן זיך גערופן דער אָפּענהיימער־קאָאָפּעראַטיוו. דער פּלאַן פאַר אַ קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער, אַ באַרימטער יידישער געלערנטער אין דייטשלאַנד. דעריבער האָט מען עס גערופן אָפּענהיימער־קאָאָפּעראַטיוו. מיט דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט אָנגעפירט אַ פאַרוואַלטער, און אַלע אַרבעטער זיינען געווען מיטגלידער. יעדער מיטגליד האָט געקראָגן באַצאָלט לויט זיין אַרבעט. די בעסערע אַרבעטער האָבן געקראָגן גרעסערע שכירות, די אַנדערע האָבן באַקומען אַ קלענערן לוין.

אויפן באָדן, וואָס עס האָבן געקויפט פּריוואַטע מענטשן, האָבן זיך איינגעאָרדנט עטלעכע איינצעלנע משפחות. יעדע משפחה האָט אַליין פאַר זיך אויסגעבויט אַ וואוינונג, און געפירט איר אייגענע ווירטשאַפט.

דעם ישוב האָט מען אַ נאָמען געגעבן „מרחביה”.

מיר וועלן זיך אַליין היטן

די אַראַבער פון די שכנותדיקע דערפער האָבן פאַרגעלייגט די איינוואוינער פון מרחביה אַז זיי וועלן היטן דעם ישוב, אַזוי ווי זיי

טוען עס אין אַ סך יידישע ישובים. די איינוואוינער פון מרחביה האָבן געענטפערט: „מיר וועלן זיך אַליין היטן".

די אַראַבער האָבן געוואָרנט, אַז בשכנות געפינט זיך דער דאָרף סולעם, אַ נעסט פון רויבער און אַז זיי וועט מען ניט קענען אָפּהיטן מרחביה. האָבן אָבער די שומרים קיין אַראַבישע וועכטער ניט גע־וואָלט צולאָזן. זיי האָבן געוואָלט ווייזן די אַראַבער אַז יידן קאָנען זיך אַליין היטן. פּונקט ווי די יידישע אַרבעטער האָבן געוואָלט דעם יידישן באָדן אַליין באַארבעטן האָבן די שומרים געוואָלט די יידישע ישובים היטן מיט אייגענעם כח און מיט אייגן געווער.

איינמאָל זיינען אַראַבער באַפאַלן אַ שומר פון מרחביה, וואָס האָט געהיט די פעלדער, רייטנדיק אויף זיין פערד. די אַראַבער האָבן געוואָלט צונעמען ביי אים דאָס פערד. ער איז געווען איינער, און זיי זיינען געווען עטלעכע. ער איז ניט אַנטלאָפן. אַליין האָט ער זיך קעגנגעשטעלט די אָנפאַלער. עס איז פאָרגעקומען אַ שיסעריי. אין דער שיסעריי איז איין אַראַבער געפאַלן טויט. דאָס פערד פון דעם שומר איז פאַרוואונדעט געוואָרן. אויפן פאַרוואונדעטן פערד איז דער שומר געקומען קיין מרחביה.

פאַרנאַכט האָבן זיך מחנות באַוואָפנטע אַראַבער באַוויזן אַרום מרחביה. זיי זיינען געקומען נעמען נקמה פאַרן געהרגעטן. זיי האָבן זיך דערנענטערט פון אַלע זייטן. די איינוואוינער פון מרחביה האָבן זיי ניט געלאָזן זיך אַריינרייסן אין ישוב. דעם וועג וואָס פירט קיין מרחביה האָט מען פאַרשטעלט מיט אַקעראייזנס און מיט בלעכן. אין אַלע פונקטן זיינען געשטאַנען באַוואָפנטע חברים. פון צייט צו צייט זיינען אויסגעבראָכן שיסערייען. מען איז געווען וואַך אַ גאַנצע נאַכט און געשיצט דעם ישוב.

פאַרטאָג איז געקומען די טערקישע פּאָליציי „איינשטעלן אָר־דענונג". זיי האָבן געזוכט דעם „שומר" וואָס האָט געשאָסן דעם אַראַבער.

די אַראַבער זיינען אין דער צייט אַרויף אויף די פעלדער און גענומען די תבואות, וואָס זיינען שוין געלעגן אָפּגעשניטן. מיט די ווייבער און מיט די קינדער זיינען זיי געקומען און געשלעפּט די תבואה. די טערקישע פּאָליציי האָט זיי ניט געשטערט. זיי האָבן

רואיק צוגעקוקט ווי פאר זייערע אויגן קומט פאר א רויבעריי און האבן געשוויגן. די חברים פון מרחביה האבן געזען ווי די תבואה פון זייערע פעלדער פארשווינדט און האבן זיך ניט געקענט קעגנ־שטעלן. די פאליציי האט דערצו נאך ארעסטירט 14 חברים פון מרחביה און זיי אוועקגעפירט קיין נצרת. מיט א סך מי זיינען די ארעסטירטע שפעטער באפרייט געווארן.

דער טערקישער פאליציי־עלטצטער פון נצרת איז געווען א שונא־ישראל. אלע מאל האט ער צוגעטראכט נייע נגישות קעגן דעם יידישן ישוב, מרחביה. מרחביה האט זיך געפונען נאענט צו דער באן־ליניע. די טערקישע מאכט פון נצרת האט געמאלדן, אז ביי דער באן־ליניע מעגן וואוינען נאר טערקישע בירגער. עס האט געדויערט צייט און עס האט געקאסט געלט און מי ביז עטלעכע חברים פון מרחביה זיינען געווארן טערקישע בירגער.

אלע מאנטיק און דאנערשטיק איז געקומען פאליציי פון נצרת אויף א קאנטראל — צי עס זיינען טאקע אלע איינוואוינער פון מרחביה טערקישע בירגער.

די טערקישע פאליציי האט טעראריזירט דעם ישוב אויך אויף אנדערע אופנים. זיי האבן ניט געלאזט בויען קיין הייזער אין מרחביה. יעדעס הויז, וואס מען האט אויסגעבויט איז אנגעקומען מיט צרות. די ארבעטער האבן געמוזט בויען די הייזער ביינאכט, ווען קיינער זעט ניט. מען האט זיך געמוזט איילן אויפשטעלן דעם דאך. לויטן טערקישן געזעץ האט מען ניט געטארט צעשטערן קיין הויז וואס האט א דאך.

עס האט געטראפן אז מ׳האט געהאלטן אין מיטן בויען א הויז און עס זיינען אנגעקומען די טערקישע באאמטע. די חברים, וואס האבן געקענט ריידן טערקיש, האבן די טערקישע באאמטע אויפגע־נומען, געשמועסט מיט זיי, געגעבן כיבוד און דערווייל האבן די ארבעטער ארויפגעשלאגן א דעכל אויף דער נייער געביידע. מיטן דעכל איז שוין דער בנין געווען פארזיכערט.

מיט וואס האבן זיך באשעפטיקט די איינוואוינער פון מרחביה?

די איינוואוינער פון מרחביה זיינען געווען די ערשטע יידישע ערד־ארבעטער אין עמק יזרעאל. זיי האבן נאך ניט געוואוסט, וואס

אויף דעם באָדן פון מרחביה וועט בעסער גערעכטן. האָבן זיי געפּרואווט זייען תבואה, פלאַנצן פּרוכט-ביימער און האָדעווען גרינסן. די ערד פון מרחביה איז געווען אַ גוטע, האָט מען דאָרט געמאַכט אַ געמישטעווירטשאַפט — פון פעלדער פאַר תבואה, גערטנער פאַר גרינס און סעדער מיט פּרוכט-ביימער.

מען האָט געבראַכט קי פון דמשק. די קי האָבן זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צום קלימאַט. זיי זיינען קראַנק געוואָרן אויף קדחת. האָט מען געבראַכט אַ וועטערינאַר און ער האָט געהיילט די קראַנקע קי, ביז זיי האָבן זיך צוגעוואוינט צום נייעם קלימאַט. און מען האָט איינגעשטעלט אַ מילך-ווירטשאַפט אין מרחביה.

דער ערשטער קבר אין מרחביה

נישט אַלע חברים פון מרחביה האָבן געקענט טאָן ערד-אַרבעט. כדי זיך אויסצולערנען די אַרבעט האָבן די מענטשן געצאָלט מיט זייער געזונט און אַפילו מיטן לעבן.

אין מרחביה איז געקומען אַ יונגער בחור פון ירושלים, אחדותי. ער האָט געהערט, אַז די אַראַבער מאַכן אָנפאַלן אויף מרחביה, האָט ער איבערגעלאָזן זיין אַרבעט אין ירושלים און איז אַוועק העלפן באַשיצן און באַאַרבעטן דעם ערשטן ישוב אין עמק.

ווען מען האָט באַדאַרפט אַראָפּנעמען דעם גערשטן פון די פעלדער, האָט אחדותי אָנגעלאָדן דעם ערשטן וואָגן גערשטן און האָט זיך געזעצט אין דער הויך אויף די גאַרבן. דער וועג איז געגאַנגען באַרג-אַראָפּ. די מויל-אייזלען האָבן אַ צי געטאָן דעם וואָגן מיט זייער גאַנצן כח. אחדותי איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער אין סאַמע געלאָף פון דעם וואָגן. ער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און איז געשטאָרבן.

גראָד אין יענעם טאָג האָט מען זיך געגרייט אויף אַ שמחה אין מרחביה. די חברים וואָס די טערקישע מאַכט האָט זיי געהאַלטן אַרעסטירט אין נצרת, זיינען יענעם טאָג באַפרייט געוואָרן. אָבער קיין שמחה איז שוין ניט געווען צוליבן טויט פון אחדותי. זיין קערפּער האָט מען אַרויסגעטראָגן אויפן פעלד און געזוכט אַן אָרט וואו אים

צו באַערדיקן. אויף אַ הויכן פּלאַץ, פונוואַנען מען זעט דעם גאַנצן עמק, האָט מען אים באַהאַלטן. ער האָט זיין לעבן אָפּגעגעבן אויף בויען מרחביה.

אַרבעט וועט ברענגען משיחן

איינער פון די ערשטע בויער פון מרחביה איז געווען אַ ייד, וואָס איז געקומען פון פּוילן. נח, האָט ער געהייסן. געקומען קיין מרחביה איז ער גאָר אויף אַ מאָדנעם אופן.

איינמאָל, ווען אַלע זיינען געזעסן ביים טיש אין מרחביה און געגעסן אָונט-ברויט, איז אַריינגעקומען אַ ייד אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע ווי עס טראָגן די פּוילישע יידן. ער האָט געהאַלטן אַ קליינע וואַליזקעלע אין האַנט. ער האָט געזאָגט: „שלום עליכם יידן. מיין נאָמען איז נח. איך בין אַ פּוילישער ייד. איך האָב געהערט, אַז איר זענט די ערשטע יידן, וואָס זיינען געקומען אין עמק אויף באַאַרבעטן די ערד און לעבן ווי ברידער. איך האָב באַשלאָסן זיין מיט אייך. איך בין מיד פון לעבן צווישן די גוים. איך בעט אייך, נעמט מיך אַריין אין אייער משפּחה, איך וועל ברענגען מיין פרוי, מיין זון שלמה און מיינע טעכטער. עס איז בעסער צו עסן אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט מיינע ברידער, איידער צו האָבן אַלע לוקסוסן פון דער וועלט אין דער פרעמד". זיי האָבן אים אויפגענומען. ער האָט אויסגעבויט אַ שטיינערן הויז און האָט געבראַכט זיין משפּחה. ער האָט געקענט זינגען און האָט אַלעמען געלערנט זינגען אין כאָר. די ערד אַרבעט האָט ער ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן. אַז ער איז געגאַנגען אַקערן די ערד, האָט ער מיטגענומען זיין קליין יינגל שלמה. ער האָט געאַרבעט און זיין זון איז נאָכגעגאַנגען נאָך אים. ער איז געווען אַ פרומער, און האָט שטאַרק געגלויבט אין משיחן. ער פלעגט זאָגן, אַז יעדע נאַכט קומט אליהו הנביא און גיט אַ קוק וויפל פעלד די יידן האָבן שוין פאַראַקערט אין ארץ-ישראל. ווען דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיין פאַראַקערט, וועט קומען אליהו הנביא און וועט ברענגען משיחן. דעריבער דאַרף מען אַרבעטן מיט פרייד. ווען אַ מענטש

איז געווען אומעטיק, פלעגט נח אויף אים זאָגן: „ער וועט קיינמאָל ניט זען אליהו הנביא".

נח פלעגט קוקן אויפן עמק און זאָגן: „דאָ וועלן זיין אַ סך יידישע דערפער און מיין שטיקל לאַנד וועט זיין צווישן זיי".

נח איז געשטאָרבן איידער עס האָבן זיך אויסגעבויט נייע ישובים אין עמק. אָבער זיין פרוי יענטע־לאה האָט דערלעבט צו זען ווי מען הויבט אָן בויען דעם קיבוץ עין־חרוד. דורך מרחביה זיינען דורכגעגאַנגען די ערשטע בויער צו לייגן דעם ווינקל שטיין פון עין־חרוד. נחס פרוי, יענטע־לאה, איז געגאַנגען אין פאָרויס און האָט געטאַנצט. מרחביה — „גאָטס רחבות" — ווערט גרעסער. עס בויט זיך נאָך אַ ישוב אין עמק.

בערל קאַצענעלסאָן



בשבילי אין הגשמת הציונות אלא בעצמאות מדינית ממש, ובקיבוץ גלויות ממש.

(ברל כצנלסון)

פאַר מיר מיינט די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה און דאָס אויפזאַמלען פון יידישן פאָלק אין איר.

אין אני חושב כי התרבות העברית מתחילה אתנו, ואפילו לא דור אחד לפנינו. בסך הכל הננו ענף צעיר על עץ התרבות המבטיח אמנם ועתיד להתפתח ולשאת פירות, אבל הוא תלוי עוד במצבו של העץ כלו.

ניט מיט אונדז הויבט זיך אָן די העברעאישע קולטור, און אפילו נישט מיט דעם דור וואָס פאַר אונדז. מיר זיינען אַ יונגער צווייג פון דעם אַלטן בוים פון דער יידישער קול־טור, אמת אַ פרוכטבאַרער צווייג, וואָס וועט זיך, האָפן מיר, אַנטוויקלען און ברענגען נייע שאַפונגען. מיר זיינען אָבער נאָך אַלץ אָפּהענגיק פון דעם צושטאַנד פון גאַנצן בוים.

(פון בערל קאַצענעלסאָנס שריפטן)

ניט ווייט פון דעם ישוב כפר סבא געפינט זיך אַ גאָרטן פון בוימער און בלומען. דאָרטן שטייען עטלעכע שיינע געביידעס — דאָס איז דער „בית-ברל”. אין „בית-ברל” קומען בחורים און מיידלעך, סטודענטן פון ארץ ישראל, פון אַמעריקע, פון ענגלאַנד און פון אַנדערע לענדער — זיי קומען אַהין לערנען. דאָרט האָבן זיי צימערן אויף וואוינען און אַרבעטן. די בעסטע פּראָפעסאָרן פון ארץ ישראל לערנען מיט זיי די געשיכטע פון יידן, די העברעאישע שפּראַך, וועגן דעם לעבן אין ארץ ישראל און וויאַזוי מען האָט דאָרט אויסגעבויט דאָס יידישע לאַנד.

אין „בית-ברל” באַגעגענען זיך יידישע סטודענטן פון גאָר דער וועלט. זיי באַקאַנען זיך מיטן יידישן לאַנד, און מיט די יידן פון ארץ ישראל. די סטודענטן פון „בית ברל” מאַכן אויספלוגן אין פאַרשידענע שטעט. זיי זעען די אַנשטאַלטן פון דער רעגירונג, דעם פּאַרלאַמענט, און די מיניסטעריומס. זיי שטודירן די געאָגראַפיע פון ארץ ישראל, זיי זעען ווי מען האָט אויף וויסטענישן אויסגעבויט ישובים. זיי הויבן אָן פאַרשטיין דעם גרויסן וואונדער — וויאַזוי יידן האָבן אויסגעבויט אַן אייגענע מדינה.

דער אינסטיטוט טראָגט דעם נאָמען פון אַ גרויסן אַנפירער פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. זיין נאָמען איז געווען בערל כצנלסון. ער איז געווען באַליבט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל, ביי יונג און אַלט. ער האָט זיך אַ סך אָפּגעגעבן מיט דערציען די יוגנט. געלייענט פאַר זיי לעקציעס, געפירט מיט זיי שמועסן, אַרויסגעגעבן פאַר זיי ביכער, געגעבן זיי עצות וואָס צו לערנען, וואָס צו לייענען, און ווי זיך איינצואָרדענען. פאַר דער יוגנט איז ער געווען ווי אַ ברודער, אַ חבר און אַ לערער. דערפאַר האָט מען אויף זיין נאָמען געגרינדעט דעם אינסטיטוט, „בית ברל”, וואו הונדערטער יידישע יוגנטלעכע פון אַלע לענדער קומען שטודירן, לייענען, און זיך דערציען, ווי עס האָט געלערנט בערל כצנלסון.

בערל כצנלסון איז געקומען פון רוסלאַנד, פון דער שטאָט באָבּ־רויסק. זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלד־סוחר. ער איז געשטאָרבן ווען בערל איז אַלט געווען צוועלף יאָר. דער פאָטער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק. אין דער ביבליאָטעק זיינען געווען אַ אַ סך אַלטע ספרים און ביכער פון דער יידישער געשיכטע און דער העברעאישער ליטעראַטור. בערל האָט אַ סך געלערנט און אַ סך געלייענט און אַ סך געטראַכט וועגן יידישן פאָלק און די מאָטערנישן וואָס יידן זיינען אויסגעשטאַנען.

ווען בערל איז אַלט געווען 15-16 יאָר, איז ער געוואָרן אַ לערער און האָט געהאָלפן זיין מוטער אויסהאַלטן די משפחה, די אינגערע ברידער און שוועסטער. כאָטש ער איז נאָך געווען יונג, האָט ער אין זיין שטאָט באָברויסק אָנגעפירט מיט דער יידישער ביבליאָטעק און האָט געגרינדעט שטודיר־קרייזן פון בחורים און מיידלעך. ער האָט מיט זיי געלערנט און געלייענט. ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט ער באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ ישראל. ער איז אַוועקגעפאָרן פון באָברויסק מיט אַ שיף וואָס האָט געפירט סחורה צו דער האַפן־שטאָט אָדעס. אַ סך חברים און תלמידים האָבן אים מיט ליבשאַפט באַגלייט. זיי זיינען נאָכגעגאַנגען מיטן ברעג פון טייך ביז די שיף האָט זיך דערווייטערט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט בערל אַריבערגענומען קיין ארץ ישראל זיינע ברידער און זיין שוועסטער. די מוטער איז געבליבן אין באָברויסק.

אין ארץ ישראל איז בערל באַליבט געוואָרן ביי די יידישע אַרבעטער און ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. די ערשטע צייט האָט ער געוואוינט אין דעם אַרבעטער דאָרף עין גנים, וואו יעדער אַרבעטער האָט געהאַט זיין דירה, זיין גאָרטן, זיינע הינער און ציגן, און אין צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט געהאַט וואו צו וואוינען און פון וואַנען צו לעבן. בערל האָט געוואָלט, אַז נאָך אַזעלכע אַרבעטער דערפער זאָלן געבויט ווערן אין ארץ ישראל. אין עין גנים האָט זיך בערל באַפריינדעט מיט א. ד. גאָרדאָן און מיט י. ח. ברענער. זיי האָבן אַ סך פאַרבראַכט צוזאַמען, געשמועסט וואָס מען דאַרף טאָן כדי צו בויען ארץ ישראל. פון עין גנים איז בערל כצנלסון אַוועק אין גליל און געאַרבעט אין כנרת.

אומעטום וואו בערל איז געקומען, האָט מען אים ליב געהאַט און מען האָט זיך צוגעהערט צו אים. אַלע האָבן געפילט זיין שטאַרקע ליבשאַפט צום יידישן פאָלק און צו דער אַרבעט אין ארץ ישראל.

נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה איז בערלס מוטער געקומען פון באָברויסק קיין ארץ ישראל. זי איז אַראָפּ אין האַפן פון יפו. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּלויט און האָט געוואַרט, אַז די קינדער זאָלן זי קומען אָפּנעמען. פאַרביי איר איז דורכגעגאַנגען אַ ייד. זי האָט אים אָפּגעשטעלט און האָט אים געפרעגט: „איר קענט דאָ אפשר איינעם בערל כצנלסון?" דער ייד האָט איר געענטפערט: „ווער קען ניט בערל כצנלסון?" די מוטער האָט אים ווייטער געפרעגט: „וואָס פאַראַ מענטש איז ער?" דער ייד האָט איר געענטפערט: „הלוואי זאָלן זיין אַ סך אַזעלכע ווי ער". בערלס מוטער איז אויפגעלויכטן פון פרייד. זי האָט געוואוסט, אַז איר זון איז באַליבט ביי יידן.

בערלס גרויסער וואונטש איז געווען, אַז יידן זאָלן קומען קיין ארץ ישראל און זיי זאָלן זיין אַרבעטער. ער האָט אַרויסגעקוקט אויף יעדער שיף, וואָס איז אָנגעקומען אין לאַנד. ער האָט יעדן איינעם, וואָס ער האָט באַגעגנט, אויפגענומען מיט ליבשאַפט, ווי אַ ברודער. ער האָט געשמועסט מיט אים, אויסגעהערט וועגן זיינע זאָרגן, געהאָלפן זיך איינאָרדענען. הונדערטער מענטשן זיינען געקומען צו בערלען נאָך אַן עצה, נאָך הילף, נאָך אַן אָנווייזונג. בערל האָט פאַר יעדערן געהאַט צייט און האָט אַ סך געטאָן פאַר איינצלנע מענטשן פונקט ווי פאַרן כלל.

איינמאָל איז בערל געגאַנגען אין וועג און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעכטיקן אין אַ דאָרף. ביינאַכט האָט ער דערהערט ווי מען קלאַפּט אין טיר. ווען ער האָט געעפנט די טיר האָט ער געזען, אַז עס שטייען דריי תימנער יידן, איינער פון זיי מיט אַ צעקלאַפּטן קאָפּ. די תימנער האָבן אים דערציילט, אַז זיי האָבן זיך צעשלאָגן מיט די יידישע קאָלאָניסטן פון חדרה, דערפאַר וואָס די קאָלאָניסטן האָבן זיי ניט באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, פאַר היטן ביינאַכט דעם דאָרף. זיי האָבן געבעטן בערלען ער זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי. בערל איז געווען זייער אויפגערעגט, פאַרוואָס מען האָט באַעוולט די תימנער וועכטער. ער

איז געפאָרן מיט זיי קיין חדרה און זיי געהאָלפן, בעת עס איז געווען זייער משפט מיט די קאָלאָניסטן.

אַלע יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל מוזן זיין פאַראייניקט — אַזוי האָט געזאָגט בערל

ווען בערל איז געווען אין כנרת האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע חברים פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע ערד־אַרבעטער אין גליל און זיי האָבן אָרגאַניזירט דעם צענטער פון די ערד־אַרבעטער — „מרכז חקלאי". דערנאָך האָט ער מיט זיינע חברים אָרגאַניזירט די ערד־אַרבעטער פון דער צווייטער געגנט, פון יהודה. בערל האָט געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק, אַז אַלע ערד־אַרבעטער זאָלן געהערן צו איין אָר־גאַניזאַציע, זיי זאָלן העלפן איינע די אַנדערע, זיי זאָלן זוכן אַרבעט איינע פאַר די אַנדערע, זיי זאָלן שיצן איינע די אַנדערע.

בערל האָט געוואָלט, אַז נישט נאָר די ערד־אַרבעטער זאָלן זיין פאַראייניקט, נאָר אַלע אַרבעטער פון לאַנד. ער האָט אָפּגעגעבן אַ סך כח און צייט אויף צו שאַפן אַ פאַראייניקטע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. ער האָט געזאָגט צו די אַרבעטער: מיר בויען אַ לאַנד פאַר אַלע יידן, פאַר פרומע און פאַר ניט־פרומע, פאַר ערד־אַרבעטער און פאַר בעלי־מלאכות, פאַר אָרעמע און פאַרמעגלעכע יידן — פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. די אַרבעטער פון ארץ ישראל דאַרפן זיין פאַר־אייניקט. אַ גרויסע פרייד איז געווען פאַר בערלען, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אין חיפה די „הסתדרות", און אַלע אַרבעטער זיינען געווען פאַראייניקט אין דער אָרגאַניזאַציע.

בערל גרינדעט די אַרבעטער צייטונג „דבר"

בערל האָט געטראַכט, אַז די יידישע אַרבעטער פון ארץ ישראל דאַרפן זיין געבילדעט. זיי דאַרפן וויסן, וואָס עס ווערט געטאָן אין לאַנד און וואָס עס קומט פאָר איבער דער וועלט. זיי דאַרפן קענען די העברעאישע ליטעראַטור. זיי דאַרפן זיין ערד־אַרבעטער, אָבער ניט קיין פאַרגרעבטע מענטשן. צוזאַמען מיט אַנדערע חברים האָט

ער געגרינדעט די צייטונג פון דער הסתדרות „דבר״, און איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. זייער אַ סך האָט אים אין דער אַרבעט געהאָלפן ד״ר מ. ביילינסאָן. ביילינסאָן איז געקומען פון איטאַליע. ער האָט ניט געקענט קיין העברעאיש. בערל כצנלסון האָט אים געלערנט, געשמועסט מיט אים וועגן דער יידישער געשיכטע און דער העברעאישער ליטעראַטור. ביילינסאָן האָט זיך אויסגע־לערנט העברעאיש. בערל און ער האָבן זיך זייער דערנענטערט איי־נער צום אַנדערן און צוזאַמען געאַרבעט אין „דבר״. זיי האָבן גע־וואוינט אין איין הויז, אַ דירה אַנטקעגן אַ דירה, און לאַנגע שעהן פלעגן זיי אַרבעטן צוזאַמען און שרייבן פאַר דער צייטונג. בערל האָט איינגעלאַדן שרייבער זיי זאָלן דרוקן אין „דבר״ זייערע דערציי־לונגען און זייערע לידער. ער האָט געזוכט יונגע מענטשן, וואָס קענען שרייבן, און האָט געדרוקט זייערע זאַכן אין „דבר״. ער האָט זייער אַ סך געאַרבעט, אַז דער „דבר״ זאָל זיין אַ גוטע צייטונג. ביזן היינטיקן טאָג איז דער „דבר״ די גרעסטע צייטונג אין ארץ ישראל. די צייטונג איז שטאָלץ וואָס בערל איז געווען איר ערשטער רע־דאַקטאָר.

בערל כצנלסון האָט זייער ליב געהאַט קינדער. ער האָט געקענט מיט זיי פאַרברענגען גאַנצע שעהן, דערציילן זיי מעשות און זיך שפּילן מיט זיי. ער האָט געהאָלפן אַרויסגעבן אַ צייטונג פאַר די קינדער פון ארץ ישראל. די צייטונג האָט מען גערופן „דבר לילדים״. בערל האָט די קינדער צייטונג געלייענט מיט פאַרגעניגן, און האָט זיך באַמיט, אַז אין „דבר לילדים״ זאָלן זיין שיינע מעשות און שיינע בילדער פאַר די קינדער.

בערל גרינדעט דעם ערשטן אַרבעטער פאַרלאַג אין ארץ ישראל

בערל איז געווען זייער אַ פאַרנומענער מענטש. פון יעדער אָר־גאַניזאַציע איז מען געקומען צו אים נאָך עצות, און געבעטן אים ער זאָל זיי העלפן אין דער אַרבעט. שרייבער זיינען געקומען צו אים און ער האָט מיט זיי גערעדט וועגן זייער שרייבן אין „דבר״. לערער האָבן זיך געווענדעט צו אים ער זאָל זיי העלפן אין דער פירונג פון

די שולן. קינדער זיינען געווען בערלס געסט, זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר זייערן אַ חבר און האָבן אים גערופן „בערעלע". אָבער ווען בערל האָט געהאַט פרייע צייט — האָט ער זיך פאַרנומען מיט אַ פּלאַן פון אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן ביכער. גאַנצע נעכט האָט ער געלייענט כתב-יד'ן פון שרייבער. זיינע חברים האָבן ניט געגלויבט, אַז פון זיין אַרבעט פאַרן פאַרלאַג וועט עפּעס אַרויסקומען. זיי האָבן געזאָגט, אַז אויף אַרויסגעבן ביכער דאַרף מען האָבן מענטשן, וואָס זאָלן לייענען די כתב-יד'ן און געלט אויף דרוקן. דאָס איז צו שווער פאַר דער הסתדרות. אָבער בערל כצנלסון האָט לאַנג געאַרבעט און דער ביכער פאַרלאַג איז געגרינדעט געוואָרן. ער הייסט „עם עובד" — „דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק". ביזן היינטיקן טאָג איז פאַראַן דער פאַרלאַג און עס ווערן דאָרט אַרויסגעגעבן ביכער פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער.

בערל איז געשטאָרבן אין יאָר 1944. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געטרויערט נאָך אים. ער האָט געפעלט די אָרגאַניזאַציעס וואָס ער האָט געהאָלפן פירן און טויזנטער מענטשן איבערן לאַנד, יונג און אַלט, וואָס ער איז געווען זייער גרויסער לערער. מען האָט אים באַערדיקט אין דער קבוצה כנרת, דאָרט וואו ער האָט געלעבט און געאַרבעט, ווען ער איז אָנגעקומען אין לאַנד.

איצט שטייט לעבן כפר סבא דער „בית ברל", אַ דענקמאָל פאַר אַ גרויסן יידן, וואָס האָט ליב געהאַט זיין פאָלק און געאַרבעט פאַר זיין לאַנד.

ד״ר חיים ווייצמאַן



מן הדין הוא שיהיה מקום אחד בעולם, בעולמו הגדול של הקב״ה, שנוכל לחיות בו את חיינו ולהביע בו את מהותנו בהתאם לטבענו, ולתת את חלקנו לתרבות האנושית על פי דרכנו אנו ודרך הצינורות משלנו.

עס איז אַ יושר אַז עס זאָל זיין אַן אָרט אויף דער וועלט, אויף גאָטס גרויסער וועלט, וואו מיר זאָלן קענען דאָרט לעבן אונדזער אייגן לעבן און אויסדריקן אונדזער וועזן אויף אונדזער אייגענעם אופן, און בייטראָגן אונדזער חלק צו דער קולטור פון דער מענטשהייט אויף אונדזער אייגע־נעם שטייגער און מיט אונדזערע אייגענע וועגן.

פון ד״ר חיים ווייצמאַנס אַ רעדע
אין יאָר תרצ״ז—1937)

אין יאָר 1948 איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה, „מדינת ישראל". ד"ר חיים ווייצמאַן האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער פּרעזידענט פון ישראל.

ד"ר חיים ווייצמאַן איז געבוירן געוואָרן אין מאָ־טעלע, אַ קליין שטעטעלע אין רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלד סוחר און אַ ייד אַ למדן. ער האָט געשיקט זיין זון, חיים, לערנען אין אַ חדר ביי אַ רבין. אין חדר האָט געוואוינט דער רבי מיט זיין משפּחה. ווינטער האָט מען אין חדר געהאַלטן די ציג, כדי זי זאָל ניט דערפראָרן ווערן אין שטאַל. די קינדער האָבן געלערנט אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין אָוונט. דער רבי איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. די תלמידים האָבן געבראַכט זייערע אייגענע ליכט, כדי צו לערנען אין די אָוונטן. יידישע אָרעמקייט און יידישע תורה זיינען געווען אונטער איין דאַך.

דער זיידע דערציילט אים מעשות וועגן גרויסע יידן.

חיים ווייצמאַן האָט זייער ליב געהאַט זיין זיידן, און האָט אַביסל צייט געלעבט ביים זיידן אין הויז. פאַרטאָג פלעגט דער זיידע אויפ־שטיין און גיין מיטן אייניקל דאַווענען. ביים פרישטיק האָט אים דער זיידע דערציילט מעשות וועגן דעם לעבן פון גרויסע יידן, וועגן צדיקים און רבנים. ער האָט אים אויך דערציילט וועגן משה מאָנ־טעפיאָרי, אַ ייד פון ענגלאַנד, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן אַרומגעפאָרן איבער אַלע לענדער און געהאָלפן יידן. דער קליינער חיים האָט זיך גוט איינגעהערט צו דעם זיידנס מעשות, און האָט זיי גוט געדענקט. ווען ער איז אויסגעוואָקסן, איז ער אַליין אַרומגעפאָרן איבער אַ סך לענדער, כדי צו העלפן יידן זיי זאָלן אויסבויען זייער אייגן לאַנד.

אויסער דעם רבין אין חדר האָט ער געהאַט אַ לערער אויף לערנען העברעאיש. דער לערער האָט ליב געהאַט לייענען ביכער מיט זיינע תלמידים. איינמאָל האָט ער געבראַכט אַ בוך וועגן כעמיע. ער האָט מיט זיינע תלמידים געלייענט דאָס בוך מיטן ניגון פון גמרא

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס חיים ווייצמאַן האָט זיך דער־וואוסט, אַז עס איז דאָ אַ וויסנשאַפט כעמיע, און ער האָט דעם למוד ליב געקראָגן.

שפּעטער איז ער געוואָרן אַ גרויסער כעמיקער, איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט.

חיים ווייצמאַן ווערט אַ ציוניסט

ווען חיים איז עלטער געוואָרן האָבן אים די עלטערן געשיקט לערנען אין פּינסק, אַ גרעסערע שטאָט ניט ווייט פון מאָטעלע. אין פּינסק איז געווען אַ גרויסע צאָל יידן „חובבי ציון". ער האָט זיך באַ־קענט מיט זיי. דער יונגער חיים ווייצמאַן פלעגט גיין זאַמלען געלט פאַר די „חובבי ציון". ער איז געגאַנגען אין די היימען פון די יידן, די ליבהאָבער פון ציון, און גענומען ביי זיי געלט, ביישטייערונגען.

אין דער צייט וואָס ווייצמאַן איז געווען אין פּינסק איז איינער, אַ באַרימטער „חובב ציון", אהרון אייזנבערג אַוועקגעפאָרן מיט זיין גאַנצער משפּחה קיין ארץ ישראל. די גאַנצע שטאָט איז געקומען מיט דער משפּחה זיך געזעגענען. אַ סך פריינט האָבן זיי באַגלייט צו דער באַן. דער יונגער חיים איז אויך געווען צווישן די באַגלייטער. דעמאָלט האָט ער געזען באַשיינפּערלעך, אַז דער וועג פון אַ חובב ציון פירט קיין ארץ ישראל.

אין אַ סך לענדער איז שפּעטער ד"ר חיים ווייצמאַן געווען. אַ סך געלערנט און אַ סך געאַרבעט און שטענדיק האָבן זיינע וועגן געפירט צו ארץ ישראל.

חיים ווייצמאַן פאָרט אין אויסלאַנד

חיים ווייצמאַן איז אַלט געווען אַכצן יאָר ווען ער האָט געענדיקט די רעאַל־גימנאַזיע אין פּינסק. ער האָט געקראָגן אַן איינלאַדונג צו זיין אַ העברעאישער לערער אין אַ רעליגיעזער יידישער שול אין אַ קליין שטעטעלע אין דייטשלאַנד. אָבער פאָרן קיין דייטשלאַנד קאָסט טייער. מען דאַרף האָבן אַ בילעט און אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט.

חיים ווייצמאַנ׳ס פעטער האָט געפירט פליטן, דאָס הייסט קלעצער האָלץ, קיין דאַנציק. האָט חיים זיך אָנועקגעזעצט מיטן פעטער אויף די פליטן, געשוואומען מיט די פליטן איבער טייכן און קאַנאַלן ביז ער איז געקומען קיין דאַנציק. ער האָט געהאָפט אַז אין דייטשלאַנד וועט ער קענען לערנען אין אַן אוניווערזיטעט.

חיים ווייצמאַן טרעפט אַסימילירטע יידן

ד״ר בארנעס, דער פאַרוואַלטער פון דער שול וואו חיים ווייצמאַן איז געווען אַ העברעאישער לערער, האָט גערעדט דייטש. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ דייטש נאָר זיין רעליגיע איז אַ יידישע. חיים ווייצמאַן האָט צום ערשטן מאָל געטראָפן אַ יידן וואָס זאָגט, אַז ער איז אַ דייטש. דאָס האָט ווייצמאַנען ווי געטאָן.

דאָס איז געווען חיים ווייצמאַנ׳ס ערשטע באַגעגעניש מיט אַסי־מילאַטאָרן. שפּעטער איז אים אויסגעקומען אַ סך מאָל אין זיין אַרבעט פאַרן ציוניזם זיך קריגן מיט אַסימילאַטאָרן.

חיים ווייצמאַן ווערט אַ באַרימטער כעמיקער

חיים ווייצמאַן איז געווען אַ סטודענט אין בערלין און דערנאָך אין זשענעווע, אין שווייצאַריע. זיינע גרויסע פעאיקייטן אַלס כע־מיקער האָבן אים באַרימט געמאַכט צווישן די סטודענטן און פּראָפע־סאָרן. נאָך מער ווי מיט כעמיע האָט זיך ווייצמאַן פאַרנומען מיט אַרבעט פאַר ארץ ישראל, און ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג איז ער שוין געווען באַליבט ווי אַ ציוניסטישער רעדנער און טוער.

שווערע יאָרן האָט געהאַט ווייצמאַן, ווען ער איז געווען אַ סטו־דענט. די אַרבעט פאַר ארץ ישראל האָט ביי אים צוגענומען די גאַנצע פרייע צייט. זיינע עלטערן זיינען ניט געווען אַזוי רייך, אַז זיי זאָלן אים קענען אויסהאַלטן. אָפט האָט זיך געמאַכט, אַז ווייצמאַן האָט ניט געהאַט אַפילו מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר זיין דירה. לאַנגע יאָרן האָט ער זיך געמאַטערט. געאַרבעט ביינאַכט אויף פאַרדינען

צום לעבן. דאָס האָט שלעכט געווירקט אויף זיין געזונט. אָבער זיין ציוניסטישע אַרבעט האָט ער קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט.

ווייצמאַן גרינדעט ציוניסטישע קרייזן צווישן די סטודענטן

אין זשענעווע זיינען געווען הונדערטער סטודענטן, יידישע בחורים און מיידלעך פון רוסלאַנד. אין די רוסישע אוניווערזיטעטן האָט מען זיי ניט אַריינגענומען, ווייל זיי זיינען געווען יידן. צווישן די סטודענטן זיינען געווען גאָר אַ סך אַסימילירטע, וואָס האָבן גאָר ניט געטראַכט אַז זיי זיינען יידן. צו די סטודענטן איז געקומען חיים ווייצמאַן און האָט זיי דערמאָנט וועגן זייערע היימען אין רוסלאַנד, וועגן זייער אייגענער נויט אין פרעמדע אוניווערזיטעטן, וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן האָבן אַן אייגן לאַנד.

ווייצמאַן האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים, שמריהו לעווין, לעאָ מאָצקין, נחמן סירקין און אַנדערע, געגרינדעט ציוניסטישע קרייזן. אין דער שווייצאַרישער שטאָט בערן, האָבן זיי געשאַפן אַ גרויסן סטודענטן קרייז „השחר", וואו עס זיינען געווען ביי אַ הונדערט אַכציק מיטגלידער. אין זשענעווע האָבן זיי געגרינדעט אַ פאַרלאַג, און האָבן אַרויסגעגעבן ציוניסטישע ליטעראַטור, ביכלעך, קליינע זשורנאַלן און אַנדערע אויסגאַבן. ווייצמאַן און זיינע חברים האָבן אויפגעשטעלט אַ באַדייטנדיקע ציוניסטישע יוגנט-באַוועגונג אין שווייצאַריע.

ד"ר חיים ווייצמאַן ווערט אַ לעקטאָר אין אוניווערזיטעט אין זשענעווע

צוליב זיינע גרויסע קענטעניש אַלס כעמיקער, האָט מען ווייצמאַנען איינגעלאַדן צו זיין אַ לעקטאָר אין אוניווערזיטעט אין זשענעווע. אין יענער צייט האָט ער געמאַכט אַ כעמישע דערפינדונג. דעם פאַטענט פון דער דערפינדונג האָט ער פאַרקויפט צו אַ דייטשישער פירמע. דאָס האָט גרינגער געמאַכט זיין מאַנגל אין געלט און ער האָט געקענט זיך מער אָפּגעבן מיט זיין ציוניסטישער אַרבעט.

וויצמאַן ווערט אויסגעקליבן פאַר אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס

וויצמאַן איז שוין געווען אַ באַרימטער מענטש, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט דערווייטערט פון די פשוטע, אָרעמע יידן אין פינסק און אין מאָטעלע. זומער פלעגט ער אָפט אַרויספאָרן קיין פינסק און דאָרט אָנגעפירט מיט דער ציוניסטישער אַרבעט. ער האָט זיך געפילט ווי אַ פשוטער ייד צווישן יידן. ער האָט געטאָפּטשעט אין דער טיפער בלאָטע פון די שטעטלעך, געגאַנגען אויף פאַרזאַמלונגען, אָדער אין די הײמען און געשמועסט מיט יידן. אַמאָל פלעגט ער קומען ריידן צו די יידן אין בית-מדרש, נאָכן דאַווענען. די אָרעמקייט און אונטערדריקטקייט פון די יידן האָט אים ווי געטאָן. אפילו ווען ער איז געקומען צוריק אין זשענעווע, האָט ער ביי דער אַרבעט אין דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע געטראַכט וועגן זיי, וועגן זייער שווערן גורל. די יידן האָבן וויצמאַנען ליב געהאַט. די ציוניסטן פון פינסק האָבן אים באַשטימט פאַר זייער דעלעגאַט צו אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן.

ד״ר וויצמאַן אַרבעט מיט ד״ר הערצלען אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן

אויף די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט זיך ד״ר וויצמאַן געטראָפן מיט ד״ר הערצל. ד״ר וויצמאַן איז דעמאָלט געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש. ער האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר ד״ר הערצלען, אָבער ניט שטענדיק האָט ער מסכים געווען מיט דעם וואָס ד״ר הערצל האָט געטאָן.

אויפן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז ד״ר וויצמאַן גאָר שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן ד״ר הערצלען. ד״ר הערצל האָט פאָר־געלייגט, אַז יידן זאָלן פאָרן קיין אוגאַנדע און דאָרט דערווייל בויען אַ היים, ביז מען וועט קענען קריגן דעם טשאַרטער אויף ארץ ישראל. ד״ר וויצמאַן, מנחם אוסישקין און אַ סך אַנדערע דעלעגאַטן פון רוסלאַנד זיינען געווען קעגן אָננעמען אוגאַנדע פאַר אַ יידישער היים.

ד"ר ווייצמאַן האָט געזאָגט, אַז בלויז ארץ ישראל איז דאָס לאַנד פון אונדזערע עלטערן און נאָר ארץ ישראל וועלן יידן ליב האָבן און בויען מיטן גאַנצן הארצן. עס איז דעמאָלט געווען אַ שטורמישער וויכוח צווישן די דעלעגאַטן וואָס זיינען געווען „פאַר אוגאַנדע" און צווישן די דעלעגאַטן וואָס זיינען געווען „געגן אוגאַנדע". ד"ר הערצל האָט זיך זייער געערגערט וואָס ער האָט אַ סך געגנער, איבערהויפּט צווישן די דעלעגאַטן פון רוסלאַנד. אָבער ער איז ניט אין כעס גע־וואָרן אויף ד"ר ווייצמאַן און זיינע חברים, דערפאַר וואָס זיי האָבן געהאַט אַנדערע מיינונגען ווי ער. פאַרקערט, ד"ר הערצל האָט זייער אָפּגעשאַצט זייערע פעאיקייטן. ער האָט געזאָגט, אַז זיי, די יונגע דעלעגאַטן פון רוסלאַנד, וועלן אַמאָל זיין די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

ד"ר ווייצמאַן באַזעצט זיך אין ענגלאַנד

אין יאָר 1904 האָט ד"ר ווייצמאַן פאַרלאָזן זשענעווע און האָט זיך באַזעצט אין ענגלאַנד. ער האָט געפילט, אַז די ענגלענדער האָבן אַ גוטע באַציאונג צום ציוניזם. זיי פאַרשטייען דעם טיפן פאַרלאַנג פון די יידן צו האָבן אַן אייגן לאַנד. דעריבער האָט אים געצויגן צו קומען קיין ענגלאַנד.

שווער איז ווייצמאַנען געווען די ערשטע צייט אין ענגלאַ־ד. די ענגלישע ציוניסטן זיינען כמעט אַלע געווען „אוגאַנדיסטן", און ער איז געווען קעגן אוגאַנדע. קיין אַרבעט האָט ער ניט געהאַט, צופיל געלט אויך ניט. אין לאָנדאָן האָט ער געוואוינט ביי אַ חבר, אַ ציו־ניסט, אַ ייד אַ שניידער, וואָס האָט ווייצמאַנען זייער טייער געהאַלטן. לאַנגע שעה'ן פלעגט ער מיט ווייצמאַנען שפּאַצירן איבער די גאַסן, אים ווייזן די שטאָט.

פון לאָנדאָן איז ווייצמאַן אַריבערגעפאָרן קיין מאַנטשעסטער. דאָרט האָט ער געוואוינט ביי אַ פריינט, אַ דרוקער, אין אַ קליינער אָרעמער דירה, וואו ס'איז געווען אויך די דרוקעריי.

אין מאַנטשעסטער איז ד"ר ווייצמאַן געוואָרן אַ לעקטאָר פון כעמיע אין אוניווערזיטעט. ער האָט דעמאָלט נאָך נישט געקענט גוט

קיין ענגליש, אָבער די סטודענטן האָבן געפילט זיין טיפן ווימן אין כעמיע און האָבן ליב געהאַט זיינע לעקציעס.

אַ געבענטשטע באַגעגעניש צווישן ד"ר וויצמאַן און לאָרד באַלפור

צוליב ד"ר וויצמאַנ'ס דערגרייכונגען אין כעמיע, איז זיין נאָמען געווען באַקאַנט אויך צווישן ניט־יידן.

אין יאָר 1906, איז צו אים געקומען אַ פריינט זיינער, אַ כעמיקער, און האָט צו אים געזאָגט: אַן ענגלישער לאָרד, באַלפור, וויל אייך זען. ער וויל זען אַ יידן, וואָס האָט ניט געוואָלט אָננעמען דעם אָנבאָט פון דער ענגלישער רעגירונג, אַז יידן זאָלן בויען אַ לאַנד אין אוגאַנדע.

ד"ר וויצמאַן איז געגאַנגען זיך טרעפן מיט לאָרד באַלפור.

לאָרד באַלפור האָט אים געפרעגט: פאַרוואָס איז ער קעגן אוגאַנדע? ד"ר וויצמאַן האָט אַ לאַנגע צייט געשמועסט מיט לאָרד באַלפור. ער האָט אים דערציילט, ווי די יידן לעבן אין מאָטעלע, אין פינסק און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. ער האָט אים דערציילט, ווי די יידן דאַווענען און בעטן גאָט, אַז ער זאָל זיי צוריקברענגען אין לאַנד פון זייערע עלטערן, אין ארץ ישראל. וויצמאַן האָט געזאָגט דעם לאָרד, אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועלן יידן ניט פאַרגעסן ארץ ישראל, און קיינמאָל וועלן זיי קיין אַנדער לאַנד ניט בויען פאַר זיך פאַר אַ היימלאַנד.

לאָרד באַלפור האָט זיך צוגעהערט. ער האָט צום ערשטן מאָל געזען אַזאַ יידן, מיט אַזאַ הייסער בענקשאַפט צו ארץ ישראל. פאַרן אַוועקגיין האָט ד"ר וויצמאַן געזאָגט צו לאָרד באַלפור: — שטעלט אייך פאָר, לאָרד באַלפור, אַז איך זאָל אייך זאָגן איר זאָלט אָפּגעבן לאָנדאָן און אָנשטאָט דעם קריגן פאַריז פאַר אייער הויפּשטאָט. וואָלט איר דאָס געוואָלט?

לאָרד באַלפור האָט זיך פאַרוואונדערט און ער האָט געזאָגט: אָבער, ד"ר וויצמאַן! מיר האָבן דאָך שוין לאָנדאָן!

אויף דעם האָט אים ד"ר וויצמאַן געענטפערט: און מיר יידן, האָבן געהאַט ירושלים שוין דעמאָלט, ווען לאָנדאָן איז נאָך אויף דער וועלט ניט געווען. ווען משה רבנו זאָל קומען און זען, אַז עס זיינען דאָ יידן וואָס ווילן אוגאַנדע, וואָלט ער נאָכאַמאָל צעבראָכן די לוחות.

לאָרד באַלפור האָט אים געפרעגט: — זיינען דאָ אַ סך יידן וואָס פילן אַזוי ווי איר? זיי זיינען דאָ אין די מיליאָנען — האָט אים וויצמאַן געענטפערט.

לאָרד באַלפור האָט דעם שמועס מיט ד״ר וויצמאַן ניט פאַרגעסן.

ד״ר וויצמאַן שאַפט וויכטיקע פאַרבינדונגען אין מאַנטשעסטער

פונקט ווי אַ פרומער ייד דאַוונט יעדן טאָג, אַזוי האָט ד״ר וויצמאַן יעדן טאָג געאַרבעט פאַר ארץ ישראל. ער האָט שטענדיק גע־זוכט פריינט פאַרן ציוניזם. די יידן פון מאַנטשעסטער און פון ענג־לאַנד בכלל זיינען געווען אַסימילירטע. זיי האָבן אָפטמאָל פאַרגעסן אַז זיי זיינען יידן. וויצמאַן איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך פון ענגלאַנד, געקומען צו די יידן און געוועקט זייערע הער־צער צו יידישקייט.

אָט די יידן זיינען פריער קיין ציוניסטן ניט געווען, נאָר זיי האָבן זיך היים אָפּגערופן ווען ד״ר וויצמאַן האָט זיך צו זיי געווענדעט וועגן אַרבעט פאַר ארץ ישראל. אין מאַנטשעסטער האָט ער זיך באַקאַנט מיט ישראל זיף, וואָס מיט זיין הילף איז מיט יאָרן שפּעטער אויס־געבויט געוואָרן אַ פאָרשונג אינסטיטוט אין רחובות — דער זיף אינסטיטוט.

ד״ר וויצמאַן האָט אין מאַנטשעסטער אויפגעשטעלט אַ באַדייטנ־דיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דורך זיינע מאַנטשעסטער ציוניס־טישע פריינט, האָט ד״ר וויצמאַן זיך פאַרבונדן מיט אייניקע ענגלישע שטאַטסלייט. דאָס איז געווען אַ געווינס פאַר דער אַרבעט פאַר ארץ ישראל.

ד״ר וויצמאַן פאָרט צום ערשטן מאָל קיין ארץ ישראל

אין יאָר 1907 איז ד״ר וויצמאַן צום ערשטן מאָל געקומען קיין ארץ ישראל. דאָרט איז ער צוזאַמען מיט יהושע חנקין אַרויסגעפאָרן איבערן לאַנד זען די יידישע קאָלאָניעס. וויצמאַן האָט זיך געטראָפן מיט די ביל״ויים. זיי זיינען געווען מיד פון לאַנגע יאָרן שווערע אַר־

בעט. די וואָס זיינען געווען אָרעם האָבן געקראָגן שטיצע פון באַראָן ראָטשילד. די יידישע אַרבעטער, די מענטשן פון דער צווייטער עליה, האָבן זיך געמאַטערט אויף געפינען אַרבעט. די אַלטע, דערשלאָגענע ביל׳ויים האָבן זיי ניט געהאָלפן. די לאַגע אין לאַנד איז געווען אַ שווערע.

איינמאָל איז צו ד״ר וויצמאַן געקומען ד״ר אַרטור רופין און האָט אים איינגעלאַדן אויף אַ שפּאַציר. זיי זיינען צוגעקומען צו אַ זאַמדיקן פּלאַץ, צפון פון יפו, אַריינגעקראָכן ביז די קנעכל אין זאַמד. און דאָרט האָט זיך ד״ר רופּין אָפּגעשטעלט. ער האָט פייערלעך געזאָגט צו ד״ר וויצמאַן: „אָט דאָ וועלן מיר אויסבויען אַ יידישע שטאָט!״

ד״ר וויצמאַן האָט אים געפרעגט: — „פאַרוואָס עפּעס דאָ אין די זאַמדן?״

— „דאָ, גראָד דאָ״, האָט ד״ר רופּין געענטפערט. „די זאַמדיקע בערג וועט מען אויסגלייכן, דאָ וועט זיין דער מיטלפּונקט פאַר די קאָלאָניעס, דאָ וועט שטיין אינמיטן אַ יידישע גימנאַזיע און יידישע קינדער פון דער גאָרער וועלט וועלן קומען אַהער לערנען״. אין פיר יאָר אַרום האָט מען אויף יענעם זאַמדיקן אָרט אָנגעהויבן בויען די גרויסע יידישע שטאָט תל-אביב.

ד״ר וויצמאַן קלייבט אויס דעם הר הצופים לעבן ירושלים אויף בויען דאָרט אַ יידישן אוניווערזיטעט

יאָרן לאַנג האָט ד״ר וויצמאַן געחלומט וועגן בויען אַ יידישן אוניווערזיטעט אין ירושלים. ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, אין זשענעווע, האָט ער געזוכט פריינט, וואָס זאָלן אים העלפן אין דער אַרבעט. ער האָט געזען ווי יידישע סטודענטן מאַטערן זיך אין אַלע אוניווערזיטעטן פון אייראָפּע: אין בערלין, אין זשענעווע, אין בערן, אין פּאַריז, אין לאָנדאָן. די שפּראַכן זיינען פאַר אַ סך פון זיי געווען פרעמד. די לענדער זיינען פאַר זיי פרעמדע. זיי קריגן בילדונג, אָבער זיי ווערן אָפּגעריסן פון זייער היים און פון זייער פאָלק. ד״ר וויצמאַן האָט באַדויערט, וואָס די יידישע יוגנט גיט אָפּ אַלע כחות פאַר פרעמ־דע קולטורן, און די אייגענע קענען זיי ניט און ווייסן ניט פון איר.

אויסבויען אַן אוניווערזיטעט אין ירושלים האָט ער געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זאַך אי פאַר ארץ ישראל, אי פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

ווען ד״ר ווייצמאַן איז געווען צום ערשטן מאָל אין ארץ ישראל, אין 1907, איז ער זייער באַגייסטערט געוואָרן פון דער שיינקייט פון די בערג אַרום ירושלים. מיט אַ באַזונדער פאַרבענקטן בליק האָט ער געקוקט אויפן הר הצופים. ער האָט געוואָלט אויף דעם באַרג זאָל מען בויען דעם יידישן אוניווערזיטעט. 25 יאָר האָט ד״ר ווייצמאַן געאַרבעט אויף שאַפן געלט און געפינען פּראָפעסאָרן פאַרן אוניווערזיטעט.

געלט אויף קויפן דעם באָדן האָט געגעבן אַ רוסישער איד, אייזיק גאָלדבערג.

אַ קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער דאָקטוירים האָט באַזאָרגט די פאָנדן פאַר אַ ביאָלאָגישער און ביאָכעמישער אָפּטיילונג. עס האָט געגעבן געלט פעליקס וואַרבורג. עס איז אויסגעקומען באַשיינפּערלעך, אַז יידן פון אַלע עקן וועלט האָבן מיט ליבשאַפט געטראָגן ליים און ציגל צו בויען אַ יידישן אוניווערזיטעט אין דער אייביקער שטאָט.

אין יאָר 1925 איז דער אוניווערזיטעט דערעפנט געוואָרן. עס זיינען געקומען פּראָפעסאָרן פון פאַרשיידענע אוניווערזיטעטן צו דעם דערעפענונג יום-טוב. לאָרד באַלפור איז געקומען פון ענגלאַנד צו דער פייערונג. פאַר דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל איז געווען אַ גרויסער יום-טוב. ד״ר ווייצמאַן איז שטאָלץ געווען מיט דעם אוניווערזיטעט, וואָס ער האָט וועגן אים געחלומט 25 יאָר.

ד״ר ווייצמאַן לייגט האָפענונגען אויף ענגלאַנד, אַז זי וועט העלפן אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַ יידישע מדינה.

ווען עס איז פאָרגעקומען די ערשטע וועלט מלחמה האָט ד״ר ווייצמאַן געוואוינט אין ענגלאַנד.

ענגלאַנד איז דעמאָלט געווען „דער לייב פון אייראָפּע״, פון די שטאַרקסטע לענדער אויף דער וועלט. זי האָט געהערשט איבער די ימען. אונטער ענגלאַנדס מאַכט האָבן זיך געפונען גרויסע לענדער ווי, אינדיע, עגיפּטן און אַנדערע.

ד״ר ווייצמאַן האָט געגלויבט, אַז ענגלאַנד און אירע פאַרבינדעטע, פראַנקרייך, רוסלאַנד (און שפּעטער אַמעריקע) וועלן געווינען די מלחמה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נאָך דער מלחמה וועט ענגלאַנד האָבן אַ גרויסע דעה איבער ארץ ישראל און איבערן יידישן ישוב דאָרטן. די ציוניסטן האָבן זיך באַמיט צו שאַפן פריינט צווישן די ענגלישע שטאַטסלייט. ד״ר ווייצמאַן האָט זיך מיט דער אַרבעט אָפּגעגעבן אין משך פון אַלע יאָרן פון דער מלחמה.

ד״ר ווייצמאַן טרעפט אַן ענגלענדער, אַ פריינט פון אידן, טש. פּ. סקאָט, וואָס העלפט די ציוניסטן

איינמאָל זיינען ד״ר ווייצמאַן און זיין פרוי געקומען צו גאַסט צו זייערע באַקאַנטע. דאָרט האָבן זיי געטראָפן אַן ענגלענדער, טש. פּ. סקאָט. ער איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ ציטונג און האָט געהאַט נאָענטע פריינט צווישן די ענגלישע מיניסטאָרן. ער איז געווען אַ פריינט פון יידן.

ד״ר ווייצמאַן האָט מיט אים גערעדט וועגן ארץ ישראל. ער האָט אים דערציילט, אַז אין ארץ ישראל האָבן די יידן שוין אויסגעבויט אייגענע ישובים. און דער עיקר: ער האָט אים דערציילט ווי שווער עס איז צו זיין אַ פאָלק אָן אַ לאַנד. טש. פּ. סקאָט האָט זיך גוט צוגעהערט צו ד״ר ווייצמאַנס רייד און זיי זיינען אים אַריין טיף אין האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן לייענען ביכער וועגן ארץ ישראל. ער האָט זיך אָפט געטראָפן מיט ד״ר ווייצמאַן. טש. פּ. סקאָט האָט אַן עצה געגעבן ד״ר ווייצמאַנען ער זאָל זיך זען מיט לאָיד דזשאָרדזשן. לאָיד דזשאָרדזשן. צוזאַמען מיט ד״ר ווייצמאַן איז געגאַנגען טש. פּ. מיניסטער פון ענגלאַנד, און עס איז געווען זייער וויכטיק, אַז ער זאָל פאַרשטיין די ציוניסטן און זייער ווילן צו אויסבויען אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל. דער עיקר ער זאָל מסכים זיין אויף דעם.

ד״ר ווייצמאַן טרעפט זיך מיט לאָיד דזשאָרדזש

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז ד״ר ווייצמאַן געגאַנגען זיך זען מיט לאָיד דזשאָרדזשן. צוזאַמען מיט ד״ר ווייצמאַן איז געגאַנגען טש. פּ.

סקאָט. לאָיד דזשאָרדזש האָט געפרעגט ד״ר וויצמאַנען אַ סך פראַגן וועגן ארץ ישראל. ער האָט געפרעגט וועגן די ישובים וואָס יידן האָבן דאָרט אויסגעבויט. ער האָט געפרעגט וויפל יידן קענען זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, און נאָך אַנדערע פראַגן. ד״ר וויצמאַן האָט גוט געקענט ארץ ישראל, ער האָט געקענט די חלוצים, וואָס לעבן דאָרט, און ער האָט עס אַלץ דערציילט לאָיד דזשאָרדזשן. לאָיד דזשאָרדזש האָט גוט אויפגענומען וויצמאַנס פאָרשלאָג, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַ יידיש לאַנד אונטער דער שוץ פון ענגלאַנד.

אינמיטן דעם געשפרעך האָט לאָיד דזשאָרדזש געזאָגט צו ד״ר וויצמאַן: — איר ווייסט ווער עס וועט זיין שטאַרק קעגן אייך? דוקא יידן, די רייכע יידן פון ענגלאַנד, זיי זיינען קעגן די ציוניסטן. זיי וועלן שטערן.

ד״ר וויצמאַן האָט געענטפערט: די רייכע יידן זיינען שטענדיק געווען קעגן אונדז. אָבער זיי זיינען איינצלנע מענטשן. זיי זיינען אַסימילירטע יידן. זיי זיינען נישט דאָס יידישע פאָלק. לאָיד דזשאָרדזש האָט פאַרשטאַנען וויצמאַנען. לאָיד דזשאָרדזש האָט געקענט די ביבל און האָט געוואוסט, אַז די יידן האָבן שטענדיק געחלומט וועגן קומען צוריק קיין ארץ ישראל. ער האָט געפילט אַז ד״ר וויצמאַן רעדט אין נאָמען פון יידישן פאָלק. ער האָט אים צוגעזאָגט גוט באַטראַכטן דעם ענין, און האָט אים געראָטן זיך זען מיט לאָרד באַלפור, דעם אויסערן מיניסטער פון ענגלאַנד.

ד״ר וויצמאַן האָט אויף לאָיד דזשאָרדזשן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ווען וויצמאַן איז אַוועק, האָט לאָיד דזשאָרדזש געזאָגט צו איינעם, וואָס איז געווען ביי דער באַראַטונג: „אין יאָרן אַרום, ווען מען וועט מיך און אייך מער ניט געדענקען, וועט ד״ר וויצמאַן האָבן אַ דענקמאָל אין ארץ ישראל״.

ד״ר וויצמאַן טרעפט זיך נאָכאַמאָל מיט לאָרד באַלפור

לאָרד באַלפור האָט גוט געדענקט ד״ר וויצמאַנען פון זייער באַגעגעניש מיט צען יאָר צוריק. ער האָט אויפגענומען וויצמאַנען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. ער האָט אים גלייך אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה:

„ד״ר ווייצמאַן, איך האָב אַ סך געטראַכט וועגן אונדזער אַמאָליקן שמועס און וועגן אַ יידיש לאַנד אין ארץ ישראל. איך גלויב, אַז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועט איר קריגן אייער ירושלים״.

קריגן ירושלים! אָט די ווערטער זיינען פאַר ד״ר ווייצמאַנען געווען אַ גרויסער אָנזאָג, אַ בשורה טובה פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. גוטע האָפענונגען האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ.

ד״ר ווייצמאַן העלפט ענגלאַנד אין דער מלחמה

איינמאָל, ווען ד״ר ווייצמאַן האָט געאַרבעט אין זיין כעמישער לאַבאָראַטאָריע, איז צו אים געקומען אַ שליח פון דער ענגלישער רע־גירונג. ער האָט געזאָגט, אַז די רעגירונג וועט דאַרפן ד״ר ווייצמאַנס הילף אויף צוגרייטן כעמישע שטאָפן, וואָס זיינען נויטיק פאַר געווי־נען די מלחמה. ד״ר ווייצמאַן האָט איינגעשטימט.

לואיס ד. בראַנדעס, דער גרויסער אַמעריקאַנער ייד, באַמיט זיך וועגן אַ היים פאַר יידן אין ארץ ישראל

די יידן אין אַמעריקע זיינען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, ווען ד״ר ווייצמאַן און זיינע חברים האָבן זיך מיט אַלע כחות באַמיט וועגן אַ היים פאַר יידן אין ארץ ישראל.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע, און איבערהויפּט לואיס ד. בראַנדעס, האָבן מיט פרייד און מיט זאָרג זיך צוגעהערט צו די צוזאָגן וואָס די ענגלישע רעגירונג מאַכט צו ד״ר ווייצמאַן. לואיס ד. בראַנדעס איז געווען אַ גרויסער אַמעריקאַנער ייד. ער איז געווען אַ ראַטגעבער פון פּרעזידענט ווילסאָן. לואיס ד. בראַנדעס האָט זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו דער אַרבעט פון שאַפן אַ היים פאַר יידן אין ארץ ישראל. ער האָט כסדר געקראָגן בריוו און טעלע־גראַמעס פון ד״ר ווייצמאַן פון ענגלאַנד, און ער האָט געוואוסט וועגן אַלע צוזאָגן פון לאָיד דזשאָרדזש און פון באַלפורן וועגן אַ יידישער היים. עס איז געווען נויטיק, אַז אויך אַמעריקע זאָל מסכים זיין, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אַ היים פאַר יידן, אַ יידיש לאַנד. לואיס בראַנ־דעס האָט זיך געווענדט צו פּרעזידענט ווילסאָן און די אַמעריקאַנער

רעגירונג האָט מודיע געווען: זי נעמט אָן מיט צופרידנהייט, אַז ארץ ישראל זאָל זיין אַ יידיש לאַנד אונטער דער שוץ פון ענגלאַנד. פרעזידענט ווילסאָנס הסכמה איז געווען זייער וויכטיק. ענגלאַנד האָט געזען, אַז אַמעריקע פאַרלאַנגט ארץ ישראל פאַר יידן.

יידישע אַסימילאַטאָרן אין ענגלאַנד שטערן

אין יענע גרויסע טעג, ווען די ענגלישע רעגירונג האָט געדאַרפט באַשליסן וועגן ארץ ישראל פאַר יידן, האָבן זיך אויפגעהויבן די אַסימילירטע יידן אין ענגלאַנד און האָבן געזאָגט: יידן זיינען ניט קיין באַזונדער פאָלק, און יידן דאַרפן ניט קיין באַזונדער לאַנד. צווישן די אַסימילאַטאָרן איז געווען איינער, מאָנטאַגו. ער האָט פאַרנומען אַ הויכן אַמט אין ענגלאַנד. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער ענגלישער רעגירונג.

מאָנטאַגו איז געקומען אויף אַ זיצונג פון די ענגלישע מיניסטאָרן און מיט זיינע רייד קעגן ציוניזם אַ סך שאָדן געבראַכט.

אָבער דאָס יידישע פאָלק איז געווען שטאַרקער פון די אַסימילאַטאָרן. די יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן געוואָלט ארץ ישראל פאַר אַ יידישער היים. די אַמעריקאַנער יידן און יידן פון אַנדערע לענדער האָבן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און תפילה געטאָן אין בתי מדרשים, אַז יידן זאָלן קריגן זייער אייגן לאַנד.

דעריבער האָט זיך די ענגלישע רעגירונג ניט צוגעהערט צו די רייד פון די אַסימילירטע יידן און זייערע עצות ניט אָנגענומען.

די באַלפור דעקלאַראַציע

דעם 2-טן נאָוועמבער, 1917, האָט די ענגלישע רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ דעקלאַראַציע וועגן ארץ ישראל.

„די ענגלישע רעגירונג באַוויליגט, אַז אין ארץ ישראל זאָל געגרינדעט ווערן אַ היים פאַרן יידישן פאָלק". אין נאָמען פון דער ענגלישער רעגירונג האָט די דעקלאַראַציע אונטערגעשריבן, לאָרד באַלפור. די דעקלאַראַציע רופט מען „די באַלפור דעקלאַראַציע".

איבער דער גאַרער וועלט האָבן יידן אויפגענומען די באַלפור דעקלאַראַציע מיט באַגייסטערונג און מיט דאַנקבאַרקייט צו ענגלאַנד. הונדערטער טויזנטער מענטשן האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, וואַרשע, פּאַריז, אָדעס, ווילנע און אַנדערע שטעט. מען האָט זיך געקושט אין די גאַסן, און זיך אָפּגעגעבן מזל טוב.

מיט באַזונדערער ליבשאַפט האָבן יידן דערמאָנט דעם נאָמען ד"ר ווייצמאַן. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז געווען זיין פאַרדינסט, וואָס ענגלאַנד האָט אַרויסגעגעבן די באַלפור דעקלאַראַציע.

דעמאָלט ווען די יידן פון דער גאַרער וועלט האָבן זיך געפרייט מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע, האָט די יידישע באַפעלקערונג פון ארץ ישראל איבערגעלעבט די ביטערסטע צייט. די טערקן האָבן געוואוסט פון דער באַלפור דעקלאַראַציע. זיי האָבן חושד געווען די יידן פון ארץ ישראל, אַז זיי זיינען ענגלישע שפּיאָנען. די טערקן האָבן אַרעסטירט אַ סך יידן און זיי פאַרשיקט קיין דמשק. דאָרט האָט מען זיי געפּייניקט, און עטלעכע און דרייסיק אַרעסטירטע זיינען געשטאָרבן פון מאַטערניש.

ד"ר ווייצמאַן קומט אין סאַן רעמאָ

ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָבן די פעלקער, וואָס האָבן געוואונען די מלחמה — ענגלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, אַמעריקע און איטאַליע געהאַט אַ קאָנפערענץ אין סאַן רעמאָ. אויף יענער קאָנפערענץ האָבן די אַלע רעגירונגען באַדאַרפט באַשטימען צי זיי זיינען מסכים אויף דער באַלפור דעקלאַראַציע. אין סאַן רעמאָ איז געקומען ד"ר ווייצמאַן מיט אַ ציוניסטישער דעלעגאַציע. מיט ציטער האָט די דעלעגאַציע געוואַרט אויף דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ. ד"ר ווייצמאַן האָט געהאַט באַגעגענישן מיט די ענגלישע שטאַטסלייט, לאָיד דזשאָרדזש און באַלפור, און זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן די באַלפור דעקלאַראַציע ניט לאָזן פאַלן.

סוף כל סוף האָבן אַלע רעגירונגען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ אין סאַן רעמאָ, געגעבן זייער הסכמה: ארץ

ישראל איז אַ יידישע היימלאַנד, אונטער דער שוץ פון דער ענגלישער רעגירונג.

ווען ד״ר ווייצמאַן איז פון סאַן רעמאָ געקומען קיין לאָנדאָן, האָבן אים די לאָנדאָנער יידן אויפגענומען מיט גרויס כבוד. מען האָט אים באַגעגנט ביי דער באַן מיט אַ ספר תורה אין די הענט.

ווען ער איז געקומען מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער קיין אַמעריקע, האָבן אים אויך די אַמעריקאַנער יידן אויפגענומען ווי אַ גרויסן יידישן מנהיג. זעקס שיפלעך זיינען אַרויסגעפאָרן צו באַגעגענען די שיף מיט וועלכער ד״ר ווייצמאַן איז אָנגעקומען. אויף דער גאַס ביי זיין האָטעל, האָבן זיך פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן און אים באַגריסט.

נישט איינמאָל איז נאָך אויסגעקומען ד״ר ווייצמאַנען צו טרעפן זיך מיט מלוכה מענער: ענגלישע, פראַנצויזישע, אַמעריקאַנער און אַפילו אַראַבישע אויף דערקלערן זיי, אַז יידן האָבן דאָס רעכט אויף דעם לאַנד פון זייערע אָבות, אויף ארץ ישראל.

ד״ר ווייצמאַן ווערט ערשטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל

ווען עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל, איז ד״ר ווייצמאַן אויסגעקליבן געוואָרן פאַר פּרעזידענט. מיט פאַרערונג האָט אים דאָס פאָלק געגעבן דעם העכסטן אַמט.

ד״ר ווייצמאַן האָט אַלע זיינע יאָרן געדינט דעם יידישן פאָלק און דעם ציוניזם, כדי יידן זאָלן קריגן ארץ ישראל. ער האָט זוכה געווען, אַז איבער זיין הויז אין רחובות זאָל פלאַטערן די פאָן פון ערשטן פּרעזידענט פון מדינת ישראל.

פיר יאָר איז דר. חיים ווייצמאַן געווען דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. ער איז געשטאָרבן דעם ניינטן נאָוועמבער, 1952. מען האָט אים באַהאַלטן אין רחובות. יידן איבער גאָר דער וועלט האָבן געטרויערט נאָך אים. מען דערמאָנט אים מיט ליבשאַפט, ווייל ער האָט ליב געהאַט זיין פאָלק, די יידן, מיט דער גאַנצער וואַרעמקייט פון זיין האַרץ, און דער יידישער חלום פון אומקערן זיך קיין ארץ ישראל איז געווען די זאָרג און די מי פון זיין לעבן.

יאָרן פון קריג און פּיין

טיף איז געווען דער גלויבן אין אונדזערע הערצער אַז די פאַרפאָלגונגען און די רציחות פון דער טערקישער מאַכט וועלן אַריבערגיין און מיר וועלן זיך מיט גאָטס הילף אומקערן צו אונדזערע שטעט און היימען.

דער גלויבן איז אונדז בייגעשטאַנען אַז מיר זאָלן קענען אַריבערטראָגן די יסורים און דעם אַנגסט וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין צייט פון דער מלחמה.

(מאיר דיזענגאָף)

ס׳האָט די צייט מיט איר פייל מיך געטראָפן,
און מיין לייב און מיין האַרץ דורכגעשטאָכן.
און מיין וואונד איז געפערלעך און טויטלעך,
און מיין גוף איז אין שטיקער צעבראָכן.

גאָט וועט ציון מיר נאָכאַמאָל וויזן
איינגעפאַסט אין ברילינאַנטן אָפּאַלן,
די צוויי ליכט — אליהו און משיח
זאָלן העל איבער מיר זיך צעשטראַלען.

(יהודה אברבנאל — יידיש: י. י. שווארץ)

אין 1914 האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מלחמה. אין דער מלחמה איז אַריין טערקיי אויף דער זייט פון די דייטשן. ארץ ישראל איז געווען דער פראָנט, וואו דאָס ענגלישע מיליטער האָט זיך געשלאָגן מיט די טערקן און אויך מיט די דייטשן.

צו די יידן האָט זיך די טערקישע מאַכט באַצויגן זייער שלעכט. די טערקן האָבן געזאָגט, אַז די יידן ווילן טערקיי זאָל פאַרשפּילן די מלחמה — דעמאָלט וועלן זיי מיט דער הילף פון ענגלאַנד גרינדן אַן אייגענע מדינה.

אין ארץ ישראל האָט זיך געפונען דער טערקישער גענעראַל דזשעמאַל פּאַשאַ מיט זיינע אַרמייען. די טערקישע זעלנער זיינען באַפאַלן די שטעט און די דערפער און צוגענומען ביי דער באַפעלקערונג אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט. מען האָט גענומען עסנוואַרג, קליידער, קי און פערד און אַפּילו זאַכן, וואָס די זעלנער האָבן ניט באַדאַרפט, האָבן זיי אויך אַוועקגעשלעפּט.

עס איז געוואָרן אַ מהומה אין לאַנד. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס עס וועט מיט אים מאָרגן זיין. די טערקישע זעלנער האָבן געכאַפּט אין גאַס מענטשן און זיי אַוועקגעשלעפּט אויף צוואַנגס־אַרבעט: גראָבן גריבער, שלעפּן משא׳עס, אויסגלייכן די וועגן און טאָן אַנדערע אַרבעט. אַז אַ מענטש איז אַרויס פון הויז, האָט מען ניט געוואוסט, צי ער וועט קומען צוריק. די טערקן האָבן געשלאָגן די מענטשן אין די צוואַנגס־לאַגערן, ניט געגעבן זיי גענוג עסן, געלאָזן אַרבעטן אונטער דער ברענענדיקער זון. ניט אַלע האָבן די יסורים געקענט אויסהאַלטן. מענטשן זיינען קראַנק געוואָרן, אַ סך זיינען געשטאָרבן פון הונגער און פון קראַנקהייטן.

אין תל אביב און אין אַנדערע יידישע ישובים האָבן די טערקן געמאַכט זוכונגען אין יידישע הייזער, מיטן תירוץ אַז זיי זוכן געווער. דער אמת איז אָבער, אַז זיי האָבן די הייזער באַרויבט. די זעלנער האָבן געזוכט אין די הויפן און אין די קעלערן. מען האָט אַרעסטירט

אומשולדיקע מענטשן. מען האָט זיי געשמידט אין קייטן און געשלעפּט אין תּפיסה. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען אין פּאַניק. דער קאָמאַנדיר פון יפו איז געווען כאַסאַן בעק. ער איז געווען אַ המן, האָט שטאַרק פיינט געהאַט יידן, און וואו עס האָט זיך באַוויזן כאַסאַן בעק, איז געווען אַן אומגליק.

דזשעמאַל פּאַשאַ שיקט אַרויס די יידן וואָס זיינען געווען פרעמדע בירגער

דזשעמאַל פּאַשאַ איז געזעסן אין ירושלים און האָט געטראַכט וואָס פאַראַ צרות מען קען אָנטאָן די יידן פון ארץ ישראל. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע איינוואוינער פון ארץ ישראל, וואָס זיינען נים קיין טערקישע בירגער, זאָלן באַלד פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

דער באַפעל איז געווען אַ גרויסער אומגליק פאַר די יידן. אַ סך פון זיי זיינען געווען רוסישע בירגער. ווען זיי אַלע וואָלטן אַוועקגעפאָרן, וואָלטן חרוב געוואָרן די שטעט, די קאָלאָניעס, און די אַרבעטער ישובים, וואָס זיינען געווען אויסגעבויט. די פירער פון די יידן אין ארץ ישראל האָבן זיך געווענדט צו דער יידישער באַפעלקערונג און געזאָגט צו זיי: פאַרלאָזט נים דאָס לאַנד. נעמט אָן די טערקישע בירגערשאַפט און בלייבט היטן אייערע ישובים און אייערע היימען. אַזוי האָט געזאָגט דער ראש הרבנים פון טערקיי, און דער פאָרזיצער פון שטאָט ראַט פון תל אביב, מ. דיזענגאָף, און איבערהויפּט די פירער פון די אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַז יידן זאָלן אָננעמען די טערקישע בירגערשאַפט.

אַ סך יידן האָבן אָנגענומען אָטאָמאַנישע בירגערשאַפט און נישט פאַרלאָזן ארץ ישראל. אָבער הונדערטער משפחות זיינען אַרויסגעפאָרן פון לאַנד.

אַ געיעג נאָך „פרעמדע" אויף די גאַסן פון יפו און תל־אביב

כאַסאַן בעק מיט זיינע זעלנער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף די גאַסן פון תל אביב און יפו. זיי האָבן אַרעסטירט יידן, און ווער ס'איז נישט געווען קיין אָטאָמאַנישער בירגער, האָט מען אים מיט ריטער

געיאָגט צום האַפן פון יפו. דאָרט האָט געוואַרט אויף זיי אַן איטאַ־ליענישע שיף אויף אַרויספירן זיי פון לאַנד. די זעלנער האָבן ביי די אַרעסטירטע צוגענומען זייער געלט, זייערע קליידער, מען האָט זיי געשלאָגן און געשליידערט אין שיף. אַ סך מענטשן זיינען פאַרוואונ־דעט געוואָרן, אַנדערע האָבן געחלשט פון ענגשאַפט און ווייטיקן. די טערקישע באַאַמטע האָבן צעשיידט משפחות, אָפּגעשיקט די על־טערן און איבערגעלאָזן די קינדער, אָדער פאַרקערט, אַוועקגעשיקט די קינדער און איבערגעלאָזן די עלטערן. עס זיינען געוועזן געוויינען ביזן הימל. דאָס איז געוועזן די שיף פון פיין פאַר די יידן אין ארץ ישראל.

די באַציאונג צו די יידן איז וואָס אַמאָל ערגער געוואָרן.

דזשעמאַל פּאַשאַ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידישע אויפשריפטן אויף קראָמען, שולן, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זאָלן אַראָפּגענומען ווערן, און אַנשטאָט זיי זאָל מען מאַכן טערקישע אויפשריפטן.

ער האָט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן די מאַרקעס פון קרן קימת. ביי וועמען מען וועט געפינען אַ קרן קימת מאַרקע, וועט קריגן טויט שטראָף. אַלע יידישע „שומרים" דאַרף מען אַראָפּנעמען פון זייער וואַך און אויף זייער אָרט אַוועקשטעלן אַראַבישע. ווער עס וועט ניט פאָלגן, וועט קריגן טויט־שטראָף. צו זיין אַ ציוניסט, איז פאַר דזשעמאַל פּאַשאַ געוועזן דער גרעסטער פאַרברעכן.

אין איין טרויעריקן טאָג האָט דזשעמאַל פּאַשאַ באַפוילן, אַז 32 יידן פון די אָנגעזעענסטע פון ישוב זאָלן קומען צו אים קיין ירושלים. צווישן די יידן זיינען געוועזן ד"ר א. רופּין, מ. דיזענגאָף, ישראל גלעדי און אַנדערע.

די יידישע באַפעלקערונג איז אויפגעציטערט געוואָרן. מען האָט זיך מיט זיי געזעגנט ווי מיט מענטשן, וואָס זיינען פאַרמשפּט צום טויט.

די טערקישע פּאָליציי האָט די פירער פון יידישן ישוב אין אַ פאַרשלאָסענעם וואַגאָן געבראַכט קיין ירושלים. לאַנגע שעה'ן האָט מען זיי געלאָזט וואַרטן, ביז דזשעמאַל פּאַשאַ איז אַריינגעקומען.

ער האָט זיי באַטראַכט, אַ פּאָר מאָל איז ער דורכגעגאַנגען לעבן זיי הין און צוריק און זיי אָנגעקוקט, ניט אויסגערעדט צו זיי קיין וואָרט. עס איז געווען אַ מאָדנער, פינצטערער שווייגן. דערנאָך האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט ביים ערשטן, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי און האָט אים געפרעגט אויף פראַנצויזיש: ווי איז אייער נאָמען?

— מאיר דיזענגאָף.

„אין צען טעג אַרום וועט מען אייך אַלעמען אַרויסשיקן אין אַנגאָראַ, אָדער אין סיאַס". אַלע האָבן געשוויגן.

דזשעמאַל פּאַשאַ איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע און האָט געוואַרט, קיינער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. ער איז געווען פאַרוואונדערט. ער האָט אַ זאָג געטאָן: „איר האָט פאַרשטאַנען?"

— מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען, אייער עקסעלענץ, האָט אים דיזענגאָף געענטפערט. זיין פאַרשיקט אין אַנגאָראַ אָדער סיאַס, איז געווען ווי פאַרשיקט זיין אויף אומקום. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט דערוואַרט מען זאָל אים בעטן רחמים, ער האָט געוואַרט מען זאָל אים עפּעס זאָגן. אַלע האָבן געשוויגן. דזשעמאַל פּאַשאַ איז אַ פאַרוואונדערטער אַרויס פון צימער. די יידישע מנהיגים זיינען באַפרייט געוואָרן. דאָס איז נאָך ניט געווען זייער לעצטע באַגעגעניש מיט דזשעמאַל פּאַשאַ.

די אַרבעטסלאָזיקייט אין ארץ ישראל אין צייט פון דער מלחמה

אין דער צייט פון דער מלחמה איז געזעסן אַ יידישער קאָלאָניסט אין פּתח-תקוה זייער אַ טרויעריקער. אַרום אים זיינען געשטאַנען קאַסטנס מיט פּאָמעראַנצן פון זיין פּרדס, שיינע רויטע פּאָמעראַנצן. פאַראַיאָרן האָט מען זיינע קעסטלעך פּאָמעראַנצן אָפּגעשיקט אין אויסלאַנד, ער האָט געקראָגן געלט און מען האָט אים געלויבט, אַז ער איז אַ גוטער קאָלאָניסט. איצט ווייס ער ניט וואָס צו טאָן מיט זיינע פּאָמעראַנצן, און מיט זיין פּרדס. קיין האַנדלס שיפן גייען ניט. ער האָט געוואָלט אָוועקפירן די קעסטלעך קיין יפו, אָדער קיין חיפה, פאַרקויפן אויפן מאַרק, אָפּגעבן פאַר ביליק, אַבי זיי זאָלן ניט ליגן פאַר די אויגן, האָט ער ניט קיין פערד און קיין וואָגן. די טערקישע

זעלנער זיינען געקומען ווי הײשעריקן, און צוגענומען די געשפּאַנען פון זיין הויף.

פאַרנאַכט האָבן זיך אויפגעקליבן די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אים אין פּרדס, און געוואַרט, אַז ער זאָל זיי באַצאָלן פאַרן טאָג אַרבעט. — וואָס וואַרט איר? האָט ער זיי געפרעגט. — איר זעט דאָך די קאַסטנס מיט די פּאָמעראַנצן שטייען, קיינער קויפט זיי ניט, קיין שיפן גייען ניט און אַלע וועגן זיינען פאַרצאַמט פון טערקישן מיליטער. ער האָט געזאָגט צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן ניט קומען מאָרגן צו דער אַרבעט. זיינען די אַרבעטער געבליבן אָן אַרבעט. פּונקט אַזוי ווי ס'איז געווען ביי דעם קאָלאָניסט אין פּתח-תקוה, האָט געטראָפן אויך ביי אַלע אַנדערע קאָלאָניסטן אין אַלע ישובים. אין לאַנד איז געוואָרן אַן אַרבעטסלאָזיקייט. הונגעריקע און באָרוועסע זיינען אַרומגעגאַנגען די אַרבעטער. אַ סך זיינען קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע, שוואַך געוואָרן פון הונגער.

עס האָבן זיך אָרגאַניזירט אַרבעטער קאָמיטעטן אויף העלפן די אַרבעטסלאָזע.

דזשעמאַל פּאַשאַ טרייבט אַרויס די יידן פון יפו און תל־אביב

דזשעמאַל פּאַשאַ האָט צוגעטראַכט נאָך אַ מאַטערניש פאַר די יידן אין ארץ ישראל. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע איינוואוינער פון תל-אביב און יפו זאָלן פאַרלאָזן זייערע היימען און גיין וואו די אויגן טראָגן זיי. די פאָרשטייער פון תל-אביב האָבן זיך געווענדט צו דזשעמאַל פּאַשאַ ער זאָל געבן באַנען אויף אַרויספירן די באַפעלקערונג. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט געענטפערט: זאָלן זיי גיין צופוס.

האָבן די יידן פון תל-אביב אַוועקגעשיקט אַ רייטער צו די יידישע ישובים אין גליל און זיי אָנגעזאָגט וועגן דעם אומגליק.

תיכף האָט מען פון גליל אַרויסגעשיקט וועגענער און מענטשן. פון די קבוצות כנרת און דגניה איז געקומען יוסף בוסעל אויף העלפן אַריבערפירן די אַרויסגעטריבענע יידן. פאַר דער גאַנצער באַפעל-קערונג זיינען קיין וועגענער ניט געווען. הונדערטער מענטשן האָבן

זיך געשלעפּט צופוס מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס. מען האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד לעבן די באַן־סטאַנציעס און געוואַרט, אפשר וועט מען קריגן אַן אָרט אין אַ באַן. די באַנען זיינען געווען איבערפולט מיט טערקישע זעלנער און אָפיצערן. פאַר „באַקשיש" האָט זיך איינעם אַמאָל איינגעגעבן אַריין אין אַ באַן, אָבער ניט אַלע האָבן געהאַט געלט אויף געבן די טערקן „באַקשיש".

מענטשן זיינען קראַנק געוואָרן אויפן וועג. קיין דאָקטאָר איז ניט געווען, קיין שפּיטאָל איז ניט געווען. עס איז אַפילו ניט געווען קיין ביסל וואַסער אויף שטילן דעם דאָרשט.

אויסגעמאַטערטע און דערשלאָגענע האָבן זיך די אַרויסגעטרי־בענע וואָגלער דערשלעפּט קיין פּתח־תקוה; אַנדערע קיין כפר סבא און אין די איבעריקע ישובים.

פּתח־תקוה, די מוטער פון די יידישע קאָלאָניעס נעמט אויף די אַרויסגעטריבענע יידן

ערב פּסח צום סדר זיינען אַ סך אַרויסגעטריבענע יידן פון תל־אביב און יפו אָנגעקומען קיין פּתח־תקוה. קיין דירות זיינען פאַר אַלעמען ניט געווען. מען האָט צעשטעלט געצעלטן. אַנדערע זיינען געבליבן אונטערן פרייען הימל.

די אַרבעטער פון פּתח־תקוה האָבן אין דער אַרבעטער קיך גע־מאַכט אַ סדר פאַר אַלע אַרבעטער פון פּתח־תקוה. די צייט איז געווען אַ שווערע, אָבער אַלע אַרבעטער האָבן זיך געפילט ווי איין גרויסע משפּחה. זיי האָבן געאַרבעט צוזאַמען, זיי האָבן געהונגערט צוזאַמען, זיי האָבן צוזאַמען געזונגען און געטאַנצט די „האָרא", און צוזאַמען געהאָפט אויף ליכטיקע טעג. אברהם הארצפעלד, אַ מיטגליד פון צענטראַלן קאָמיטעט פאַר ערד אַרבעטער, און עליזה שידלאָווסקי, וואָס האָט דעמאָלט אָרגאַניזירט די אַרבעטער קיך אין פּתח־תקוה, דערציילן, אַז קיין שענערן סדר ווי דעמאָלט האָבן זיי קיינמאָל ניט געזען. נישט מיט וויין און נישט מיט עסנוואַרג איז דער סדר געווען שיין, נאָר מיט דער חברשאַפט פון מענטשן.

די יידן אין אַמעריקע שיקן הילף צו די יידן אין ארץ ישראל

די יידן פון אַמעריקע זיינען אויפגעציטערט געוואָרן, ווען זיי האָבן דערהערט וועגן די ליידן פון די יידן אין ארץ ישראל. זיי האָבן אַרויסגעשיקט אַ שיף מיט מעל אויף שפּייזן די הונגעריקע באַפעלקע־רונג. זיי האָבן געשיקט געלט צום אַמעריקאַנער קאָנסול אין ירושלים, און דער קאָנסול צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט פון יידן האָט דאָס געלט צעטיילט פאַר פאַרשיידענע זאַכן: אויף קויפן שפּייז, אויף העלפן קראַנקע, אויף באַזאָרגן די קינדער וואָס זיינען געבליבן יתומים.

אברהם האַרצפעלד ברענגט אַ קאַראַוואַן קעמלען מיט מעל קיין פּתח־תקוה

די לאַגע פון די אַרבעטער אין פּתח־תקוה איז געוועזן זייער שווער. קיין אַרבעט איז ניט געווען און קיין געלט איז ניט געווען. אַ סך פון זיי האָבן געהונגערט.

אברהם האַרצפעלד האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זיי העלפן. אַרויס־פאָרן פון פּתח־תקוה האָט מען ניט געטאָרט אָן אַ דערלויבעניש פון דער טערקישער מאַכט און קריגן אַ דערלויבעניש פון די טערקן איז געווען שווער. אברהם האַרצפעלד האָט זיך ניט געשראָקן און איז צופוס אַוועק אָן אַ דערלויבעניש קיין ירושלים.

ער האָט זיך געדאַרפט באַהאַלטן פון די טערקן, זיי זאָלן אים ניט כאַפּן. נאָך אַ סך צרות און שוועריקייטן, איז ער אָנגעקומען קיין ירושלים. דאָרט איז ער אַוועק צום הילפס־קאָמיטעט און האָט דערציילט וועגן דעם הונגער צווישן די אַרבעטער אין פּתח־תקוה. אברהם האַרצפעלד איז געווען אַ באַקאַנטער אַרבעטער פירער, און צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט. ער האָט באַקומען מעל פון דעם ירושלים׳ער קאָמיטעט. די זעק מיט מעל האָט מען אָנגעלאָדן אויף קעמלען און גרויס איז געווען די שמחה אין פּתח־תקוה, ווען אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען האָט געבראַכט מעל פאַר די הונגעריקע.

אברהם האַרצפעלד איז ביזן היינטיקן טאָג איינער פון די גרויסע אַרבעטער פירער אין ארץ ישראל, און איז זייער באַליבט אין לאַנד. וועגן זיין געטריישאַפט דערציילט מען אַ סך מעשות, און אויך די

מעשה וועגן דעם קאַראַוואַן קעמלען מיט מעל פאַר די אַרבעטער פון פתח־תקוה.

די אַרבעטער פון ארץ ישראל האָבן מיט דער הילף פון די אַמע־ריקאַנער פועלי ציון געגרינדעט אַן אַרבעטער־פאָנד. דער אַרבעטער־פאָנד האָט באַזאָרגט די אַרבעטסלאָזע מיט באַשעפטיקונג.

יוסף בוסעל, איינער פון די אַרבעטער פירער אין ארץ ישראל, וואָס איז געווען אַ חבר פון דגניה, האָט גאָר אַ סך געאַרבעט פאַר די היימלאָזע קינדער, וואָס האָבן ניט געהאַט ווער עס זאָל זיי באַזאָרגן.

ער האָט געגרינדעט צוויי קינדער־היימען אין גליל. דאָרט האָבן די קינדער געקראָגן ברויט און טיי און זופּ, און אַן אָרט צום שלאָפן. חברות זיינען געווען מיט זיי, געלערנט און געשפּילט זיך מיט זיי. איינ־מאָל זיינען אַלע קינדער פון אַ קינדער־היים געקומען צו גאַסט אין כנרת. דאָרט האָט מען זיי געגעבן ברויט מיט האָניק. דאָס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב פאַר די קינדער און זיי זיינען צוריקגעפאָרן מיט געזאַנג.

אין יענע ביטערע צייטן איז געווען אַ גרויסע טרייסט פאַר די יידן פון ארץ ישראל: זיי האָבן איינע די אַנדערע געהאָלפן, כדי צו־זאַמען איבערקומען דעם הונגער, און די פאַרפאָלגונגען פון דער טער־קישער רעגירונג.

דער יידישער לעגיאָן

אַן אָפּטיילונג פון יידישן לעגיאָן לעבן ירושלים

מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט טיטוס אַרויסגעשלאָגן די פאָן פון אונדזערע הענט — איצט האָבן מיר די יידישע פאָן צוריק אויפגעהויבן.

(פון אַ רעדע פון דר. חיים ווייצמאַן)

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע, אין מצרים, געפונען אַרום צען טויזנט יידן, וואָס דער טערקישער הערשער דזשעמאַל פּאַשאַ האָט אַרויסגעטריבן פון יפו, תל־אביב און אַנדערע ערטער. זיי האָבן געוואוינט אין לאַגערן, אָפּגעריסן פון זייערע היימען אין ארץ ישראל. צווישן די אַרויסגעטריבענע יידן זיינען געווען אַ סך יונגע לייט, אַרבעטער און שומרים. צווישן זיי איז אויך געווען יוסף טרומפּעלדאָר.

אַלעקסאַנדריע איז געווען פול מיט ענגלישן מיליטער. די יידישע יונגעלייט האָבן געפילט, אַז זיי דאַרפן העלפן באַפרייען ארץ ישראל פון טערקישן יאָך, זיי דאַרפן גיין מיט די ענגלענדער אין דער מלחמה אַנטקעגן די טערקן.

אין אַלעקסאַנדריע איז דעמאָלט געווען זאב (וולאַדימיר) זשאַבאָטינסקי. ער איז געווען אַ באַרימטער ציוניסטישער פירער און זשורנאַליסט פון רוסלאַנד.

זשאַבאָטינסקי האָט געטראַכט, אַז עס איז געקומען די צייט, אַז יידן זאָלן אָרגאַניזירן אַן אייגענעם יידישן לעגיאָן, און די באַפרייער פון ארץ ישראל זאָלן זיין יידן. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיט יוסף טרומפּעלדאָר און זיי ביידע האָבן גענומען אויף זיך צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן.

צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די „שומרים" און אַרבעטער פון ארץ ישראל, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַלעקסאַנדריע. זיי זיינען געווען גרייט צו נעמען די ביקס און גיין צום ישראלדיקן פראָנט. אָבער אויף דעם האָט מען געדאַרפט האָבן די דערלויבעניש פון דער ענגלישער מאַכט.

זיי האָבן זיך געווענדט צו דעם ענגלישן גענעראַל מאַקסוועל. ער האָט זיי אָנגעקוקט: יידן ווילן האָבן אַן אייגענעם לעגיאָן? ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט ניט דאָס רעכט אַזאַ לעגיאָן צו באַשטימען.

זשאַבאָטינסקי און טרומפּעלדאָר האָבן געהאַט לאַנגע שמועסן מיט די אָפיצירן פון דער ענגלישער קאָמאַנדע. צום סוף האָט מען די יידן דערלויבט צו אָרגאַניזירן אַ לעגיאָן פון מויל-אייזלען טרייבער. די מויל-אייזלען טרייבער דאַרפן ברענגען וואַסער, שפּייז און געווער צו די זעלנער אויפן פראָנט. זשאַבאָטינסקי איז געווען ניט צופרידן, וואָס די יידן דאַרפן גראָד זיין די מויל-אייזלען טרייבער און ניט קיין געוויינלעכע זעלנער. ער האָט ניט געוואָלט צושטיין צו דעם לעגיאָן. יוסף טרומפּעלדאָר האָט געזאָגט, אַז אין אַ מלחמה איז יעדע אַרבעט וויכטיק. ברענגען געווער איז וויכטיק. ברענגען שפּייז און וואַסער איז אויך ניט קיין קליינִיקייט. אָן דעם קען מען די מלחמה ניט פירן. און ער איז געבליבן מיט דעם לעגיאָן פון די מויל-אייזלען טרייבער.

צווישן די הונדערטער יידישע יונגעלייט וואָס זיינען געקומען זיך פאַרשרייבן אין דעם לעגיאָן, זיינען געווען אויך יידישע בחורים געבאָרן אין אַלעקסאַנדריע און אַנדערע שטעט אין מצרים.

דער גאָלדענער מגן-דוד

דער יידישער לעגיאָן פון די מויל-אייזלען טרייבער האָט איבערן לאַגער אויפגעהויבן די יידישע פאָן מיט אַ גאָלדענעם מגן-דוד. עס איז געווען אַ גרויסע געשעעניש. דאָס איז געווען אַן אָנזאָג פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט. אַ גרויסער אָנהויב. די לעגיאָנערן זיינען געווען שטאָלץ און גליקלעך. זיי האָבן געהאָפט, אַז מען וועט זיי שיקן אויפן ארץ-ישראלדיקן פראָנט, און זיי וועלן זיין זעלנער אויף זייער אייגענער ערד.

די ערשטע האָפענונג פאַרגייט

איינמאָל האָבן זיי געקראָגן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן גרייט זיין אָפּצושווימען. זיי האָבן זיך צוגעגרייט צום וועג. מען האָט די לעגיאָנערן און די מויל-אייזלען, וואָס האָבן געהערט צו זייער אָפּטיילונג, אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און די שיף איז אָפּגעשוואומען. עס זיינען געווען אַרום 500 לעגיאָנערן. ביינאַכט זיינען זיי פאַרביי-

געשוואומען לעבן אַ ברעג און די לעגיאָנערן האָבן זיך דערפרייט: זיי האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען ביי די ברעגן פון ארץ ישראל. אָט וועלן זיי זיך אָפּשטעלן, אָט וועלן זיי אַראָפּגיין אויף אייגענער ערד. אָבער די שיף איז געשוואומען ווייטער. די נאַכט איז אַריבער. זיי זיינען אָנגעקומען צו אַ ווילדן האַלב-אינזל, גאַליפּאָלי, לעבן די דאַר־דאַנעלן. דאָרט האָבן זיך די ענגלענדער געשלאָגן מיט אַ טערקישער אַרמיי, און דאָרט האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט. דאָס איז געווען דאָס אָרט וואו דער יידישער לעגיאָן האָט געדאַרפט בלייבן. נישט אין ארץ ישראל, נאָר ווייט אין דער פרעמד. די לעגיאָנערן זיינען געווען טרויעריק און אַנטוישט.

יוסף טרומפּעלדאָר איז געווען דער איינציקער וואָס האָט ניט פאַרלאָרן דעם מוט. ער האָט געטרייסט די לעגיאָנערן. זייער אַרבעט וועט ניט זיין אומזיסט. אַז מען וועט צעשלאָגן דעם שונא אויף די פראָנטן וועט ארץ ישראל סיי ווי באַפרייט ווערן, און דער גוטער נאָמען פון יידישן לעגיאָן וועט זיין אַ כבוד פאַרן יידישן פאָלק. און טרומפּעלדאָר האָט געפאָדערט פון די לעגיאָנערן, זיי זאָלן זיין גוטע זעלנער: דיסציפּלינירט, ריין, ערלעך. דער יידישער לעגיאָן זאָל זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע לעגיאָנען.

קאָלאָנעל פּעטערסאָן, דער קאָמאַנדיר פון דעם יידישן לעגיאָן אין גאַליפּאָלי

דער קאָמאַנדיר פון יידישן לעגיאָן פון די מויל-אייזלען-טרייבער איז געווען אַן ענגלענדער, קאָלאָנעל פּעטערסאָן. ער האָט קיין יידן פריער ניט געקענט, נאָר ער האָט ליב געהאַט לייענען די ביבל. אָפּטמאָל פלעגט ער זיצן אַ גאַנצע נאַכט איבער דער ביבל. ער האָט געוואוסט, אַז ארץ ישראל איז אַמאָל געווען דאָס יידישע לאַנד. זיינע יידישע לעגיאָנערן, די ארץ ישראל׳דיקע בחורים, האָט ער ליב געהאַט און האָט מיט זיי אָפט געשמועסט.

די לעגיאָנערן האָבן אים אויך ליב געהאַט, זיי האָבן געפילט, אַז ער איז זייערער אַ פריינט, אַ פריינט פון יידן.

דער צווייטער קאָמאַנדיר פון דעם לעגיאָן, אונטער פּעטערסאָנען, איז געווען יוסף טרומפּעלדאָר. טרומפּעלדאָר איז געווען שטרענג צו די לעגיאָנערן. ער האָט פון זיי געפאָדערט אַ סך אַרבעט און העל־דישקייט. אָבער ער האָט זיי ליב געהאַט ווי אַ ברודער. אַז ער האָט באַשטראָפט אַ לעגיאָנער, איז ער דערנאָך צוגעקומען צום באַ־שטראָפטן און האָט אים דערקלערט, אַז נישט צוליב שלעכטקייט האָט ער דאָס געטאָן, נאָר ער וויל, אַז דער יידישער לעגיאָנער זאָל זיין דער בעסטער זעלנער. דער יידישער לעגיאָנער דאַרף זיין אַן אויסגעצייכנטער.

די יידישע מויל־אייזל־טרייבער האָבן אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם ענגלישן פראָנט אין גאַליפּאָלי. די יידישע לעגיאָנערן זיינען שטענדיק געווען גרייט צו דער שווערסטער און געפערלעכסטער אַרבעט. עס האָט פּאַסירט, אַז ווען די לעגיאָנערן האָבן געבראַכט וואַסער צום פראָנט און זיי האָבן געזען אַז זייער הילף איז נויטיק, האָבן זיי גענומען ביקסן אין די הענט און געגאַנגען אין די שוץ־גראָבנס העלפן די זעלנער אין שלאַכט.

דער העלד פון אַלט ירושלים

ווען דער לעגיאָן האָט זיך געשאַפן אין אַלעקסאַנדריע איז צו טרומפּעלדאָרן געקומען אַ ייד פון אַלט ירושלים. ער האָט געבראַכט זיין זון פאַרשרייבן אין יידישן לעגיאָן. זיין נאָמען איז געווען ווערטהיימער. ער האָט געזאָגט צו טרומפּעלדאָרן: איך בין אַ פרומער ייד פון אַלט ירושלים. איך האָב געלעבט פון „חלוקה”, דאָס הייסט פון נדבות, וואָס די יידן פון דער וועלט האָבן געשיקט פאַר די פרומע יידן פון ירושלים. איר מיינט דאָך, אַז נאָר די חלוצים האָבן ליב ארץ ישראל, און מיר די חלוקה־יידן ווילן נאָר נעמען געלט. איך האָב געבראַכט מיין זון אין יידישן לעגיאָן, ער זאָל גיין אין נאָמען פון גאָט באַפרייען ארץ ישראל. ער איז גרייט צו פאַרגיסן זיין בלוט אויב עס וועט נויטיק זיין.

דער יונגער ווערטהיימער איז געבליבן אין לעגיאָן. ער איז אַרומגעגאַנגען שטיל, פאַרטראַכט און איז געווען אַ גוטער לעגיאָנער.

געטאָן אַלץ וואָס מען האָט אים געהייסן. איינמאָל, אין גאַליפּאָלי, איז ער געקומען צו טרומפּעלדאָרן און האָט אים געזאָגט: איך האָב מורא...

טרומפּעלדאָר האָט אים געענטפערט, אַז אַ לעגיאָנער דאַרף ניט מורא האָבן. ער האָט געמיינט, אַז ווערטהיימער האָט מורא פאַרן טויט. דעמאָלט האָט אים ווערטהיימער געזאָגט: איך האָב ניט מורא פאַרן טויט, נאָר עס באַפאַלט מיך אַ פּחד, טאָמער וועל איך ניט קענען ביישטיין אַ נסיון און מיין אויפפירונג וועט ניט זיין קיין כבוד פאַרן יידישן לעגיאָן. טרומפּעלדאָר האָט אים בארואיקט און אָפּגע־שיקט אין זיין געצעלט.

איינמאָל האָט דער קאָמאַנדיר געמאָלדן, אַז מען דאַרף גלייך צו־פירן געווער צו די זעלנער אויפן פראָנט. צוויי מויל־אייזלען זיינען געשטאַנען אָנגעלאָדן מיט געווער און מען האָט זיי געדאַרפט טרייבן צו די שוץ־גראָבנס. דאָס איז געווען אַ געפערלעכע אַרבעט. די טערקען האָבן באַשאָסן דעם וועג. קוילן זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן. דער קאָמאַנדיר האָט אויסגעשטעלט די זעלנער און געפרעגט, צי איז דאָ אַ פרייוויליקער וואָס וויל גיין. עס זיינען געשטאַנען זעל־נער, אויסטראַליער, הינדוסן און די יידישע לעגיאָנערן. קיינער האָט ניט געענטפערט. דער קאָמאַנדיר האָט געקוקט אויף די זעלנער. עס איז געווען אַ טויטע שטילקייט. דעמאָלט איז פון די הינטערשטע רייען אַרויס ווערטהיימער און האָט געזאָגט: איך וועל גיין.

ער האָט רואיק געטריבן די צעשראָקענע מויל־אייזלען צו די שוץ־גראָבנס. די קוילן זיינען געפלויגן איבער אים, נאָר ער האָט זיי ווי גאָרניט געזען. ווען ער איז שוין געווען סאַמע לעבן די שוץ־גראָבנס האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און איז געפאַלן. צענדליקער הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צו אים. ער האָט געבראַכט דאָס געווער צום פראָנט. מען האָט אים אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט: איצט ווייס איך ניט פון קיין פּחד.

וועגן דער העלדישקייט פון דעם יידישן לעגיאָנער ווערטהיימער האָט מען גערעדט אין אַלע מיליטערישע אָפּטיילונגען און ער האָט פאַרשאַפט כבוד דעם נאָמען פון דעם יידישן לעגיאָנער.

זיין פאָטער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו טרומפּעלדאָרן. ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים אָפּשיקן זיין זונס תפילין.

קאָלאָנעל פּעטערסאָן איז געווען באַגייסטערט פאַר זיינע יידישע לעגיאָנערן. ער האָט געשריבן זייער גוטע באַריכטן וועגן זיי צום גענעראַל פון דער הויפּט-קוואַרטיר. ער האָט נאָך דער מלחמה אָנגעשריבן אַ בוך וועגן דעם יידישן לעגיאָן, און אין איין אָרט שרייבט ער, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַזעלכע העלדישע זעלנער.

דער לעגיאָן פון די מויל-אייזל-טרייבער ווערט פאַנאַנדערגעלאָזט

ביז אַ יאָר צייט איז דער יידישער לעגיאָן געווען אין גאַליפּאָלי. די ענגלישע מיליטערישע אָנפירונג האָט באַשלאָסן דעם יידישן לעגיאָן פאַנאַנדערלאָזן, ווען דאָס ענגלישע מיליטער האָט זיך געמוזט צוריקציען פון גאַליפּאָלי.

פיר קברים פון די יידישע לעגיאָנערן זיינען געבליבן אין גאַליפּאָלי.

טרויעריק און פייערלעך איז דער יידישער לעגיאָן פאַרן אוועקפאָרן געגאַנגען אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע חברים. עס איז געווען ביינאַכט. אונטער דער שיין פון דער לבנה האָבן זיי זיך אַרומגעשטעלט אַרום די קברים און געזאָגט קדיש.

די לעגיאָנערן האָט מען צוריקגעשיקט אין אַלעקסאַנדריע און דאָרט זיי באַפרייט פון דער אַרמיי.

די „גאַליפּאָלער" יידישע מויל-אייזל-טרייבער האָבן געלאָזן נאָך זיך אַ שם פון העלדישקייט. אין צוויי יאָר אַרום האָט זשאַבאָטינסקי געשאַפן אין ענגלאַנד אַ יידישן לעגיאָן.

דער יידישער לעגיאָן אין ענגלאַנד

אין לאָנדאָן איז דאָ אַ יידישע געגנט, וואָס רופט זיך „ווייטשעפּל". אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה האָבן אין ווייטשעפּל

זיך געפונען אַ סך רוסישע יידן. זיי זיינען אַוועק פון רוסלאַנד, כדי פּטור ווערן פון רוסישן „צאַר" און פּטור ווערן פון די צרות וואָס ער האָט אָנגעטאָן די יידן. אין ווייטשעפּל האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, שוסטעריי און אַנדערע מלאכות.

צו די יידן אין ווייטשעפּל איז געקומען זשאַבאָטינסקי, וואָס ער איז אַליין געווען אַ רוסישער ייד, און ער האָט זיי געזאָגט: זיבן הונדערט טויזנט יידישע זעלנער שלאָגן זיך אויף אַלע פראָנטן, אָבער קיין יידישע אַרמיי איז נישטאָ. די יידן פון רוסלאַנד זיינען רוסישע זעלנער. די יידן פון פראַנקרייך זיינען פראַנצויזישע זעלנער. די יידן פון איטאַליע זיינען איטאַליענישע זעלנער. די יידן פון דייטש־לאַנד זיינען דייטשישע זעלנער — און אַזוי כסדר. צווישן די יידישע זעלנער זיינען דאָ העלדן, יידישע זעלנער פאַלן אויף די פראָנטן, אָבער קיינער ווייס ניט וועגן זיי. ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן וועלן די יידן קיין שום לוין ניט באַקומען פאַר זייערע קרבנות. עס איז איצט די צייט אַז יידן זאָלן שאַפן אַן אייגענעם יידישן לעגיאָן. ענג־לאַנד איז פריינדלעך צו יידן, און ענגלאַנד וועט דאָס דערלויבן. מענטשן האָבן געלאַכט פון זשאַבאָטינסקין: ער וויל פון די שניידערס פון „ווייטשעפּל" מאַכן אַ יידישע אַרמיי.

זשאַבאָטינסקי האָט זיך ניט צוגעהערט צו די שפּאָטערייען. ער האָט כסדר אויף פאַרזאַמלונגען גערופן די יידישע באַפעלקערונג פון ענגלאַנד און איבערהויפּט די רוסישע יידן פון ווייטשעפּל, אַז זיי זאָלן ניט היטן זייער נאָדל, נאָר דעם כבוד פון יידישן פאָלק, און גרינדן אַ יידישן לעגיאָן. זשאַבאָטינסקי איז געווען זייער אַ גוטער רעדנער. טויזנטער מענטשן זיינען געקומען אים הערן און ער האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיי.

זשאַבאָטינסקי האָט געקראָגן אָנהענגער. ד"ר וויצמאַן האָט אים געשטיצט. דער אַלטער באַראָן ראָטשילד האָט אויך פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון אַ יידישן לעגיאָן און האָט צוגעזאָגט זיין הילף.

אין ענגלאַנד איז געקומען יוסף טרומפּעלדאָר. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי דער לעגיאָן פון די מויל־אייזלען־טרייבער אין גאַליפּאָלי איז פאַרנאַנדערגעלאָזט געוואָרן. יוסף טרומפּעלדאָר איז צוגעשטאַנען

צו זשאַבאָטינסקין. דער יידישער לעגיאָן האָט זיך אָנגעהויבן אָר־גאַניזירן.

זשאַבאָטינסקי און טרומפּעלדאָר קומען צום ענגלישן קריגס־מיניסטער

די ענגלישע רעגירונג האָט געוואוסט, אַז זשאַבאָטינסקי און זיינע חברים ווילן אָרגאַניזירן אַ יידישן לעגיאָן. צווישן די מיטגלידער פון דער ענגלישער רעגירונג זיינען געווען איניקע וואָס האָבן געזאָגט: צוליב וואָס דאַרפן יידן אַן אייגענעם לעגיאָן? דער וואָס וויל, זאָל ער זיך פרייוויליק אָנשליסן אָן דער ענגלישער אַרמיי. די אַסימילירטע יידן פון ענגלאַנד האָבן „צוגעלייגט אַ קנייטל": מיר דאַרפן ניט קיין יידישן לעגיאָן, מיר ווילן זיין ענגלישע זעלנער, גלייך ווי אַלע ענג־לענדער.

זשאַבאָטינסקי און טרומפּעלדאָר האָבן זיך באַמיט, אַז דער ענג־לישער קריגס־מיניסטער זאָל זיי אויפנעמען און זיי דערלויבן צו שאַפן אַ יידישן לעגיאָן.

דער קריגס־מיניסטער האָט זיי געשטעלט אַ פראַגע: — איר וועט האָבן אַ סך זעלנער אין יידישן לעגיאָן? טרומפּעלדאָר האָט אים געענטפערט קורץ און גוט: אויב דער לעגיאָן וועט זיין פון בלויז יידן — וועלן זיין אַ סך זעלנער. אויב מען וועט דעם לעגיאָן שיקן אויפן ארץ ישראל'דיקן פראָנט — וועלן זיין נאָך מער זעלנער.

עס איז געשאַפן געוואָרן דער יידישער לעגיאָן, און קאָלאָנעל פּעטערסאָן, דער אַלטער גוטער פריינט פון יידישע לעגיאָנערן, איז באַשטימט געוואָרן פאַרן קאָמאַנדיר.

די לעגיאָנערן האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל דעם לעגיאָן רופן: „דער יידישער לעגיאָן". דאָס איז נישט דערפילט געוואָרן. מען האָט דעם לעגיאָן אַ נאָמען געגעבן „דער 38־טער קעניגלעכער ביקסן שיסער לעגיאָן". אָבער סיווי האָבן אים אַלע גערופן — „דער יידישער לעגיאָן".

דער יידישער לעגיאָן וואַקסט

אין דער זעלבער צייט, וואָס עס האָט זיך אָרגאַניזירט דער לעגיאָן איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די באַלפור דעקלאַראַציע: ארץ ישראל

וועט זיין אַ היים פאַרן יידישן פאָלק. דער יידישער לעגיאָן האָט געקראָגן נייע פליגל, נייע האָפענונגען.

אין לאָנדאָן איז געשאַפן געוואָרן אַ „רעגיסטראַציע ביוראָ" פאַרן יידישן לעגיאָן. דאָרט זיינען געזעסן צוויי אַלטע „גאַליפּאָלער" און האָבן אָנגעפירט מיט דער רעגיסטראַציע. עס זיינען געקומען הונדערטער יונגע לייט זיך רעגיסטרירן. עס זיינען געווען פאַלן, אַז יידישע זעלנער וואָס האָבן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי, האָבן געבעטן מען זאָל זיי אַריבערפירן אין יידישן לעגיאָן. די צאָל לעגיאָנערן איז געוואַקסן. מען האָט שוין מער ניט געלאַכט פון די „שניידער פון ווייטשעפּל".

עס קומען אָן געוועזענע „גאַליפּאָלער" פון אַלעקסאַנדריע

ביי 200 געוועזענע מויל-אייזלען-טרייבער זיינען צוגעשטאַנען צום נייעם יידישן לעגיאָן.

מיט סכנות נפשות זיינען זיי געקומען פון אַלעקסאַנדריע קיין לאָנדאָן. די שיף וואו זיי זיינען געפאָרן איז געשעדיקט געוואָרן פון אַ סאַבמאַרין. זי האָט אָנגעהויבן זינקען. מיט שוועריקייטן האָט זיך די שיף דערשלעפּט צו אַ וויסטן ברעג. דאָרט האָבן זיי געהאַט ווייניק שפּייז. זיי האָבן געוואַרט צוויי וואָכן ביז אַן אַנדער שיף איז צוגעקומען און האָט זיי אַרויפגענומען. מיט פרייד האָט מען זיי אויפגענומען אין יידישן לעגיאָן אין לאָנדאָן.

דער גרויסער פּאַראַד אין לאָנדאָן

צום אָפּפאָרן פון לעגיאָן צום ארץ ישראל'דיקן פראָנט, האָט מען איינגעאָרדנט אַ גרויסן פּאַראַד. צום ערשטן מאָל האָט מען געזען אין לאָנדאָן טראָגן איבער די גאַסן אַ יידישע פאָן. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. מען איז געשטאַנען אויף די באַלקאָנען — מען האָט געגאַפט: אַ יידישע אַרמיי. דעם לעגיאָן האָט מען אויפגענומען אין שטאָט-ראַט. די שטאָט פּלימוט, וואו דער לעגיאָן האָט דורכגעפירט זיינע מיליטערישע איבונגען, האָט צוגעשיקט דעם

לעגיאָן אַ ספר־תורה. אין דער יידישער געגנט איז געווען אַ שטורעם פון פרייד און באַגייסטערונג. די ענגלישע זעלנער האָבן זיך געוואונדערט: וואָס איז די שמחה, אַז מען פאָרט אָפּ צום פראָנט? אָבער פאַרן יידישן לעגיאָנער איז עס געווען אַ שמחה: ער איז געגאַנגען אונטער אַ יידישער פאָן.

דער אַמעריקאַנער יידישער לעגיאָן

אין אַמעריקע איז אָנגעקומען די נייעס, אַז אין ענגלאַנד אָרגאַניזירט זיך אַ יידישער לעגיאָן. עס איז געווען די צייט פון דער באַלפור דעקלאַראַציע. די יידן פון אַמעריקע האָבן געפילט, אַז דאָרט ווייט איבערן ים ווערן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן פאַרן יידישן פאָלק: מען קריגט אַ צוזאָג אויף אַן אייגן לאַנד, מען שאַפט אַ לעגיאָן. אַ סך יידישע הערצער האָבן געציטערט פון פרייד און מענטשן האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן אין אָט דער גרויסער אַרבעט. אין אַמעריקע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען דוד בן גוריון און יצחק בן צבי, וואָס דזשעמאַל פּאַשאַ האָט זיי אַרויסגעטריבן פון ארץ ישראל, און באַפוילן זיי זאָלן זיך קיינמאָל מער אַהין ניט אומקערן.

אין אַמעריקע האָבן זיך געפונען נאָך צענדליקער יידישע יונגעלייט פון ארץ ישראל, וואָס האָבן ניט געקענט צוריקפאָרן צוליב דער מלחמה.

מיט גרויס פרייד האָבן זיי אויפגענומען די בשורה פון יידישן לעגיאָן אין ענגלאַנד. עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון אַ גרופּע אַמעריקאַנער יידן, צוזאַמען מיט די ארץ ישראל׳דיקע בן גוריון און בן צבי, אויף שאַפן אַן אַמעריקאַנער יידישן לעגיאָן.

דער קאָמיטעט האָט גערופן די יידן פון אַמעריקע, אַז זיי זאָלן זיך פאַרשרייבן אין יידישן לעגיאָן. פיל הונדערטער יידישע יונגעלייט פון אַמעריקע האָבן זיך פאַרשריבן. זיי זיינען אַוועקגעפאָרן אין ווינדזאָר, קאַנאַדע, דאָרט איז געווען דער פונקט וואו די לעגיאָנערן האָבן זיך פאַרזאַמלט.

עס האָבן זיך דאָרט געטראָפן יידישע בחורים פון ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, באָסטאָן און פון אַנדערע שטעט. מען האָט זיי געגעבן

מיליטערישע קליידער און מען האָט מיט זיי געמאַכט מיליטערישע אי־בונגען. איבערן לאַגער האָבן די לעגיאָנערן אויפגעהויבן די יידישע פאָן. פון קאַנאַדע זיינען זיי מיט אַ שיף אָפּגעשוואומען קיין ענגלאַנד.

קאָלאָנעל אליעזר מאַרגאָלין

אין ענגלאַנד האָבן זיך די אַמעריקאַנער לעגיאָנערן געטראָפן מיט דעם ענגלישן יידישן לעגיאָן. דאָרט זיינען געווען יידן פון גאַר דער וועלט. רוסישע, עגיפּטישע, ארץ־ישראל'דיקע און אַמעריקאַנער. פאַרן קאָמאַנדיר פון דעם אַמעריקאַנער יידישן לעגיאָן האָט די ענג־לישע רעגירונג באַשטימט אַ יידישן קאָלאָנעל — אליעזר מאַרגאָלין.

מאַרגאָלין האָט אין זיין יוגנט געוואוינט מיט זיינע עלטערן אין ארץ ישראל, אין ראשון לציון. ער האָט געהאַט פריינט צווישן די בעדואינער און מיט זיי צוזאַמען האָט ער אַ סך אַרומגעוואַנדערט איבער ארץ ישראל. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רייטער. פונקט ווי די בעדואינער, האָט ער געקענט רייטן אויף די ווילדסטע פערד. די בעדואינער האָבן אים גערופן „נאזאר" און דערציילט וועגן אים די וואונדערלעכסטע מעשות.

ער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין אויסטראַליע. פאַרן אַוועק־פאָרן פון ארץ ישראל, האָט ער זיך געזעגנט מיט זיינע חברים און האָט געזאָגט: איך וועל נאָך קומען מיט שיפן קיין ארץ ישראל און באַפרייען דאָס לאַנד.

אין אויסטראַליע איז ער געווען אין דער ענגלישער אַרמיי און האָט זיך שטאַרק אויסגעצייכנט. ער איז געוואָרן אַ קאָלאָנעל, אַ קאָמאַנדיר פון אַן אויסטראַליער מיליטערישער אָפּטיילונג.

ווען עס האָבן זיך געשאַפן די יידישע לעגיאָנען, האָט זיך ביי אים זשאַבאָטינסקי געבעטן: קום אליעזר, ווער אַ קאָמאַנדיר אין יידישן לעגיאָן. אויף דעם פלעגט אים מאַרגאָלין ענטפערן מיט אַ שפּאַס:
— אוי, איך האָב מורא! מיט די יידן דאַרף מען אַ סך ריידן און איך בין אַ שווייגער.

דער ענגלישער קריגס־מיניסטעריום האָט באַשטימט קאָלאָנעל מאַרגאָלין פאַרן קאָמאַנדיר איבערן אַמעריקאַנער יידישן לעגיאָן. דער

לעגיאָן האָט געהייסן „דער 39-טער קעניגלעכער ביקסן-שיסער רעגי־מענט". די לעגיאָנערן האָבן שטאַרק ליב געהאַט מאַרגאָלינען. עס איז פאַר זיי געווען אַ יום-טוב אין דעם טאָג ווען קאָלאָנעל מאַרגאָלין איז מיט זיינע באַגלייטער אַריינגעריטן אויף זיין פערד אין יידישן לאַגער.

די יידישע לעגיאָנערן זיינען אָפּגעפאָרן קיין אַלעקסאַנדריע, מצרים. פון דאָרט האָבן זיי באַדאַרפט גיין אויפן ארץ ישראל'דיקן פראָנט.

וויאַזוי האָט אויסגעזען דער לאַגער פון די יידישע לעגיאָנערן לעבן אַלעקסאַנדריע

די יידישע לעגיאָנערן האָבן אויסגעשטעלט די געצעלטן אין לאַנגע שורות. די גאַסן צווישן איין שורה געצעלטן און דער צווייטער, האָבן זיי אָנגערופן מיט יידישע נעמען: רחוב ד"ר וויצמאַן, רחוב זשאַבאָטינסקי, רחוב באָראָכאָוו, רחוב העם, רחוב ד"ר הערצל, און אַנדערע. איבערן לאַגער איז געווען אויפגעהויבן די יידישע פאָן.

קאָלאָנעל פּעטערסאָן, וואָס האָט געקענט די יידישע לעגיאָנערן נאָך פון די צייטן פון „גאַליפּאָלי", האָט באַפוילן, אַז מען זאָל זיי געבן כשר עסן. שבת איז געווען דער רו טאָג פאַר די יידישע לעגיאָנערן. אין לאַגער איז געווען אַ רב, אַ חזן, און שבת האָט מען איינגעאָרדנט תפילות פאַר די לעגיאָנערן און די אָפיצירן צוזאַמען.

דער יידישער לאַגער האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי אַלע אַנ־דערע מיליטערישע לאַגערן.

די לעגיאָנערן אויף דער ערד פון ארץ ישראל

עס איז געווען זומער, 1918, אין חודש יוני, ווען די יידישע לעגיאָ־נערן האָבן פאַרלאָזט אַלעקסאַנדריע און זיינען אַוועק צו דער גרעניץ פון ארץ ישראל. זיי זיינען צוגעפאָרן צו דער שטאָט עזה.

די לעגיאָנערן האָבן דערזען די שטאָט וואו אַמאָל, גאָר אַמאָל, האָט געלעבט דאָרט שמשון הגבור. דאָרט האָט ער געוויזן זיינע

גבורות. ער האָט מיט די הענט צעריסן אַ לייב. ער האָט אויס־געריסן די טויערן פון אַ שטאָט. ער האָט אויפגעטרייסלט די זיילן פון אַ געביידע, וואו עס זיינען געזעסן די שונאים, די פלישתים. ער איז אַליין אומגעקומען אין זיין געראַנגל מיט די שונאים. ער האָט זיך געשלאָגן פאַר זיין פאָלק. די יידישע לעגיאָנערן זיינען איצט אַליין אויך געפאָרן מלחמה האַלטן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ ישראל. זיי אויך פאָרן זיך שלאָגן פאַר זייער פאָלק.

ברידער באַגעגענען זיך

דער לעגיאָן איז אַריינגעפאָרן קיין ארץ ישראל, זיך אָפּגעשטעלט נים ווייט פון לוד. די לעגיאָנערן האָבן אָנגעהויבן אויפשטעלן די געצעלטן. פלוצלינג האָבן זיי דערהערט אַ געזאַנג. הונדערטער מענטשן זיינען אָנגעקומען פון די יידישע קאָלאָניעס באַגריסן די לעגיאָנערן. מען איז געקומען רייטנדיק אויף פערד און אויף אייזלען — פון ראשון לציון, און פון רחובות און פון אַנדערע ישובים. פון ראשון לציון האָט מען צוגעשיקט דריי פעסלעך ווין פאַר די לעגיאָ־נערן אויף שבת. עס איז געווען אַ גרויסע און פריידיקע באַגעגעניש! די איינוואוינער פון ארץ ישראל האָבן זיך לאַנג געפייניקט אונטערן טערקישן יאָך — איצט האָבן זיי דערזען יידישע לעגיאָנערן, זייערע ברידער, וואָס זיינען געקומען אויסלייזן דאָס לאַנד. ביז סאַמע פאַר־נאַכט האָבן זיי צוזאַמען פאַרבראַכט און געזונגען.

דער יידישער לעגיאָן אויפן וועג צו ירושלים

דער יידישער לעגיאָן האָט זיך אַוועקגעצויגן צום פראָנט, וואָס איז געווען אויפן וועג קיין ירושלים. עס זיינען געווען הייסע זומער טעג. די לעגיאָנערן זיינען געגאַנגען אין וואָלקנס פון שטויב. קאָלאָ־נעל פעטערסאָן איז געווען שטאָלץ מיט זיין לעגיאָן. זיי האָבן נים געוואוסט פון קיין מידקייט. די באַפעלן האָבן זיי אויסגעפירט פינקט־לעך און מיט איבערגעגעבנקייט. אין די שלאַכטן האָבן די יידישע

לעגיאָנערן אַרויסגעוויזן אַ סך מוט, און די ענגלישע העכערע קאָמאַנדע האָט זיי געהאַלטן פאַר גוטע זעלנער.

אַן ענגלישער אָפיצער וויינט ווען ער זעט די העלדישקייט פון אַ יידישער אָפּטיילונג

איינמאָל איז צוגעקומען אַן ענגלישער אָפיצער צו אַן אָפּטיילונג פון די לעגיאָנערן און האָט זיי געזאָגט: מען דאַרף טאָן אַ געפערלעכע אַרבעט, מען דאַרף גיין אויסשפּירן דעם שונאס פּאָזיציע. צען מענטשן דאַרפן גיין. ער האָט געפרעגט צי עס זיינען דאָ פרייוויליקע, וואָס נעמען זיך אונטער טאָן די געפערלעכע אַרבעט.

דער אָפיצער איז געבליבן שטיין פאַרוואונדערט: די גאַנצע אָפּטיילונג, אַלע האָבן געמאַכט אַ טראָט פאָרויס, און זיך געמאָלדן, אַז זיי ווילן גיין. דער אָפיצער האָט געוויינט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע זעלנער. ער האָט אויסגעקליבן 10 מענטשן און זיי געשיקט אויף דער אויסשפּיר־אַרבעט. פאַרטאָג זיינען זיי אַלע געקומען בשלום צוריק. זיי האָבן געקראָגן אויסצייכענונגען פון דער הויפּט־אָנפירונג.

קאָלאָנעל מאַרגאָלין קומט מיטן אַמעריקאַנער לעגיאָן קיין ארץ ישראל

קאָלאָנעל אליעזר מאַרגאָלין האָט געהאַלטן וואָרט: ער איז געקומען אויסלייזן ארץ ישראל. ניט מיט שיפן איז ער געקומען, נאָר מיט אַ יידישן לעגיאָן.

זיינע אַמאָליקע פריינט פון דער יוגנט האָבן אים באַגעגנט מיט שמחה.

איינער פון זיינע נאָענטסטע חברים איז געווען משה סמיליאַנסקי — אַ באַרימטער שרייבער און חלוץ, איינער פון די ערשטע בויער פון רחובות. סמיליאַנסקי און קאָלאָנעל מאַרגאָלין זיינען איינער צום אַנדערן געלאָפן אַנטקעגן און ווי ברידער זיך געקושט. דאָס אָנקומען פון די יידישע לעגיאָנערן אין ארץ ישראל איז געווען אַ טרייסט פאַרן ישוב נאָך אַלע יסורים וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט.

אַנטיסעמיטן אין דער מיליטערישער אָנפירונג שטערן די יידישע לעגיאָנערן

קאָלאָנעל פּעטערסאָן האָט געוואָלט אָרגאַניזירן נאָך צוויי יידישע לעגיאָנען און שאַפן אַ גרויסע יידישע אַרמיי. עס זיינען אָבער געווען אַנטיסעמיטן צווישן די ענגלישע גענעראַלן. זיי האָבן כסדר געשטערט. זיי האָבן ניט געקענט ליידן, וואָס די יידישע לעגיאָנערן האָבן אַזאַ גוטן נאָמען, וואָס מען רעדט וועגן זייער העלדישקייט, וואָס קאָלאָנעל פּעטערסאָן שטאָלצירט מיט זיי.

די אַנטיסעמיטן האָבן זיך באַמיט, אַז מען זאָל די יידישע לעגיאָ־נערן שיקן פון איין פראָנט צום אַנדערן. מען האָט זיי באַשטימט פאַר די שווערסטע פראָנטן. מען האָט זיי ניט געלאָזט זיך אָפּרוען. אַ שווערע פינצטערע האַנט האָט כסדר צעשטערט די פּלענער פון קאָלאָנעל פּעטערסאָן און קאָלאָנעל מאַרגאָלין.

מען שיקט די לעגיאָנערן אין דעם מדבר ביי יריחו

עס איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז די יידישע לעגיאָנערן זאָלן אַוועק־לאָזן זייערע לאַגערן און גיין צו דעם מדבר פון יריחו. דאָרט זיינען ניט געווען קיין יידישע ישובים, זיי זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ וויטן הייסן מדבר. עס האָט דאָרט געשוויבלט מיט שלאַנגען און עקדישן. אַ סך זעלנער זיינען קראַנק געוואָרן פון מאַלאַריע. די לעגיאָנערן האָבן אויסגעהאַלטן דעם שווערן פּרוואו.

עס איז געווען ראש השנה אין יאָר 1918. דער מיליטערישער רב האָט געשיקט אַ ברכה צו אַלע לעגיאָנערן איבערן לאַנד: פון דער אַלטער יידישער שטאָט יריחו שיק איך אייך מיין ברכה. דאָ איז אונדזער לאַנד פון אַמאָל. זייט אַלע געשטאַרקט.

יום־כפור האָבן זיך די יידישע לעגיאָנערן געגרייט צו אַ שלאַכט. זיי האָבן געדאַרפט אויסלייגן טעלעפאָן דראָטן, גראָבן שוץ־גראָבנס. אייניקע האָבן ניט געוואָלט אַרבעטן יום־כפור. דער יידישער אָפיצער וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָט זיי געזאָגט: די מלחמה וואָס מיר פירן איז אַ הייליקע אַרבעט. מען מעג אַזאַ אַרבעט טאָן יום־כפור. די זעלנער האָבן אים געפאָלגט. זיי האָבן געאַרבעט און

שטילערהייט געמורמלט „כל נדרי". קאָלאָנעל פּעטערסאָן איז געווען זייער גערירט דערפון. ער האָט זיי באַפרייט און געשיקט נישט יידן אַרבעטן אויף זייער פּלאַץ.

עס אָרגאַניזירט זיך אַן ארץ־ישראלדיקער לעגיאָן

אין תל־אביב איז איצט דאָ אַ גאַס, וואָס רופט זיך רחוב אלנבי. אַ שיינע לאַנגע גאַס, איינע פון די שענסטע אין שטאָט. די גאַס איז אויפן נאָמען פון דעם ענגלישן פעלד מאַרשאַל אלענבי, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער מלחמה אַנטקעגן די טערקן אין ארץ ישראל. אין די ישובים וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון די טערקן, האָט ער דערלויבט צו שאַפן אַן ארץ ישראלדיקן יידישן לעגיאָן.

משה סמיליאַנסקי איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אָרגאַניזירן דעם ארץ ישראלדיקן יידישן לעגיאָן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט און אין דעם קאָמיטעט זיינען אַריין משה סמילאַנסקי און די באַוואוסטע אַרבעטער פירער בערל קאַצענעלסאָן, יבניאלי, דוב האָז, און אַנדערע. טויזנט פינף הונדערט יונגעלייט זיינען אַריין אין דעם ארץ ישראלדיקן יידישן לעגיאָן. פאַר אַזאַ קליינעם ישוב ווי ארץ ישראל איז דעמאָלט געווען — איז דאָס געווען גאָר אַ גרויסע צאָל לעגיאָנערן.

ד"ר חיים ווייצמאַן גיט איבער די יידישע פאָן דעם ארץ ישראלדיקן לעגיאָן

דער ארץ ישראלדיקער יידישער לעגיאָן האָט געהייסן „דער 40־טער קעניגלעכער פוסגייער לעגיאָן". אין תל־אביב האָבן די לעגיאָנערן געהאַט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. די פרויען פון תל־אביב האָבן אויפגעניים אַ פאָן פאַרן ארץ ישראלדיקן לעגיאָן. ד"ר חיים ווייצמאַן האָט זיי די פאָן איבערגעגעבן. ער האָט צו זיי געזאָגט: „אין נאָמען פון יידישן פאָלק גיב איך אייך איבער די פאָן. איר זאָלט זי היטן, קיין פלעק זאָל אויף איר ניט פאַלן. ריין און הייליק זאָלט איר די פאָן צוריקברענגען צו דעם אָרט, וואו זי דאַרף שטיין

אין דער צוקונפט. מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט טיטוס צוגענומען די יידישע פאָן. איצט האָבן מיר זי צוריק געקראָגן". אין תל-אביב איז געווען אַ גרויסער יום-טוב.

די יידישע לעגיאָנערן קריגן אויסצייכנונגען פון גענעראַל אַלענבי

די דריי יידישע לעגיאָנען האָבן אין דער מלחמה אַרויסגעוויזן געטריישאַפט און העלדישקייט. גענעראַל אַלענבי האָט ביי אַ פייער-לעכער מיליטערישער צערעמאָניע געזאָגט: איך האָב דעם פאַרגע-ניגן אייך צו זאָגן, אַז איך בין זייער באַגייסטערט פון אַלץ, וואָס איר האָט אין דער מלחמה געטאָן. ער האָט אויסגערעכנט די נצחונות פון די יידישע לעגיאָנערן.

ער האָט באַפוילן אַרויסגעבן אויסצייכנונגען צו אַ סך יידישע לעגיאָנערן און אָפיצערן. אַלס אָנדענק פון זייערע נצחונות האָבן די יידישע לעגיאָנערן באַקומען אַ האַרמאַט און אַ קוילן-וואַר-פער, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די טערקן. דאָס איז געווען אַ גרוי-סער כבוד פאַר די יידישע לעגיאָנערן.

יידישע לעגיאָנערן באַוואַכן דאָס לאַנד

ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, איז ארץ ישראל באַפרייט געוואָרן פון טערקישן יאָך. די ענגלישע אַרמייען זיינען אַוועק פון ארץ ישראל. די וואַך איבערן לאַנד האָבן איבערגענומען די יידישע לעגיאָנערן. זיי האָבן געהיט די וועגן, די באַן סטאַנציעס און די ישובים. די יידן האָבן געהאָפט, אַז די יידישע לעגיאָנערן וועלן בלייבן ווי אַ שטענדיקע יידישע אַרמיי אין לאַנד.

די האָפענונג פאַרגייט אין טרויער

אין דער ענגלישער אָנפירונג אין ארץ ישראל זיינען געווען אייניקע גענעראַלן אַנטיסעמיטן. זיי האָבן געפונען פאַרשיידענע מיטלען ווי צו דערנידעריקן די יידישע לעגיאָנערן, און דערצאָרענען זיי.

אַמשטאַרקסטן האָט פאַרדראָסן די יידישע לעגיאָנערן, וואָס מען האָט גאַנצע גרופּעס פון יידישן לעגיאָן אַוועקגעשיקט ווייט פון יידישן ישוב, אין דער מדבר, אין רפיח, אָדער גאָר אויפן אינזל ציפּערן. עס האָט זיי נאָך מער פאַרדראָסן, וואָס מען האָט ניט אַריינגעלאָזט קיין יידישע לעגיאָנערן אין דער אַלטער שטאָט ירושלים אין דער צייט פון פּסח.

די אַמעריקאַנער און ענגלישע לעגיאָנערן האָבן אָנגעהויבן זיך באַפרייען פון לעגיאָן און פאָרן אַהיים. אַ סך פון די ארץ ישראלדיקע לעגיאָנערן זיינען אַוועק צוריק צו זייער אַרבעט, אין די דערפער, אָדער אין די שטעט. די צאָל מענטשן אין די לעגיאָנען איז קלענער געוואָרן.

די אַראַבער מאַכן אַן אָנפאַל אויף די יידן אין ירושלים

די אַראַבער האָבן דערפילט, אַז די ענגלישע מאַכט אין ארץ ישראל באַציט זיך ניט גוט צו די יידן. זיי האָבן געקראָגן דערמוטיקונג פון די ענגלישע באַאַמטע, וואָס זיינען געווען יידישע שונאים. זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן אָנפאַלן אויף יידן.

פּסח, אין יאָר 1920, האָבן די אַראַבער געמאַכט אַ פּאָגראָם אין ירושלים. די ענגלישע זעלנער האָבן די יידן ניט פאַרטיידיקט. די יידישע לעגיאָנערן וואָס זיינען געווען אין ירושלים האָבן געקראָגן אַ באַפעל, אַז זיי זאָלן זיך ניט אַריינמישן. די וואָס האָבן ניט געפאָלגט און פאַרטיידיקט די יידן, זיינען אַרעסטירט געוואָרן. זשאַבאָטינסקי האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ יידישע זעלבסט-שוץ, וואָס זאָל צוריק-שלאָגן די אַראַבער. די ענגלענדער האָבן דערפאַר זשאַבאָטינסקין אַרעסטירט און פאַרמשפּט צו 15 יאָר תפיסה. ער איז געזעסן פאַר-שלאָסן אין דער פעסטונג אין עכו. אין עטלעכע חדשים אַרום איז ער באַפרייט געוואָרן. אָבער ער האָט זיך ניט געפרייט מיט זיין באַפרייאונג. ער האָט געוואוסט, אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער שוץ פון די ענגלענדער — די יידן דאַרפן אַליין זיך אָרגאַניזירן אין אַ זעלבסט-שוץ.

קאָלאָנעל מאַרגאָלין שטעלט זיך איין פאַר די יידן אין תל־אביב

פאַר די אַראַבער איז געווען ווייניק דער פּאָגראָם אויף די יידן אין ירושלים. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אומרוען אין יפו. גרויסע מחנות אַראַבער זיינען באַפאַלן די יידן, און צענדליקער יידן זיינען דערמאָרדעט געוואָרן. מען האָט גערעדט, אַז די אַראַבער וועלן אָנפאַלן אויף תל־אביב. דעמאָלט זיינען דרייסיק יידישע לעגיאָנערן, אָן דער דערלויבעניש פון קאָלאָנעל מאַרגאָלין, שטילערהייט אַרויס פון זייער לאַגער לעבן לוד. זיי האָבן מיטגענומען זייער געווער מיט זיך. זיי זיינען אַוועק אין תל־אביב פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן די אַראַבער. די אַראַבער זיינען אָנגעקומען אין צוויי גרויסע מחנות. זיי האָבן ניט געוואוסט, אַז אין תל־אביב זיינען דאָ באַוואָפנטע לעגיאָנערן. די לעגיאָנערן האָבן די אָנפאַלער באַגעגנט מיט אַ שיסעריי פון די ביקסן. די אַראַבער זיינען זיך צעלאָפן.

קאָלאָנעל מאַרגאָלין קומט אַליין קיין תל־אביב

מען האָט געזאָגט דעם קאָלאָנעל מאַרגאָלין, אַז זיינע לעגיאָנערן האָבן מיטגענומען געווער און פאַרטיידיקן תל־אביב. פּייל פון בויגן איז געפאָרן מאַרגאָלין קיין תל־אביב אויף באַרואיקן די שטאָט. ער איז אַליין אַרומגעפאָרן איבער די געפערלעכע פלעצער און זיין אָנקומען האָט באַרואיקט די באַפעלקערונג.

די ענגלישע הויפּט־אָנפירונג אין ארץ ישראל איז אויפגערודערט

די ענגלישע הויפּט אָנפירונג האָט באַלד אַרויסגערופן קאָלאָנעל מאַרגאָלין אויף אַ פאַרהער. וואָס הייסט זיינע לעגיאָנערן זיינען געגאַנגען פאַרטיידיקן תל־אביב, אָן אַ באַפעל, און ער אַליין איז געווען דערביי?

דער קאָלאָנעל האָט זיי געזאָגט, אַז די אַראַבער ווערן באַוואָפנט פון די ענגלענדער און די יידן ווערן ניט פאַרטיידיקט. עס איז געווען זיין חוב צו פאַרטיידיקן די שוצלאָזע יידישע באַפעלקערונג.

די גרעסטע העלדישקייט פון קאָלאָנעל מאַרגאָלין

קאָלאָנעל מאַרגאָלין האָט ניט געוואָלט דינען אונטער אַן אַנ-פירערשאַפט, וואָס איז אַנטיסעמיטיש. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין הויכן מיליטערישן אַמט אין דער ענגלישער אַרמיי. ער האָט זיי אָפּגעגעבן די גאָלדענע עפּאָלעטן פון אַ קאָמאַנדיר. ער האָט געוואָלט בלייבן אַן ערלעכער מענטש און אַ שטאָלצער ייד. ער איז אַוועק-געפאָרן קיין אויסטראַליע. די אָרנטלעכע גענעראַלן אין דער ענגלי-שער אַרמיי האָבן אָפּגעשאַצט זיין ווירדיקע האַלטונג. אויך קאָלאָנעל פּעטערסאָן איז געבליבן זיין פריינט און האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מוטיקן קריגער.

דער יידישער לעגיאָן צעפאַלט זיך

נאָכן אַוועקגיין פון קאָלאָנעל מאַרגאָלין איז זיך דער יידישער לעגיאָן צעפאַלן. עס איז אָבער געבליבן דער אָנדענק פון די העלדישע יידישע לעגיאָנערן. דורות אויף דורות וועלן יידן געדענקען זייערע זין, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס און געקומען פון אַלע עקן וועלט אויסלייזן זייער לאַנד.

זשאַבאָטינסקי, דער שעפער פון די לעגיאָנען, איז אויך ניט פאַרגעסן געוואָרן. אויף זיין נאָמען איז דאָ אַ גאַס אין תל-אביב, רחוב זשאַבאָטינסקי. שטעט קענען זחרוב ווערן. פעסטונגען קען מען צע-ברעכן — אָבער העלדישע אויפטוען בלייבן אויף אייביק אין זכרון פון פאָלק.

י. ח. ברענער



זה הוא, בכל אופן, מעשה של המונים גדולים, שלעולם אינם עומדים ותוהים, אלא הולכים לאשר ידחפם רצונם העור לחיות ולהתקים.

(י. ח. ברנר — רשימות ביבליוגרפיות)

ארץ ישראל איז דער ענין פון גרויסע מחנות מענטשן, זיי בלייבן קיינמאָל ניט שטיין אויף אַן אָרט אין צווייפל, נאָר זיי גייען וואוהין עס שטויסט זיי זייער אינסטינקטיווער ווילן צו לעבן און זיין.

(פון די שריפטן פון י. ח. ברענער)

י. ח. ברענער איז געווען אַ באַרימטער העברעאישער שרייבער. מיט דער צווייטער עליה איז ער געקומען קיין ארץ ישראל. ער האָט זיך דאָרט באַזעצט. י. ח. ברענער איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש, און כאָטש ער איז געווען באַרימט און זייער באַליבט ביי דער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל, און ביי די יידן איבער דער וועלט, האָט ער זיך אויפגעפירט ווי אַ פשוטער מענטש. ער האָט געוואוינט אין אַ קליינעם צימער און האָט געאַרבעט ווי אַלע אַנדערע אַרבעטער. ער פלעגט ניט דערציילן, אַז ער איז י. ח. ברענער. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַן אַנדערן נאָמען, כדי מען זאָל ניט וויסן ווער ער איז, און ער זאָל קענען טאָן זיין אַרבעט, ווי יעדער אַנדער מענטש.

איינמאָל ווען ברענער איז געשטאַנען מיט זיין רידל אין האַנט און האָט געאַרבעט אין אַ וויין־גאָרטן, איז אָנגעקומען אַ נייער אַרבעטער. ער האָט דערזען ברענערן, האָט אים דערקאָנט און האָט אויסגערופן: דאָס איז דאָך י. ח. ברענער. עס איז געוואָרן אַ טומל, די אַרבעטער האָבן אַרומגערינגלט ברענערן, האָבן אים באַגריסט און האָבן אים געבעטן ער זאָל עפּעס לייענען פאַר זיי. ברענער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם וואָס מען האָט אים דערקאָנט און ער האָט פאַרלאָזן דעם פלאַץ.

ברענער האָט ליב געהאַט זיין אַליין, ער האָט אַ סך געאַרבעט און געשריבן. ער האָט זייער ליב געהאַט מענטשן און האָט יעדערן געהאָלפן, ווען עמיצער האָט זיך גענויטיקט אין הילף.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען די טערקן האָבן אַרויסגעטריבן די יידן פון תל־אביב, און זיי האָבן זיך געוואַלגערט אָן דירות און אָן ברויט אין פתח תקוה און כפר סבא, האָט ברענער ניט געקענט איינרוען. ער איז אַרומגעגאַנגען און האָט געהאָלפן די קראַנקע און באַזאָרגט קינדער. אומעטום וואו עס איז געווען אַ נויט, איז געקומען ברענער העלפן.

אין יאָר 1921, ווען די אַראַבער האָבן חרוב געמאַכט אַ סך יידישע הייזער אין יפו און געהרגעט מענטשן, האָט מען פון תל־אביב אַרויס־געשיקט מאַשינעס אויף אַרויסראַטעווען יידן פון יפו. די פריינט פון י. ח. ברענער האָבן געשיקט אַ ספּעציעלע מאַשין, וואָס זאָל קומען צו ברענערס וואוינונג און אים ברענגען קיין תל־אביב. ווען די מאַשין איז אָנגעקומען, האָט ברענער איבערגעלאָזט זיין פּלאַץ אין אָטאָ־מאָביל פאַר אַ פרוי, אַז זי זאָל זיך ראַטעווען און אַליין איז ער געבליבן אין דער גרעסטער סכנה אין יפו. די אַראַבער זיינען באַפאַלן זיין וואוינונג און האָבן אים דערמאָרדעט. מען האָט זיין קערפּער געבראַכט קיין תל־אביב און טויזנטער מענטשן זיינען געקומען אָפּגעבן כבוד ברענערן, וואָס איז געפאַלן על קידוש השם, כדי צו ראַטעווען אַנ־דערע מענטשן.

תל חי — דאָס ליכט פון גבורה



יוסף טרומפעלדאָר

אין דבר, טוב למות בעד ארצנו.

(יוסף טרומפעלדאָר)

עס מאַכט ניט אויס, עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד.

דענקמאָל פאַר די העלדן פון תל־חי

די קליינע צאָל מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען עלנטע, פאַרלאָזטע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע און פאַרטיי־דיקט דעם צפון פון לאַנד, האָבן זוכה געווען נאָכן טויט געקרוינט צו ווערן מיט דעם ליכט און שיין פון פאָלקס־העלדן.

(י. ח. ברענער — פון זיינע שריפטן)

אין אַ טאָל לעבן כפר גלעדי, צווישן די בערג פון אויבערשטן גליל, אויף דער סירישער גרעניץ, שטייט אַ צווייִשטאָקיקע געביידע אַרומגערינגלט מיט אַ געמויערטער וואַנט. דאָס איז תל-חי.

תל-חי איז געבליבן ווי אַ צייכן פון גרויסער העלדישקייט. דאָרט האָט זיך יוסף טרומפּעלדאָר מיט אַ גרופּע חלוצים פאַרטיידיקט אַנטקעגן מחנות אַראַבער, וואָס זיינען געווען אין דער געגנט. אין די טויזנטער זיינען געווען די אַראַבער און אין תל-חי האָבן זיך געפונען בלויז 25 חלוצים און 18 ביקסן האָבן זיי געהאַט. בלויז אַ קליינע גרופּע, זיינען זיי געשטאַנען אַנטקעגן טויזנטער און ניט געוואָלט פאַרלאָזן תל-חי.

יוסף טרומפּעלדאָר, און מיט אים דריי חברים און צוויי חברות, זיינען געפאַלן פאַרטיידיקנדיק תל-חי. דאָס איז געווען דעם 11-טן טאָג אין חודש אָדר אין יאָר 1920.

דער טאָג ווערט קיינמאָל ניט פאַרגעסן. יעדן יאָר, דעם 11-טן אָדר, קומט מען פון גאַנץ ארץ ישראל אין תל-חי צו דערמאָנען די גבורה פון טרומפּעלדאָרן און זיינע חברים. לעבן תל-חי שטייט אַ שטיינערנער דענקמאָל, אַ שרייענדיקער לייב, און אויפן דענקמאָל זיינען פאַרשריבן די נעמען פון די געפאַלענע: שניאור שאַפּאָשניק, אהרון שער, דבורה דראכלער, בנימין מונטער, שארף, שרה טשיזשיק, טאָקער, און יוסף טרומפּעלדאָר.

אַלע וואָס קומען צום דענקמאָל שטייען מיט געבויגענע קעפּ און שווייגן אין הייליקער פאַרערונג, פאַר די געפאַלענע העלדן.

תל-חי, כפר גלעדי און מתולה זיינען געווען אָפּגעשניטן פון ישוב

ווען די ערשטע וועלט-מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט ענגלאַנד פאַרוואַלטעט מיט ארץ ישראל.

אָבער כפר גלעדי, תל-חי און מתולה, וואָס געפינען זיך ווייט אין גליל אויף דער סירישער גרעניץ, זיינען געווען אָפּגעשניטן פון גאַנצן

יידישן ישוב. דאָרט איז געשטאַנען אַן אָפּטיילונג פון דער פראַנצויזישער אַרמיי.

די אַרומיקע אַראַבער, וואָס זיינען געווען באַוואָפנט, האָבן באַהערשט די גאַנצע געגנט פון אויבערשטן גליל. זיי האָבן פאַרטריבן די קליינע אָפּטיילונג פון פראַנצויזישן מיליטער, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז איצט איז די צייט צו אומברענגען די דריי יידישע ישובים אין גליל.

אין גאַנצן לאַנד האָט מען געוואוסט, אַז כפר גלעדי, תל-חי און מתולה, זיינען אין אַ גרויסער סכנה. ווען יוסף טרומפּעלדאָר האָט זיך דערוואוסט וועגן דער שווערער לאַגע אין גליל, איז ער אַוועק אַהין העלפן די דריי ישובים. אַזוי ווי ער איז געווען אַ גוטער מיליטערמאַן, האָט ער איבערגענומען די פאַרטיידיקונג פון די דריי פונקטן. עס איז אָנגעקומען אין גליל אַ גרופּע פון יידישן לעגיאָן, צווישן זיי עטלעכע בחורים פון אַמעריקע. אָרום און אָרום זיינען זיי געווען אַ קליינע צאָל אַנטקעגן די אַראַבישע באַנדעס.

די אַראַבער זיינען באַפאַלן מתולה. די קאָלאָניסטן פון מתולה זיינען זיך צעלאָפן. אָבער די חלוצים פון כפר גלעדי און פון תל-חי האָבן ניט געוואָלט, אַז זייערע ישובים זאָלן בלייבן אין די הענט פון די אַראַבער. זיי האָבן באַשלאָסן בלייבן און זיך פאַרטיידיקן. מען טאָר ניט פאַרלאָזן קיין יידישן ישוב, האָבן זיי געזאָגט, אויב אַפילו מ'דאַרף אָפּגעבן דערפאַר דאָס לעבן.

זיי זיינען געווען סך הכל 43 מענטשן.

עס פאַלן די ערשטע צוויי קרבנות

די חברים פון תל-חי און כפר גלעדי האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין יעדן טאָג באַאַרבעטן די פעלדער, כדי ווייזן די אַראַבער, אַז זיי האָבן פאַר זיי קיין מורא ניט. ווען אַ גרופּע אַרבעטער איז געגאַנגען אויפן פעלד, האָט אַ צווייטע באַוואָפנטע גרופּע זיי געהיט. איבער די וועגן און פעלדער האָבן זיך אַרומגעטראָגן מחנות בעדואינער אויף זייערע ווילדע פערד. יעדער טראָט פון די יידישע אַרבעטער איז געווען אַ סכנה פאַר זייער לעבן.

דער ערשטער וואָס איז אומגעקומען, ווען ער האָט געאַרבעט אויפן פעלד, איז געווען דער אַמעריקאַנער לעגיאָנער, שער. אַ צווייטער וואָס איז אומגעקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די אַראַבער, איז געווען שאַפּאָשניק.

דער טויט האָט געלויערט אויף אַלעמען.

יוסף טרומפּעלדאָר רופט נאָך הילף

יוסף טרומפּעלדאָר, דער קאָמאַנדיר פון די צוויי פּונקטן, כּפר גלעדי און תּל-חי, האָט אַרויסגעשיקט אַ שליח מיט אַ בריוו צו די אַרבעטער פון ארץ ישראל. ער האָט זיי גערופן זיי זאָלן קומען העלפן. ער האָט געשריבן צו דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט אין ארץ ישראל זיי זאָלן ניט לאָזן אַליין די קליינע גרופּע חלוצים פון גליל, מען זאָל צושיקן כאָטש נאָך פופציק מענטשן.

צוקומען צו תּל-חי און צו כּפר גלעדי איז אָבער געווען שווער. אַראַבער האָבן פאַרשטעלט די וועגן. בלויז איינצלנע חברים האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די בערג און אָנגעקומען קיין תּל-חי.

שפּייז איז געווען ווייניק. ביקסן זיינען געווען אַ קליינע צאָל. די הילף און די מענטשן זיינען ניט אָנגעקומען צו דער צייט.

די אַראַבער זוכן אַן אויסרייד ווי אַריינצוקומען אין הויף פון תּל-חי

אין איינעם אַ טאָג איז אַריין אין תּל-חי אַן אַראַבישער אָפיצער מיט עטלעכע באַגלייטער. זיי האָבן געזאָגט: די אַראַבער האָבן שוין פאַרנומען די געגנט. זיי האָבן געפאָדערט מען זאָל איבער תּל-חי אויפהענגען אַן אַראַבישע פאָן. יוסף טרומפּעלדאָר האָט זיי געזאָגט: דאָ וואוינען יידישע ערד-אַרבעטער. זיי פירן ניט קיין מלחמה מיט קיינעם — ניט מיט די פראַנצויזן, ניט מיט די ענגלענדער און ניט מיט די אַראַבער. תּל-חי איז אַ יידישער ישוב און זיי וועלן נישט אויפהענגען קיין אַראַבישע פאָן איבער תּל-חי.

די אַראַבער זיינען אַוועק, אָבער די חברים פון תּל-חי און פון כּפר גלעדי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס דערנענטערן זיך שווערע טעג. אַז

עס וועלן זיין אָנפאַלן. טרומפּעלדאָר האָט צעשטעלט די חברים אויף וואַך. ער האָט געהאָפט, אַז דערוויל וועט דערגרייכן הילף — מענטשן, געווער און שפּייז — און זיי וועלן אָפּשלאָגן די אַראַבער. אָבער אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק. קיין הילף האָט ניט דערגרייכט. זיינען געשטאַנען געציילטע מענטשן, חלוצים, מענער און פרויען און האָבן אָן שרעק געקוקט דעם טויט גלייך אין פּנים אַריין. טרומפּעלדאָר פלעגט זיי זאָגן: דער טויט איז ניט שרעקלעך. שרעקלעכער איז די חרפּה פון אַנטלויפן פון אַ סכנה. אָט די ווערטער האָבן זיי געגעבן מוט צו שטיין ווייטער און אָפּהיטן יידישע ערד.

דער טאָג פון גבורה

דעם 11-טן אָדר זיינען צום טויער פון תל־חי געקומען דער הויפּט פון דער אַראַבישער פּאָליציי, דער עפענדי פון דער געגנט, און אַ גרופּע באַוואָפנטע אַראַבער. זיי האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי אַריינלאָזן. זיי ווילן זען צי עס באַהאַלטן זיך ניט קיין פראַנצויזן אין תל־חי.

מען האָט זיי אַריינגעלאָזן און דערלויבט אַרומזוכן דאָס הויז. אָבער זיי זיינען ניט געקומען צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געזאָגט.

איינער פון זיי איז גלייך אַרויף אויפן דאַך און אָנגעהויבן רופן זיינע מענטשן פון דרויסן, זיי זאָלן זיך אַריינרייסן אין הויף. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן לויפן באַוואָפנטע אַראַבער. דבורה דראַכלער וואָס האָט זיך געפונען אויפן אויבערשטן שטאָק האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז אַן אַראַבער האָט ביי איר צוגענומען דעם רעוואָלווער.

טרומפּעלדאָר האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין זוכן פון פראַנצויזן, נאָר אַ מערדערישער אָנפאַל.

מיט אַ ביקס אין דער האַנט איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און איז געלאָפן צום טויער, נישט אַריינצולאָזן די אַראַבער. איינער פון די אַראַבער, וואָס איז געווען אין הויף, האָט געשאָסן אויף טרומפּעלדאָרן, און ער איז געפאַלן שווער פאַרוואונדעט אין בויך.

ליגנדיק אַ פאַרוואונדעטער האָט ער איבערגעגעבן די קאָמאַנדע צו שניאורסאָנען. בעת דער שלאַכט זיינען פינף פאַרטיידיקער גע־פאַלן טויט און עטלעכע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. איינעם פון

די חברים האָט זיך איינגעגעבן וואַרפן אויף די אַראַבער צוויי האַנט־גראַנאַטן, און זיי זיינען אָפּגעטראָטן פון תל־חי.

טרומפּעלדאָר האָט געבעטן די חברים מען זאָל אים פאַרבינדן די וואונדן. די געדערים זיינען ביי אים אַרויסגעפאַלן. די חברים האָבן דאָס מורא געהאַט צו טאָן. מיט אויסערגעוויינלעכער רואיקייט האָט טרומפּעלדאָר געהייסן אַ פּאָר חברים צעוואַשן די הענט. ער האָט זיי געוויזן ווי צו מאַכן דעם באַנדאַזש. כאָטש ער האָט געהאַט מורא־דיקע ווייטיקן, האָט ער ניט געקרעכצט און זיך ניט געקלאָגט. ער איז געוואָרן זייער שוואַך. צום דאָקטאָר וואָס איז געקומען פון כפר גלעדי, האָט טרומפּעלדאָר געזאָגט: „אין דבר, טוב למות בעד ארצנו" — „עס מאַכט ניט אויס, עס איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד".

ביינאַכט אין דער פינצטער האָט מען געטראָגן די טויטע און די פאַרוואונדעטע פון תל־חי אין כפר גלעדי. אויפן וועג האָט טרומפּעל־דאָר אומגעדרייט דאָס פּנים צו דער ערד און איז געשטאָרבן. ער און זיינע חברים האָבן פאַר תל־חי אָפּגעגעבן דאָס לעבן.

תל־חי איז געבליבן דער ביישפּיל פון גבורה, און דער ביישפּיל פון מסירת נפש. אויפן ביישפּיל פון תל־חי און דער העלדישקייט פון יוסף טרומפּעלדאָר האָבן זיך דערצויגן צענדליקער טויזנטער יונגע חלוצים. אַ סך פון זיינע תלמידים האָבן פּונקט ווי ער אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַרן יידישן היימלאַנד.

אין טאָג פון 11־טן אָדר, ווען טויזנטער יוגנטלעכע גייען אַרויף מיט די בערג פון גליל צו תל־חי, הויבן זיך איבער זייערע קעפּ די פאָנען מיט דער אויפשריפט פון טרומפּעלדאָר'ס ווערטער: „אין דבר, טוב למות בעד ארצנו".

די דריטע עליה

אַ גרופּע שטיינהעקער פון דער דריטער עליה

מסופקני אם על כל פני כדור הארץ יש עוד פנה אחת ששם נמצא קבוץ צעירים כזה המלאים רוח אידיאליות עליונה ונכונים למסור את נפשם לא בתור גבורים בני רגע אלא בהתמדה, בלי הפסק, יום יום, שעה שעה, על קדושת רעיונם.

איך צווייפל אויב אויף דעם גאַנצן ערד־קוגל איז פאַראַן נאָך אַ ווינקל, וואו עס זאָלן זיך געפינען אַזעלכע מענטשן ווי די חלוצים, וואָס זיינען באַהערשט פון אַ דערהויבענעם אידעאַל און זיינען גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר אים באַשטענדיק, אָן אויפהער, טאָג איין טאָג אויס, און אין יעדער רגע.

(ח. נ. ביאַליק)

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן אין ארץ ישראל אָנגעהויבן אָנקומען אַ סך עולים. עס זיינען געקומען יידן פון רוסלאַנד, פון אוקראַינע און איבערהויפּט פון פּוילן, און אַ קליינע צאָל פון אַמעריקע. דאָס איז געווען די דריטע עליה.

די יידן פון אוקראַינע זיינען געווען רואינירט פון די פּאָגראָמען. גאַנצע יידישע שטעטלעך זיינען אומגעקומען אין דער צייט פון דעם בירגער קריג אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע. מער ווי אַ האַלבער מיליאָן יידן זיינען דעמאָלט אויסגעשאָכטן געוואָרן. ווער עס האָט געקענט זיך ראַטעווען, האָט זיך דורכגעשמוגלט דורך די גרעניצן, הויל, נאַקעט, אַבי מיט דער נשמה געבליבן. אייניקע זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, אַנדערע קיין אַרגענטינע. די חלוצישע יוגנט האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן קיין ארץ ישראל.

איבערהויפּט זיינען קיין ארץ ישראל געקומען עולים פון פּוילן. די יידן פון פּוילן זיינען געווען פאַראָרעמט און אונטערדריקט. די פּאָליאַקן, וואָס זיינען דעמאָלט באַפרייט געוואָרן און געשאַפן אַן אייגענע מלוכה, האָבן זיך זייער שלעכט באַצויגן צו די יידן פון פּוילן. זיי האָבן געכאַפּט יידן און אָפּגעשאָרן ביי זיי די בערד, אַראָפּגעוואָרפן די היטלען פון קאָפּ, אַרויסגעוואָרפן יידן פון לויפנדיקע באַנען. די יידן זיינען געווען הילפלאָז, די רעגירונג האָט זיי ניט באַשיצט.

טויזנטער יידישע יונגעלייט זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל. זיי זיינען געווען אָרגאַניזירט אין גרופּעס, וואָס האָבן זיך גערופן „החלוץ". מיט פרייד האָבן די חלוצים פאַרלאָזן די פיינטלעכע פּויליש ערד. זיי האָבן געטאַנצט אויף די באַן סטאַנציעס. זיי זיינען געפאָרן קיין ארץ ישראל ווערן בויער פון אַן אייגן לאַנד.

גאַנצע שיפן מיט פּוילישע חלוצים זיינען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. זיי זיינען געווען די גרעסטע טייל פון דער דריטער עליה.

מיט דער דריטער עליה זיינען געקומען אויך אַ קליינע צאָל חלוצים פון אַמעריקע. צווישן זיי איז געווען גאָלדע מייערסאָן, וואָס איז געוואָרן שפּעטער אַרבעטס־מיניסטער פון מדינת ישראל. די דרי-

טע עליה איז געווען אַ גרויסע. פינף און דרייסיק טויזנט עולים זיינען אַריין קיין ארץ ישראל אין די יאָרן פון 1919 ביז 1923. די דריטע עליה איז געווען אַ יונגע און אַ באַגייסטערטע. די בחורים און מיידלעך זיינען געקומען פון פינצטערע לענדער. זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל — און זיי זיינען געווען גליקלעך. די שווערסטע אַרבעט האָבן זיי געטאָן מיט פרייד.

די צווייטע עליה נעמט אויף די דריטע עליה

די חלוצים פון דער דריטער עליה זיינען ניט געווען אַזוי עלנט, ווי די מענטשן פון דער צווייטער עליה, וואָס זיינען געקומען מיט צוואַנציק יאָר פריער. זיי האָבן ניט געדאַרפט גיין זוכן אַ טאָג אַרבעט. שטיין מיטן רידל אויפן אַקסל און אויסקוקן אַז אַ קאָלאָניסט זאָל זיי אָנדינגען. די עלטערע חלוצים פון דער צווייטער עליה האָבן אויפגענומען די ניי-אָנגעקומענע, ווי ברידער. מען האָט זיי געהאָלפן זיך אָרגאַניזירן. די אַלטע שומרים האָבן זיי געלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט געווער, ווי זיך צו שיצן. אין די אַרבעטער ווירטשאַפטן האָט מען זיי באַגעגנט ווי אייגענע.

„גדוד עבודה״ — דער אַרבעטס-לעגיאָן

אין יאָר 1920 האָט זיך געגרינדעט אַ גרויסער אַרבעטער פאַראיין, „גדוד עבודה״, דאָס הייסט אַרבעטס-לעגיאָן. דער „גדוד עבודה״ האָט אויפגעשטעלט אַ לאַגער אין גליל, פון אַ 300 מענטשן. דעם לאַגער האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „מחנה יוסף״ אויפן נאָמען פון יוסף טרומפּעלדאָר. אין ראש העין האָט זיך איינגעשטעלט אַ אָפּטיילונג פון „גדוד עבודה״, וואָס האָט געהאַט קרוב צו 400 מענטשן. דער „גדוד עבודה״ האָט געבויט וועגן, האָט געלייגט שינעס פאַר אייזנבאַנען. האָט געטריקנט די זומפּן. דער „גדוד עבודה״ האָט מיט אימפּעט געבויט ארץ ישראל.

אין אַ יאָר אַרום נאָך זיין גרינדונג, האָט דער „גדוד עבודה״ גע-האַט אַ צוזאַמענפאַר. עס זיינען געקומען דעלעגאַטן פון אַלע אָפּטיילונגען. זיי האָבן באַשלאָסן צו שאַפן גרויסע ערד-אַרבעטער ווירט-שאַפטן, גרעסערע ווי כנרת און גרעסערע ווי דגניה.

דער „גדוד עבודה״ האָט געשיקט מענטשן קיין חיפה אויף לערנען זיי בוי אַרבעט. אין דעם „גדוד עבודה״ זיינען געווען מענער און פרויען. אויך די פרויען האָבן געטאָן די שווערסטע אַרבעט. אַ פרוי, אַ חלוצה, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר געוואַגטע אונטערנעמונגען. אַ חלוצה איז געווען אַ בויערן פון לאַנד — מיטן האַמער, מיטן רידל און מיט דער ביקס.

די ווייסע געצעלטן פון די חלוצים

הונדערטער ווייסע געצעלטן האָבן די חלוצים און חלוצות פון דער דריטער עליה אויסגעשטעלט לעבן די וועגן, וואָס זיי האָבן געבויט, לעבן די שטיינער האַקערייען, וואו זיי האָבן געאַרבעט, לעבן די באַן ליניעס, וואָס זיי האָבן אויסגעלייגט איבערן לאַנד. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געאַרבעט. אין די אָוונטן האָבן זיי אָנגעצונדן שייטערן, געטאַנצט די „האָרא״ און געזונגען.

דער קרן קימת לייזט אויס דעם באָדן פון עמק, די חלוצים פון דער דריטער עליה בויען אים אויס

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָט מען אין ארץ ישראל קיין באָדן ניט געקאָנט קויפן. אויך צוויי יאָר נאָך דער מלחמה, ווען ארץ ישראל איז פאַרוואַלטעט געוואָרן פון ענגלישן גענעראַל אַלענבי, איז נאָך אַלץ ניט דערלויבט געווען צו פאַרגרעסערן דעם יידישן באָדן.

אין עמק יזרעאל זיינען געווען צוויי יידישע ישובים, מרחביה און תל־עדשים. זיי זיינען געווען עלנט און פאַרוואָרפן. זיי זיינען שטענדיק געווען באַדראָט פון אַראַבישע אָנפאַלן. מען האָט געמוזט דאָרט קויפן נאָך באָדן און אויסבויען מער יידישע ישובים.

הערבערט סעמועל — אַ ייד — ווערט געשיקט פון דער ענגלישער רעגירונג צו פאַרוואַלטן מיט ארץ ישראל

אין יאָר 1920 איז הערבערט סעמועל אָנגעקומען קיין ארץ ישראל אַלס ענגלישער „היי־קאָמישאָנער״. ער איז אַראָפּ פון שיף אין חיפה,

אַנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ באַגלייטונג פון ראַטגעבער. די יידישע באַפעלקערונג האָט אים אויפגענומען מיט פרייד און גרויסע האָפע־נונגען. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, אַז אַ ייד זאָל שטיין אין דער שפּיץ פון דער ארץ־ישראל רעגירונג.

ווען הערבערט סעמועל האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון לאַנד, האָט מען דערלויבט יידן קויפן באָדן.

יהושע כענקין האָט פערציק יאָר געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען מען וועט אויסלייזן דעם באָדן פון עמק יזרעאל

יהושע כענקין האָט געקויפט דעם באָדן פון חדרה, און דעם באָדן פון רחובות, און דעם באָדן פון כנרת און פון מרחביה און פון אַנדערע ישובים. ער איז געווען דער גרויסער אויסלייזער פון דעם באָדן פון ארץ ישראל.

פערציק יאָר האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויפן באָדן פון עמק יזרעאל. איצט, אין דער צייט פון הערבערט סעמועל, איז געקומען דער טאָג. ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּקויפן דעם עמק יזרעאל. מיט דעם פאָרשלאַג איז ער געקומען צו דעם קרן קימת.

מנחם מענדל אוסישקין הייסט קויפן דעם באָדן

די פאַרוואַלטער פון קרן קימת האָבן דעם באָדן ניט געוואָלט קויפן. אין עמק יזרעאל זיינען געווען אַ סך זומפּן. די פאַרוואַלטער פון דעם קרן קימת האָבן געטראַכט, אַז מען וועט דאָרט קיין ישובים ניט קענען אויסבויען.

מנחם מענדל אוסישקין איז געווען דער הויפּט פירער פון קרן קימת. ער האָט פאַרשטאַנען ווי וויכטיק עס איז פאַרן יידישן ישוב צו האָבן דעם עמק יזרעאל. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם, און דער קרן קימת האָט אָפּגעקויפט אַ גרויסן שטח פון עמק. דער „גדוד עבודה" האָט געשיקט מענטשן, און אויף דעם באָדן זיינען אויס־געבויט געוואָרן די קיבוצים — עין חרוד, תל יוסף, בית־אלפא, חפצי־בה, די קבוצה גבע און דער קאָאָפּעראַטיווער דאָרף כפר יחזקאל.

עין חרוד



...שוב דרך אכר מן העברים, חורש בא וזורע על שדמות בר, ושוב נחרשו הרי אפרים כרמים, ולבבות מלאות הוזות מבין ערומות גרנות, ועוד אחת מעט וגם פעמי נביאים תשוטטנה.

(א. שטינמן: „העמק")

...ווידער איז אויפגעקומען אַ יידישער פויער. אַן אַקערער איז געקומען, און אַ זייער אויף יידישע פעלדער. וויינגערט־נער האָבן זיך באַוויזן אויף די בערג פון אפרים און מענטשן מיט פאַרחלומטע הערצער צווישן די שייערן. אָט באַלד, אָט באַלד וועט מען ווידער הערן די טריט פון נביאים...

עין חרוד איז אַ גרויסער קיבוץ, וואו עס זיינען דאָ ביי אַ פופצן הונדערט מענטשן. ער געפינט זיך אין עמק יזרעאל, ביים באַרג גלבוע, ניט ווייט פון קוואַל עין הרוד. דעריבער רופט זיך דער קיבוץ עין חרוד.

דער אָנהויב פון עין חרוד

אין איין שיינעם טאָג, אין יאַר 1921, איז פון עפולה אַרויסגעפאָרן אַ שורה וואָגנס. אויף די וועגענער זיינען געווען אָנגעלאָדן פאַרשיידענע זאַכן: לייוונט, שטאַנגען, העק, טעפּ, קעסלען, געפעס, גראָב־אייזנס, פעסער, זעק מיט שפּייז און אַנדערע זאַכן. אַרום די וועגענער זיינען געגאַנגען גרופּעס בחורים מיט מיידלעך. פאָרויס איז געריטן דער העלדישער „שומר" צבי ניסאַנאָוו אויף זיין שטאָלצן פערד, וואָס האָט געהייסן „שושנה". ער האָט געוויזן דעם וועג, וואָס פירט צום באַרג גלבוע. פינף און זיבעציק מענטשן זיינען זיי געווען. זיי זיינען געגאַנגען גרינדן דעם קיבוץ עין חרוד.

די אַראַבער פון די אַרומיקע דערפער זיינען אָנגעלאָפן זען, וואָס פאַראַ מחנה איז דאָס? וואָס טוט די מחנה אין עמק יזרעאל?

אויף זייערע פראַגעס האָט זיי דער „שומר" ניסאַנאָוו געענטפערט: דאָס זיינען רוסישע יידן, זיי פאָרן זיך באַזעצן אין עמק.

די אַראַבער האָבן קיינעם ניט אָנגערירט.

פלייסיק האָבן געאַרבעט די יונגע בחורים און מיידלעך אַ גאַנצן טאָג, מיט די העק און מיט די גראָבאייזנס אין די הענט.

פאַרנאַכט זיינען ביים באַרג גלבוע געשטאַנען ווייסע לייוונטענע געצעלטן. אַרום און אַרום איז געווען געמאַכט אַ שוץ־גראָבן. עטלעכע חברים האָבן גענומען ביקסן אין די הענט און מען האָט זיך געשטעלט היטן דעם נייעם ישוב, וואָס איז אַלט געווען איין טאָג. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון עין חרוד.

דער אַלטער קוואַל עין חרוד

דער קוואַל עין חרוד, וואו עס האָט זיך געבויט דער קיבוץ, איז אַן אַלטער קוואַל. גאָר, גאָר אַמאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, האָט ביי דעם קוואַל אַ יידישער קריגספירער גדעון געפירט מלחמה מיט די מדינים. עס ווערט דערציילט אין תנ״ך וועגן די גרויסע גבורות פון גדעון:

דרייסיק טויזנט מענטשן האָט ער געהאַט אין זיין אַרמיי. האָט גאָט געזאָגט צו אים: דו דאַרפסט ניט אַזויפיל מענטשן. שיק אַוועק די וואָס האָבן מורא צו גיין אין קריג. איך וועל דעם שונא איבערגעבן אין דיינע הענט. האָט גדעון געזאָגט צו זיינע מענטשן: ווער עס האָט מורא זאָל גיין אַהיים. זיינען צוואַנציק טויזנט אַוועק צו זייערע היימען. האָט גאָט געזאָגט צו גדעונען: עס איז נאָך אַלץ אַ צו גרויסע אַרמיי. גיי אַראָפּ מיט דיינע מענטשן צום קוואַל עין חרוד. דאָרט וועסטו אויסקלייבן די גבורים, וואָס וועלן גיין מיט דיר פאַרטרייבן די שונאים. די וואָס וועלן זיך איינבויגן צום קוואַל און אָנשעפּן וואַסער אין די הויפּנס, און טרינקען, יענע זאָלסטו מיטנעמען אין קריג. און די וואָס וועלן זיך אויסציען אויף דער ערד און מיטן מויל טרינקען דאָס וואַסער פון קוואַל — יענע זאָלסטו אַוועקשיקן.

דריי הונדערט מענטשן האָבן אָנגעשעפּט דאָס וואַסער אין די הויפּנס און געטרונקען. האָט גאָט געזאָגט צו גדעונען: מיט דריי הונדערט זאָלסטו באַפאַלן די לאַגערן פון שונא. איך וועל דעם שונא איבערגעבן אין דיינע הענט.

און דער שונא איז געווען שטאַרק. די מדינים האָבן געהאַט גרויסע מחנות מענטשן. אייזערנע רייט־וואָגנס האָבן זיי געהאַט, קאַראַוואַנען מיט קעמלען און העלעפאַנטן. גדעון מיט זיינע דריי הונדערט גבורים האָבן גענומען שטורקאַצן און שופרות אין די הענט. ביינאַכט זיינען זיי באַפאַלן דעם לאַגער פון די מדינים. זיי האָבן אָנגעצונדן די שטורקאַצן און האָבן געבלאָזן אין די שופרות און זיי האָבן געשריען: מיר פירן מלחמה פאַר גאָט און פאַר גדעון.

די מדינים האָבן זיך דערשראָקן פאַר די פלאַמען פון די שטורקאַצן, פאַרן געשאַל פון די שופרות. פאַר שרעק האָבן זיי זיך צעטומלט.

זיי האָבן געשטאָכן איינער דעם אַנדערן. אין דער בהלה איז זיך די גאַנצע מחנה פון מדין צעלאָפן.

דאָס איז געשען אַמאָל, אַמאָל, מיטן יידישן קריגספירער גדעון ביים קוואַל פון עין חרוד.

די חלוצים פון דער דריטער עליה ביים קוואַל פון עין חרוד

צו דעם אַלטן קוואַל זיינען געקומען די חלוצים פון דער דריטער עליה. אויך זיי האָבן באַוויזן גבורות ביים אַלטן קוואַל. דער באָדן איז געווען פאַרלאָזט און וויסט. די וואַסערן פון קוואַל האָבן טויזנטער יאָרן פאַרגאָסן די געגנט. עס איז געוואָרן אַ זומפּ. אין די היילן פון גלבוע האָבן ווילדע חזירים געמאַכט זייערע געלעגערס.

אויף דער וויסטעניש האָבן די חלוצים פון דער דריטער עליה אויסגעבויט אַ קיבוץ, וואָס איז איצט די שיינקייט פון עמק יזרעאל. ביז די קני אין בלאָטע זיינען זיי געשטאַנען און מיט עמערס געשעפּט און געשעפּט דאָס שמוציקע, פאַרשימלטע וואַסער. זיי האָבן אויסגע־טריקנט די פאַרגאָסענע פעלדער. זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט די שטיי־נער. מיט צוויי טראַקטאָרן האָבן זיי אויפגעאַקערט דעם באָדן. זיי האָבן געזאָגט: זיי וועלן בויען דעם גרעסטן קיבוץ. די „עין־חרודני־קעס" האָבן אַוועקגעשטעלט זייער אַ ברייטעווירטשאַפט: פון גרינסן און פון פרוכטן, פון הינער און אייער, פון קי און שעפּסן. זיי האָבן אויסגעבויט אַ פאַבריק וואָס אַרבעט אויס קעז פאַר אַלע קיבוצים אין עמק. זיי האָבן געזאָגט: זיי וועלן אויסבויען דעם רייכסטן קיבוץ.

ווי מען לעבט אין עין חרוד

פאַרטאָג קלינגט דער גלאָק פון עין חרוד. מען וועקט די באַפעל־קערונג צו דער אַרבעט. אין גלאָק קלינגט דער וועכטער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ ביקס אין דער האַנט און האָט געהיט דעם טויער פון קיבוץ.

אין עטלעכע מינוט אַרום, נאָכן קלינגען פון דעם גלאָק, הויבט אָן גאַנץ עין חרוד זיך באַוועגן. פון די ווייסע הייזער מיט די בלומען און ביימער ביי די פענצטער קומען אַרויס מענער און פרויען, די

חברים און חברות פון קיבוץ. אָנגעטאָן אין אַרבעטס-קליידער, גייען זיי אַלע צו דער גרויסער געביידע, וואָס שטייט אינמיטן ישוב. דאָס איז דער עס-צימער. אויף העברעאיש הייסט עס „חדר האוכל". דער „חדר האוכל" איז אַ שיינע געביידע, מיט גרויסע פענצטער, מיט אַ ברייטן באַלקאָן. פון די פענצטער און פון דעם באַלקאָן זעט מען דעם באַרג גלבוע, וואָס ליגט ווי אַ ריזיקער שטיינערנער בער, הויך ביזן הימל. מען זעט ביימער און גרינע לאָנקעס.

נאָר די חברים און חברות קוקן איצט ניט דורך די פענצטער. זיי איילן זיך צו דער אַרבעט. יעדערער עסט אָפּ פרישטיק: רעטאַך, ציבעלע, זופּ, קאַווע, ברויט און דזשעלע. אָפּגעגעסן און אַוועק.

די וואָס אַרבעטן אויף די פעלדער גייען ניט צופוס. זיי זעצן זיך אויף טראָקס, אָדער אויף טראַקטאָרן און פאָרן צו די פעלדער. דאָרט אַקערן זיי, זייען, אָדער זיי שניידן די תבואה אין דער צייט פון שניט.

די וואָס אַרבעטן אין די פּרדסים (פּאָמעראַנצן גערטנער), גייען אַוועק מיט אַ „פּיאַש" אין האַנט צו די פּרדסים. פרילינג שמעקן די פּרדסים אַזוי שטאַרק, אַז מען קען שיכור ווערן פון די ריחות. די אַר־בעטערינס פון די גרינס גערטנער מיט טיכלעך אויף די קעפּ, די זון זאָל זיי ניט ברענען, לאָזן זיך גיין צו זייערע בייטן. דאָרטן אַרבעטן זיי ביי די מערן, די אוגערקעס, די בוראַקעס, ציבעלע, סקוואַש, קאַר־טאָפל, קירבעס, קאַוואָנעס, פּעטרושקע, רעטאַך, ריבן, פּאַסטערנאַך — און אַנדערע גרינס וואָס וואַקסן אין עין חרוד.

די וואָס אַרבעטן אין די באַנאַנעס גערטנער גייען אַוועק צו די נידעריקע ביימלעך פון באַנאַנעס. די חברות, וואָס אַרבעטן ביי די הינער-שטייגן גייען געבן עסן די הינער, גרייטן צו פאַר זיי ריין וואַסער, קוקן זיך צו צי די הינער זיינען געזונט, לופטערן די שטייגן, זאַמלען אויף די אייער און טוען נאָך פאַרשיידענע אַרבעט, וואָס עס איז נויטיק ביי הינער-צוכט. אין עין-חרוד זיינען דאָ טויזנטער הינער. די חברות און חברים וואָס פאַרנעמען זיך מיט דער מילך-ווירטשאַפט, זיינען פאַרנומען בייטאָג און ביינאַכט. זיי גייען מעלקן די קי, ווען עס איז נאָך פינצטער. זיי וואַשן די מילך-שעפלען, גיבן די קי עסן, און רייניקן די שטאַלן.

די פּאַסטוכער, וואָס גיבן אַכטונג אויף די שאָף, פּאַרנעמען זיך מיט דער סטאַדע. זיי טרייבן די שעפּסן אויף פּאַשע.

דער דאָקטאָר פון קיבוץ גייט אין שפּיטאָל באַזוכן די פּאַציענטן. די קראַנקן שוועסטער טוט איר אַרבעט.

דער שוסטער זעצט זיך צו דער אַרבעט אין דער שוסטעריי. ער מאַכט שטיוול, שיך און שיכלעך פאַר די קינדער. ער מאַכט נייע שיך און פאַריכט אַלטע.

די שניידערקעס גייען אַוועק אין „מחסן". דאָס איז דער מאַגאַזין וואו עס געפינט זיך די וועש און די קליידער פאַרן גאַנצן קיבוץ. זיי נייען, זיי פאַריכטן. זיי זעען, אַז אַלע מענטשן פון קיבוץ זאָלן זיין באַנייט און באַקליידט. יעדער חבר פון קיבוץ באַקומט אין מחסן זיינע וועש און זיינע קליידער.

אין דער שלאָסעריי פון עין חרוד קאָכט ווי אין אַ קעסל. מען מאַכט צורעכט די מכשירים פון דער גאַנצער ווירטשאַפט. דאָרט אַרבעטן די מעכאַניקער און די שלאָסער. אויב עס ווערט קאַליע אַ טראַקטאָר, פאַריכט אים דער מעכאַניקער. אַ רידל, אַ „פּיאַש", אַ מעסער, אַ גראַבלע, אַ ראָד, אויב מען דאַרף פאַריכטן — דאָס טוט דער שלאָסער. אין דער שלאָסעריי קלינגען און קלאַפּן די האַמערס און עס רוישן די עלעקטרישע מאַשינעס.

שעה'ן פון רו

אַ זייגער צוועלף קלינגט דער גלאָק צו מיטאָג און צו רוען. די חברים און חברות רייסן איבער די אַרבעט. הונדערטער מענטשן קומען אין „חדר האוכל". מען זעצט זיך ביי די טישן, מען שמועסט. די חברים וואָס אַרבעטן אין עס-צימער פירן צו דאָס עסן צו יעדן טיש אויף אַ וועגעלע מיט רעדלעך. מען דערלאַנגט זופּ און גרינס, פיש אָדער פלייש, און פרוכט.ביים מיטאָג איז טומלדיק. מען שמועסט. אַ חברה, וואָס אַרבעט אין גאָרטן פון גרינס, האָט געבראַכט ווייזן אַ גרויסן מערן, וואָס וועגט אַ האַלבן פונט, אָדער אַ ריזיקע ציבעלע, וואָס וועגט אַ גאַנצן פונט, אָדער אַ בייכיקן קירבעס, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבן טיש. זי איז אַ ספּעציאַליסטקע אויף האָדעווען גרינס.

עס קומען צו חברים און חברות. מען קוקט, מען לויבט די אַרבעטערינס פון גרינס־גאָרטן. מען האָט הנאה. אַנדערע, עלטערע חברים און חברות, דערמאָנען זיך ווי אין דער ערשטער צייט אין עין חרוד האָט מען באַדאַרפט רייניקן דעם באָדן פון שטיינער. אַ גרעזל האָט דאָרט ניט געגרינט און איצט וואַקסן אַזעלכע גראַטענע קירבעסן און מערן און אַנדערע גרינסן אויף דעם באָדן. נאָך מיטאָג האָט מען דריי שעה צום רוען. עס זיינען די סאַמע הייסע שעה'ן פון טאָג. אַרבעטן אין דער היץ קען מען ניט.

יעדערער גייט אַוועק צו זיך אין וואוינונג זיך אָפּרוען, אין „חדר האוכל" ווערט שטיל. די חברים, וואָס אַרבעטן אין „חדר האוכל" רייניקן אָפּ די טישן. פייגעלעך פליען אַריין דורכן פענצטער כאַפּן די ברעקלעך. זיי פילן זיך דאָ ווי אין דער היים. קיינער טשעפּעט זיי ניט. מען זעצט זיי ניט אין קיין שטייגלעך. זיי זיינען די פרייע פייגל פון עין חרוד.

דער קבוץ האָט אייגענע שפּייז

די פּראָדוקטן וואָס ווערן באַנוצט אין עס צימער זיינען זייערע אייגענע. מילך, קעז און פּוטער — פון די אייגענע קי. אייער פון די אייגענע הינער. גרינס פון די אייגענע גערטנער. פּרוכט פון די סעדער. גרעיפּ־פרוכט, פּאָמעראַנצן — פון די פּרדסים. וויינטרויבן פון די אייגענע וויינגערטנער.

די וואוינונג פון אַ חבר אין עין חרוד

יעדע משפחה האָט פאַר זיך אַ צימער מיט אַ ווערענדע. אַנדערע האָבן אַ שאַנק מיט ביכער. אין צימער איז דאָ אַ ראַדיאָ, אַן עלעקטרישע קאָפּעיניק אויף מאַכן אַ טעפּל קאַווע פאַר זיך, אָדער פאַר אַ גאַסט. קיין קיך ביי זיך אין דער דירה האָבן זיי ניט, ווייל זיי עסן אין „חדר האוכל".

ווען די היץ פאַלט אָפּ, און אַלע מענטשן האָבן זיך שוין אַביסל אָפּגערוט — גייען זיי צוריק צו דער אַרבעט. מען אַרבעט אַכט שעה אַ טאָג, און אַמאָל צען שעה.

דער „מחסן" — קליידער מאַגאַזין פון עין חרוד האָט זיין געשיכטע

די חברות וואָס אַרבעטן אין מחסן, נייען העמדער, קליידער, בלוזקעס — זיי האָבן אַ סך צו דערציילן.

מיט יאָרן צוריק, ווען עין חרוד האָט זיך אָנגעהויבן בויען, איז דער מחסן געווען כמעט אַ ליידיקער. די חברים און חברות, וואָס זיינען געקומען אין עין חרוד האָבן מיטגעבראַכט זייערע קליינע פעקלעך: אַ פּאָר העמדלעך, אַ פּאָר הויזן, אַ קליידל — דאָס איז געווען דער גאַנצער באַגאַזש. ביי דער אַרבעט, ביים אויסהאַקן די דערנער, ביים שלעפּן די שטיינער — זיינען די בגדים צעריסן געוואָרן. די חברות פון מחסן זיינען געזעסן גאַנצענע טעג און געלייגט לאַטעס.

אַ פּאָר הויזן זיינען ביי אַ חבר צעריסן געוואָרן, האָט מען זיי קירצער געמאַכט, און פון דעם אַראָפּגעשניטענעם שטאָף געמאַכט אַ שיינע לאַטע. זומער אין די הייסע טעג, זיינען די חברים געגאַנגען האַלב נאַקעט. עס איז ניט געווען גענוג העמדער פאַר אַלעמען, אויף טראָגן יעדן טאָג.

די אַראַבער האָבן גערופן די עין-חרודניקעס „שבט בני ערומים", „דער שבט פון די אָפּגעריסענע". די חברים און חברות האָבן ווייניק געזאָרגט וועגן דעם. זיי האָבן געאַרבעט בייטאָג און געטאַנצט די האָרא אין די אָוונטן, טאַקע אין די געלאַטעטע קליידער, און זיי זיינען געווען גליקלעך.

בלויז ווען אַ חבר האָט באַדאַרפט פאָרן אין שטאָט, אין חיפה, אָדער אין תל-אביב, דעמאָלט האָבן די חברות פון מחסן אויסגעזוכט פאַר אים אַ העמד און אַ פּאָר הויזן אָן לאַטעס. ער איז געפאָרן אין שטאָט אַן אויסגעפּוצטער.

אַזוי דערציילן די עלטערע חברות, וואָס אַרבעטן אין מחסן.

די שוסטער דערציילן אויך אַן ענלעכע מעשה

אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט מען אין עין חרוד אויף די שיך געלייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. דער „שבט בני ערומים" האָט ניט

געהאַט קיין גאַנצע שיך. גאַר אַ סך זיינען אַרומגעגאַנגען באָרוועס. איצט האָט יעדערער זיינע אַרבעטס־שיך, און שיך צום טראָגן נאָך דער אַרבעט. מען איז שוין געוואָרן אַזעלכע „גבירים", אַז מען האָט אַפילו שטעק שיך. מען איז באַקליידט און באַשוכט אויפן שענסטן אופן.

דער מוזעאום פון עין חרוד, דער „משכן"

די עין חרודניקעס האָבן אויסגעבויט אין קיבוץ אַ מוזעאום פאַר בילדער. זיי רופן דעם מוזעאום „משכן". אין „משכן" זיינען אויס־געשטעלט בילדער און סקולפּטורן פון יידישע מאָלער און קינסטלער פון ארץ ישראל און אַנדערע לענדער. דער „משכן" איז די צירונג פון עין חרוד.

זיי האָבן אין עין חרוד אַ קולטור הויז, וואָס רופט זיך בית שטורמאַן, אויפן נאָמען פון איינעם פון די גרינדער פון עין חרוד. דער בית שטורמאַן פאַרנעמט זיך מיט פאָרשונגען פון דער נאַטור אין עמק: די פייגל וואָס זיינען דאָ אין עמק, די געוויקסן, דער באָדן — די מינים שטיינער, זאַמדן, ליים.

אין עין חרוד איז דאָ אַ דרוקעריי מיט מאָדערנע מאַשינעס, דאָרט ווערן געדרוקט ביכער וואָס ווערן פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

אין עין חרוד גייט אַרויס יעדע וואָך אַ צייטונג וועגן די געשע־ענישן אין קיבוץ. די חברים פון עין חרוד האָבן געזאָגט: מיר וועלן זיין דער קולטורעלסטער קיבוץ אין לאַנד.

עין חרוד איז דער קיבוץ וואו עס איז דאָ אַרבעט און תורה און שיינקייט. ער איז דער לייכט־טורעם פון עמק.

נהלל

רכה היא האדמה בעמק יזרעאל ואנו נשאים עליה בקלות כזו, כרוח הקלה המנופפת עתה את הקמה כבדת־השבלים, כשירת החוגה, המפכפכת בשכחת־צהרים מסתר הדשאים ונוסכת על השדות החמים נמנומי־נגה.

. . . אכן, טוב להתהלך בשעה זו בנהלל.

(יעקב פיכמן)

ווייך איז די ערד אין עמק יזרעאל, און מיר טראָגן זיך איבער איר מיט אַזאַ גרינגקייט, ווי דער לייכטער ווינט וואָס גלעט די פולע זאַנגען, ווי דאָס געזאַנג פון דעם פעלד־פויגל וואָס טויכט אַרויף אין רו פון מיטאָג־צייט פון די גראָזן און שפּרייט אויס איבער וואַרעמע פעלדער די דרימלונג פון ליכט.

יאָ, עס איז גוט אַרומצוגיין אין דער שעה אין נהלל.

נעבן די בערג פון נצרת ליגט דער „מושב עובדים״, דער אַרבעטער דאָרף נהלל. די איינוואוינער פון נהלל זיינען זייער שטאָלץ מיט זייער דאָרף — נהלל איז געווען דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעטער דאָרף אין ארץ ישראל.

אליעזר יפה שרייבט אַן אַ ביכעלע וועגן אַ דאָרף. מען לייענט דאָס ביכעלע און מען בויט אויס אַ דאָרף

אין יאָר 1918 האָט אליעזר יפה אָנגעשריבן אַ קליין ביכעלע וועגן אַ „מושב עובדים״, וואו ער האָט געגעבן אַ פּלאַן פון אַ יידישן דאָרף, ווי מען דאַרף אים בויען און ווי מען דאַרף דאָרט לעבן. יעדערער דאַרף האָבן זיין הויז, און זיין פעלד, און זיין גאָרטן. ער אַליין מיט זיין ווייב און זיינע קינדער דאַרפן דאָס פעלד און דעם גאָרטן באַאַר־בעטן. קיין געדונגענע אַרבעטער טאָר ער ניט נעמען. ער דאַרף לעבן פון זיין אייגענער אַרבעט. אַזוי האָט אליעזר יפה געשריבן אין דעם ביכעלע.

די משפחות וואָס וואוינען אין דעם דאָרף דאַרפן העלפן איינע די אַנדערע. טאָמער איינער ווערט קראַנק און קען נישט גיין אַקערן זיין פעלד, דאַרפן די שכנים קומען פאַרבייטן אים אין דער אַרבעט. טאָמער אַ פרוי אין אַ משפחה ווערט קראַנק און קען ניט גיין מעלקן אירע קי, דאַרפן קומען די שכנות און אויסמעלקן אירע קי. אָט אַזוי האָט אליעזר יפה געשריבן אין זיין ביכעלע.

יידישע אַרבעטער פון ארץ ישראל האָבן דאָס געלייענט און עס איז זיי געפעלן געוואָרן. עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ הונדערט דריי־סיק אַרבעטער, מענער און פרויען און האָבן געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „מושב עובדים״. דער „מושב עובדים״ האָט באַשלאָסן צו בויען אַ דאָרף. דער קרן קימת האָט זיי געגעבן באָדן אין עמק יזרעאל. אַכט טויזנט דונאָם לאַנד פאַר 80 משפחות.

דריי שליחים פון „מושב עובדים" גייען באַקוקן דעם באָדן

אין אַווינטערדיקן טאָג, זיינען אַרויס דריי מענטשן פון „מושב עובדים" באַטראַכטן דאָס אָרט וואו זיי דאַרפן בויען דעם נייעם ישוב. קיין אויסגעלייגטער וועג איז נישט געווען. זיי האָבן געדאַרפט קלעטערן אויף בערג און שפּרינגען איבער שטיינער, ביז זיי האָבן דערזען אַן אַראַביש דערפל אין די בערג. די אַראַבישע באַפעלקערונג איז געווען אַן אָרעמע. אַ סך קראַנקע פון מאַלאַריע. קיין דאָקטאָר האָבן זיי קיינמאָל פאַר די אויגן ניט געזען. די קי זיינען אַרומגעגאַנגען דאַרע, נידעריקע, הונגעריקע.

דער גיפטיקער קוואַל

אין דער געגנט זיינען געווען פיר קוואַלן. איינעם פון די קוואַלן האָט מען גערופן דער „גיפטיקער קוואַל". די אַראַבער האָבן געזאָגט, אַז ווער עס טרינקט דאָס וואַסער פון דעם קוואַל, ווערט פאַרסמט. אַרום די קוואַלן האָבן זיך געצויגן פיר גרויסע זומפּן.

די דריי שליחים זיינען געוואָרן טרויעריק. „וויאַזוי וועלן מיר דאָ בויען אַ ישוב"? האָט איינער געפרעגט.

„מיר וועלן אויסטריקענען די בלאָטעס און עס וועט זיין גוט" — האָט אַ צווייטער געענטפערט. אַלע דריי זיינען געווען פאַרטראַכט. זיי זיינען געגאַנגען און געשוויגן.

דער דאָקטאָר זאָגט: ניין, און די חברים פון „מושב עובדים" זאָגן: יאָ

אַ דאָקטאָר איז אַרויסגעפאָרן אויספאָרשן די געגנט פון נהלל. ער האָט געזאָגט, אַז פריער מוז מען אויסטריקענען די זומפּן, אויסרייניקן די קוואַלן, אויסראָטן די מאָסקיטעס — און שפּעטער בויען דעם דאָרף. אָבער די חברים פון „מושב עובדים" האָבן אים ניט געפאָלגט. — „אויב מיר וועלן דאָס ניט טאָן, ווער וועט עס טאָן"? האָבן זיי געזאָגט, און זיי האָבן אָנגעהויבן בויען נהלל.

ליכט אין אַ יידישן פענצטער אין די בערג

אין איינעם אַן אָוונט האָט זיך באַוויזן ליכט אין אַ הייזל, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט שטרויענע ראַגאָזשעס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע ליכט פון נהלל. יידן זיינען דורכגעפאָרן אויפן שאָסיי קיין חיפה און האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן קיינמאָל ניט געהאַט וואו זיך אָפּצושטעלן אויף דעם וועג — איצט האָבן זיי דאָ אַ יידישן ישוב. עס איז געקומען אַן אַלטער ייד, אַ דורכגייער. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אָוועקגעשטעלט און געמאַכט אַ ברכה: „שהחיינו". אַ סך מאָל איז ער געווען אין עמק יזרעאל, ער האָט דאָ קיינמאָל קיין יידיש וואָרט ניט געהערט. איצט האָט ער דערלעבט דאָ צו טרעפן אַ יידישע טיר.

300 חלוצים קומען אויסטריקענען די זומפּן

דער קרן קימת האָט אויסגעגעבן 20 טויזנט פונט אויף אויסטריקענען די זומפּן אַרום נהלל. 300 חלוצים האָבן געאַרבעט. מען האָט אָפּגעצויגן דאָס וואַסער פון די זומפּן אין גראָבנס. אַפילו דער גיפּטיקער קוואַל איז אויסגערייניקט געוואָרן, מען טרינקט פון אים וואַסער און קיינעם פאַרשאַדט עס נישט. די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון ארץ ישראל און דער קרן קימת האָבן געזאָרגט, אַז נהלל זאָל ניט האָבן דעם גורל פון חדרה, וואו די איינוואוינער זיינען יאָרן לאַנג אומגעקומען פון מאַלאַריע. אין נהלל האָט מען אין איין יאָר צייט אויסגעטריקנט די זומפּן. אויפן אָרט, וואו עס זיינען געווען די זומפּן, האָט מען פאַראַקערט דעם באָדן און דאָרט זיינען געוואָרן פרוכטבאַרע פעלדער.

וואָס עס דערציילן חברות פון נהלל

„מיר זיינען געקומען אַ גרופּע חלוצים פון אויסלאַנד. אַלע האָבן געוואָלט גיין אין אַ קבוץ. מיר איז אויך געווען געפעלן דאָס לעבן אין אַ קיבוץ: אַרבעטן צוזאַמען מיט נאָך חברות און חברים, עסן מיט אַלעמען אין חדר אוכל, פאַרברענגען צוזאַמען, זיין אַ מיטגליד

פון אַ גרויסער משפחה. אָבער מיין מאַן האָט געהאַט מער חשק צו וואוינען אין אַ „מושב עובדים”. ער האָט געוואָלט האָבן זיין אייגענעווירטשאַפט: זיין אייגן הויז, זיינע אייגענע קי, און אייגענע פעלדער. מיר זיינען אַוועק אין „מושב עובדים” — נהלל. מיר האָבן באַאַרבעט אַליין אונדזער שטיקל פעלד, און אַרום אונדזער הויז האָבן מיר פאַרפלאַנצט ביימער און בלומען.

מיין פינף יאָריקער זון קען שפּאַנען אַ מויל-אייזל

„איינמאָל בין איך געפאָרן אין פעלד רייסן קוקורוזע. איך האָב מיטגענומען מיין פינף-יאָריקן זון און מיין קליין מיידעלע. מיין זון האָט מיר געהאָלפן איינשפּאַנען דעם אייזל און האָט מיר געוויזן ווי מען דאַרף דאָס טאָן, עס זאָל זיין גרינגער. ער האָט געקענט בעסער איינשפּאַנען דעם אייזל פון מיר. דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט: דו האַלט צו דאָס קינד, און איך וועל רייסן די קוקורוזע. עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער איז נאָך צו קליין און קען ניט אָנלאָדן די קוקורוזע אויפן וואָגן.

„ווען מיר זיינען געפאָרן צוריק האָבן מיר געזען אונדזער שכנס זון אַרבעטן אין זייער ווייַנגאָרטן. מיין קליינער זון האָט מיר געזאָגט: מאַמע, ווען איך וועל אויסוואַקסן וועל איך אונדזער ווייַנגאָרטן באַאַרבעטן פריער ווי אונדזער שכן. מיין זון איז שוין געווען אַן אמת'ער ערד אַרבעטער.

דער טאָג איז פול מיט אַרבעט

„אינדערפרי גייט מיין מאַן אַרויס אין פעלד. איך בלייב אין שטוב מיט די דריי קינדער. אין הויף דרייען זיך אַרום הונדערטער הינדעלעך. איך גיב זיי קערנער. אין שטאַל וואַרטן די קי מען זאָל זיי געבן עסן און טרינקען. מ'דאַרף באַגיסן דעם גאָרטן, די יונגע שפּראָצן פון די גרינס זאָלן ניט פאַרדאַרט ווערן. מיין עלטער מיידעלע גייט אַוועק אין שול. די קליינע זיינען אין שטוב. מען דאַרף איבערטראָגן די וואַסער רער פון איין בייט צום אַנדערן. איך ענדיק איין אַרבעט און נעם זיך צו אַ צווייטער. ווען דער מאַן קומט פון

פעלד, איז צוגעגרייט האָבער אין קאָריטע פאַר זיין מויל-אייזל. פאַר אונדז אַלעמען איז אָפּגעקאָכט אָוונטברויט. ווי גליקלעך מיר זיינען, וואָס אונדזערע קינדער האָדעווען זיך אויף אונדזער אייגן פעלד און אונדזער אייגן ברויט".

(פון זכרונות פון צ. ד.)

די ערשטע צייט אין נהלל

„איך בין געקומען אין נהלל און געוואוינט אין אַ געצעלט. שבת זיינען מיר, איך און מיין מאַן, אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טאָן אויף אונדזער שטיקל פעלד. מיר זיינען געגאַנגען צווישן דערנער און מיר האָבן דערזען אַ שטעקן אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד. אויפן שטעקן איז געווען דער נומער 37. דאָס איז געווען אונדזער שטיקל באָדן. מיר זיינען געבליבן שטיין באַגייסטערטע. דאָס איז דאָס אָרט וואו מיר וועלן בויען אונדזער הויז, פאַר זיך און פאַר אונדזערע קינדער!

„מען האָט אָנגעהויבן בויען די הייזער. פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט האָט מען איבערן לאַגער געהערט דאָס קלינגעריי און קלאַפּעריי פון העק און האַמערס. ווען מען האָט געענדיקט, האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן פון געצעלט אין אונדזער הויז. מיר האָבן אַליין געמאַכט אַ טיש, בענק און אַ קליין טישעלע פאַר די קינדער. אַלץ איז געווען ווייס, און עס האָט געשמעקט מיט פרישן האָלץ.

„דערווייל האָט מען פאַראַקערט די פעלדער. מיר האָבן אויסגעבויט אַ שטאַל. מען האָט געבראַכט קי און הינער. אַרבעט איז געווען אַ סך. מיר האָבן געהאַט ווייניק וועש און קליידער. איך האָב געמוזט זיצן לאַנגע שעה'ן און לייגן לאַטעס. איך האָב געמוזט יעדן אָוונט רייניקן די קינדערשע שיך, וואָס זיינען געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע. מען האָט געמוזט האָבן אַ סך כח אויף בלייבן אַן איינוואוינערין פון נהלל".

(זכרונות פון אַ חברה פון נהלל)

דעם ערשטן יאָר זיינען אין נהלל געווען 142 מענטשן — מענער, פרויען און קינדער. איצט איז עס אַ גרויסער דאָרף פון אַ טויזנט מענטשן.

אינמיטן דאָרף שטייט די געביידע פון דעם פאָלקס־הויז. אין פאָלקס־הויז מאַכט מען פאַרזאַמלונגען, מוזיקאַלישע אָוונטן, לעקציעס. דאָס פאָלקס־הויז געהערט צו אַלע איינוואוינער פון נהלל.

אינמיטן דאָרף שטייט אויך דאָס מילך הויז פון נהלל. אַלע חברות ברענגען אַהין די מילך פון זייערע קי, און מען פאַרקויפט עס צוזאַמען דורכן קאָאָפּעראַטיוו פון דאָרף. קיינער נעמט נישט טייערער און קיינער נעמט נישט ביליקער.

עס איז אויך דאָ אַ געביידע, אַ מאַגאַזין, פאַר די גרינסן און פרוכטן. יעדער משפחה שטעלט צו די עפּל, די באַרנעס, די ווייַנטרויבן, און די גרינס פון אירע גערטנער און פעלדער אין דעם מאַגאַזין. מען פאַר־קויפט עס צוזאַמען דורכן זעלבן קאָאָפּעראַטיוו. ווער עס האָט גע־בראַכט מער גרינס און פרוכט — באַקומט מער געלט. ווער עס האָט געבראַכט ווייניקער — קריגט ווייניקער.

לאָמיר ווייזן וואָס מיר קענען טאָן

מיט אַ פערציק יאָר צוריק, ווען עס איז נאָך נהלל ניט געווען, איז געקומען אַ חברה חנה מייזל קיין כנרת. זי האָט גערופן אַ פּאָר חברות, זי איז מיט זיי אַרויף אויף אַ בערגל און האָט זיי געזאָגט: לאָמיר מאַכן אַן אייגענעם גאָרטן פון גרינס, וואָס נאָר די חברות זאָלן אים באַאַרבעטן. לאָמיר ווייזן וואָס מיר קענען אויפטאָן אַליין, אָן די חברים. אַזוי איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע אַגריקולטור־שול פאַר מיידלעך אין כנרת.

איצט פירט אָן חנה מייזל מיט אַ גרויסער אַגריקולטור־שול אין נהלל. חנה מייזל האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט אין דער צייט פון דער צווייטער עליה. זי האָט געלערנט ערד אַרבעט די חברות פון דער דריטער עליה און פון די שפּעטערדיקע עליות. די אַגריקולטור־שול אין נהלל קען דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע וויאַזוי יידישע פרויען זיינען געוואָרן ערד־אַרבעטערינס אין ארץ־ישראל.

ווען דער אַלטער דורכגייער, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געמאַכט „שהחיינו" אויף דעם ערשטן ליכט אין נהלל, וואָלט איצט געקומען, וואָלט ער זיך זייער געפרייט. ער וואָלט געזען אַ שיינעם גרינעם

יידישן דאָרף. ער וואָלט ניט געגלויבט, אַז מען שיקט אַרויס פון די ווירטשאַפטן פון נהלל הונדערטער טויזנטער אייער צום פאַרקויפן, מילך, טאָנען מיט פרוכטן און גרינסן.

און אַ יונגער דור איז אויסגעוואַקסן אין נהלל. קינדער, וואָס זיינען דאָרט געבאָרן געוואָרן האָבן שוין אייגענע ווירטשאַפטן אין נהלל.

איינער פון די קינדער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן און אויסגע־וואַקסן אין נהלל, איז אין דער צייט פון דער באַפרייאונגס־מלחמה געוואָרן אַ קאָמאַנדיר אין דער ישראל אַרמיי. זיין נאָמען איז משה דיין, דער זון פון איינעם פון די גרינדער פון נהלל, שמואל דיין.

פאַר די נייע אַרבעטער דערפער אין ארץ ישראל איז דער אַלטער „מושב עובדים" נהלל אַ מוסטער — ווי מען דאַרף באַאַרבעטן די ערד און ווי מען דאַרף לעבן.

די „הסתדרות"

דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ אין חיפה אין 1920, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „הסתדרות".

במרכזה עומד המפעל המגשם: התישבות, יצירת משק־עבודה, הכנסת המונים לארץ, חדירה לעבודה, קליטה בכל ענפי המשק בעיר ובכפר.

(ברל כצנלסון)

די הויפּט־אויפגאַבע פון דער הסתדרות איז די טאָג־טעגלעכע פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם: באַזעצן יידן אויפן לאַנד, שאַפן אַרבעטער־ווירטשאַפטן, אַריינברענגען אַ סך יידן קיין ארץ ישראל, אַריינדרינגען אין אַלע פאַכן פון אַרבעט, זיך איינגלידערן אין אַלע אונטערנעמונגען אין שטאָט און אין דאָרף.

עס איז געווען אַ הייסער זומערדיקער טאָג. אין אַן אויטאָבוס, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן, איז אַריין אַ פרוי מיט אַ פּעקל אין האַנט. זי האָט אַ שטעל געטאָן דאָס פּעקל אויף דער ערד און האָט באַוויזן דעם שאָפער אַן אַדרעס. זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל איר אָנזאָגן, וואו זי דאַרף אַראָפּגיין. דער שאָפער האָט געזען, אַז די פרוי איז אַ נייע אין לאַנד, זי קען ניט די שטאָט, איר פּנים איז פאַרזאָרגט און זי איז מיד. ער האָט זי געפרעגט: — „איר זיינט אַ נייגעקומענע?" — „יאָ, אַן עולה חדשה" — האָט אים די פרוי געענטפערט. — „איך זוך מיינע קרובים". — „זייט רואיק, איך וועל אייך ברענגען גלייך צו זייער טיר". — די פרוי האָט זיך דערפרייט. די מידקייט פון איר פּנים איז פאַרשוואונדן.

פלוצלונג האָבן די פּאַסאַזשירן אין אויטאָבוס אָנגעהויבן שרייען צום שאָפער: „וואוהין פאָרט איר?" „איר זיינט דאָך אַראָפּ פון וועג".

דער שאָפער האָט זיי געענטפערט: — „מסתם דאַרף איך אַראָפּגיין פון וועג, אַז איך בין אַראָפּ". ער האָט געקירעוועט דעם אויטאָבוס פון איין גאַס אין דער אַנדערער. דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ הויז און דער שאָפער האָט געזאָגט צו דער פרוי: „דאָ דאַרפט איר אַראָפּגיין". ער האָט איר אָנגעוויזן די טיר, וואו זי דאַרף אַריין.

די פרוי האָט אים געדאַנקט און איז אַראָפּ. די פּאַסאַזשירן זיינען געווען בייז און האָבן געליאַרעמט. אַן אויטאָבוס זאָל ניט גיין מיט זיין וועג? צוליב איין פרוי שלעפּן אַלעמען איבער דער שטאָט? דעמאָלט האָט דער שאָפער געזאָגט צו זיי: „זאָל זיך יעדערן פון אייך דאַכטן, אַז איר האָט געהאָלפן אַן עולה חדשה געפינען אירע קרובים און צוטראָגן איר דעם פּעקל אין אַזאַ הייסן טאָג. איך בין אַ מיטגליד פון דער „הסתדרות". מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, ווען מיר האָבן געגרינדעט די „הסתדרות" איז ביי אונדז געווען דער ערשטער פּונקט:

העלפן נייע עולים, זיין צו זיי ווי ברידער. איך האָב דאָס נאָך ניט פאַרגעסן".

די גרינדונג פון דער הסתדרות

שבת-צו-נאַכט, חנוכה, אין יאָר 1920, האָבן זיך הונדערטער מענטשן געצויגן צו דער געביידע פון טעכניקום אין חיפה. אייניקע זיינען צוגעפאָרן מיט וועגענער, אַנדערע זיינען געקומען צופוס. עס איז געווען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון אַלע אַרבעטער פון ארץ ישראל. עס זיינען געקומען דעלעגאַטן פון די ערד-אַרבעטער, פון די בוי-אַרבע־טער, פון שוסטער, פון שניידער, פון טעכניקער, שלאָסער, דרוקער. עס איז געקומען אַ גרויסע גרופע שטיינהאַקער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אויסלייגן שאָסייען. עס זיינען געווען מענטשן פון דער צווייטער עליה, שוין מיטליעריקע מענטשן, וואָס זיינען געווען אין לאַנד פופצן־צוואַנציק יאָר. עס זיינען געווען יונגע פון דער דריטער עליה, וואָס זיינען נאָר וואָס געקומען קיין ארץ ישראל. עס זיינען געווען מענער און פרויען, זיי האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט, זיי האָבן געוואָלט גרינדן אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער און צוזאַמען בויען ארץ ישראל.

איינער האָט געזאָגט: עס קומען אָן נייע חלוצים קיין ארץ ישראל. מען דאַרף פאַר זיי שאַפן אַרבעט. ווער וועט עס טאָן? דאָס דאַרפן טאָן די אַרבעטער אַליין. אַ צווייטער האָט געזאָגט: אַז אַן אַרבעטער ווערט קראַנק, האָט ער ניט קיין שפּיטאָל, וואו צו ליגן. מען דאַרף בויען שפּיטעלער, ווער וועט עס טאָן? דאָס דאַרפן טאָן די אַרבעטער פון ארץ ישראל. אַ דריטער האָט געזאָגט: מען דאַרף בויען נייע אַר־בעטער דערפער, כדי די ערד פון ארץ ישראל זאָל ניט זיין וויסט, נאָר זאָל זיין פאַראַקערט און פאַרזייט. ווער וועט בויען נייע אַרבעטער דערפער? דאָס דאַרפן טאָן די אַרבעטער אַליין.

אַ גאַנצע וואָך זיינען געווען באַראַטונגען. צוויי מאָל איז מען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט. נאָך אַלע באַראַטונגען האָט מען באַשלאָסן, אַז עס ווערט געגרינדעט אַ נייע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אַרבעטער פון לאַנד. מ'האָט די אָרגאַניזאַציע אַ נאָמען געגעבן די „הסתדרות". (ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל.)

אַ גרויסע פרייד האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען, ווען מען האָט גע־מאָלדן, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן די „הסתדרות". מען האָט אַוועקגערוקט די בענקלעך און מען האָט געטאַנצט און געזונגען, און זיך אָפּגעגעבן „מזל טוב". די הסתדרות וועט בויען דאָס לאַנד.

אין דער הסתדרות האָבן זיך פאַרשריבן פיר טויזנט פינף הונדערט מיטגלידער. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע צאָל מענטשן צו יענער צייט, ווייל אין גאַנצן לאַנד זיינען דעמאָלט געווען אַ 60־70 טויזנט יידן.

צווישן די גרינדער פון דער הסתדרות אין חיפה איז געווען יצחק בן־צבי, דער צווייטער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. און עס איז געווען זיין פרוי רחל ינאית. עס איז געווען דוד בן־גוריון, דער ערשטער פּרעמיער פון מדינת ישראל, יוסף שפּרינצאַק, דער פאָרזיצער פון כנסת, בערל כצנלסון, דוד רמז, יוסף אהרונוביץ און אַ סך אַנדערע, וואָס פירן איצט אָן מיטן יידישן לאַנד.

די חברות אין דער הסתדרות

ווען די הסתדרות האָט זיך געגרינדעט, האָבן זיך פאַר־זאַמלט די פרויען אַרבעטערינס אין אַ באַזונדערן צימער און זיי האָבן געזאָגט: די פרויען־אַרבעטערינס האָבן געבויט ארץ ישראל גלייך מיט די מענער, און מיר ווילן, אַז אין דער פאַרוואַלטונג פון דער הסתדרות זאָלן זיין אויך פרויען. מיר האָבן געאַרבעט אויף די פעל־דער, גלייך מיט די מענער. מיר האָבן אויסגעאַרבעט גערטנער פון גרינס. מיר האַקן די שטיינער, מיר שלעפּן דעם זאַמד, מיר אַרבעטן אויף די שאָסייען, מיר אַרבעטן אין די בעקערייען, אין די קיכן, אין די פאַבריקן. מיר זיינען געשטאַנען אונטער דער ברענענדיקער זון, און אונטער רעגנס ביי יעדער אַרבעט, גלייך מיט די מענער־אַרבעטער. מיר זיינען קראַנק געוואָרן פון מאַלאַריע ביי דער אַרבעט אויף טריי־קענען די זומפּן. מיר האָבן זיך פאַרטיידיקט אַנטקעגן די אָנפאַלן פון די אַראַבער גלייך מיט די מענער. מיר זיינען אויסגעשטאַנען אַלע מאַטערנישן — און עס קומט אונדז, אַז מיר זאָלן זיין אָנפירערינס אין דער הסתדרות, פונקט ווי די מענער. די אַרבעטערינס האָבן אויס־געקליבן אַ דעלעגאַציע פון עטלעכע פרויען. צווישן זיי איז געווען

עדה פישמאַן, אַ באַרימטע אַרבעטער-פירערין אין ארץ ישראל. עדה פישמאַן איז געקומען צו די פאַרזאַמלטע און האָט זיי געזאָגט: מיר פאַרלאַנגען, אַז אין דער אָנפירונג פון דער הסתדרות זאָלן זיין אויך אַרבעטערינס, און זי האָט זיי דערציילט אַלץ, וואָס די אַרבעטערינס האָבן אויף זייער פאַרזאַמלונג גערעדט.

די מערסטע דעלעגאַטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעטערינס זיינען גערעכט, און אין דער אָנפירונג פון דער הסתדרות זיינען אַריין צוויי חברות: רחל ינאית און מאַניע שוחט — איינע פון די בויערינס פון „השומר".

די הסתדרות ווערט גרעסער און גרעסער

די הסתדרות איז גרעסער געוואָרן פון יאָר צו יאָר. עס זיינען געקומען נייע אַרבעטער אין לאַנד, זיינען זיי געוואָרן מיטגלידער פון דער „הסתדרות".

אין דער הסתדרות זיינען אָנגעשלאָסן די קיבוצים און די מושבים (אַרבעטער-דערפער) און פאַרשיידענע קאָאָפּעראַטיוון אין די שטעט.

די הסתדרות האָט אין פאַרלויף פון די יאָרן געשאַפן אַ סך אינסטיטוציעס. צווישן די וויכטיקסטע זיינען:

„סולל בונה" — וואָס בויט שאָסייען, הייזער און פאַבריקן.

„המשביר" — וואָס קויפט איין אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן און געצייג און שפּייז פאַר די אַרבעטער-ישובים און קאָאָפּעראַטיוון.

„תנובה" — דער קאָאָפּעראַטיוו צו פאַרקויפן די פּראָדוקטן פון די אַרבעטער-ישובים.

„בנק הפועלים" — אַ באַנק וואָס גיט קרעדיט די קיבוצים, מושבים און די קאָאָפּעראַטיוון, זיי זאָלן קענען אַנטוויקלען זייערע ווירטשאַפטן.

„קופּת חולים" — וואָס באַזאָרגט מיט מעדיצינישער הילף די מיטגלידער פון דער הסתדרות, בויט שפּיטאָלן, מעדיצינישע קליני־קעס און סאַנאַטאָריעס.

„דבר" — די טעגלעכע אַרבעטער-צייטונג פון דער הסתדרות.

„עם עובד" — אַ ביכער־פאַרלאַג, וואו עס דערשיינען ביכער פאַר דערוואַקסענע און פאַר קינדער.

גאָר, גאָר אַ סך האָט געטאָן די הסתדרות אויף אָרגאַניזירן די „הגנה". די חברים און חברות פון דער הסתדרות זיינען געווען מיטגלידער אין דער הגנה, און אַ גרויסער טייל פון דעם געלט פאַר דער הגנה האָט געגעבן די הסתדרות.

די הסתדרות האָט זייער אַ סך אויפגעטאָן אויף בויען ארץ ישראל. ווען עס האָט זיך געגרינדעט מדינת ישראל איז דער פרעמיער מיניסטער געוואָרן דוד בן־גוריון — איינער פון די בויער פון דער הסתדרות. דער פאָרזיצער פון כנסת, פאַרלאַמענט, איז געוואָרן יוסף שפרינצאק, פון די גרינדער פון הסתדרות. די הסתדרות האָט גע־האָלפן דעם אויפקום פון דער יידישער מדינה.

די הסתדרות האָט זיך געגרינדעט מיט וויניקער ווי פינף טויזנט חברים. איצט זיינען דאָ אין דער הסתדרות איבער אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער.

הגנה



אַ מיטגליד פון דער הגנה אויף דער וואַך

שיר הפלמ"ח

מסביב יהום הסער
אך ראשנו לא ישח
לפקודה תמיד אנחנו
אנו, אנו הפלמ"ח.

ממתולה עד הנגב
מן הים עד המדבר
כל בחור וטוב לנשק
כל בחור על המשמר.

נתיב לנשר בשמים
שביל לפרא בין הרים
מול אויב דרכנו יעל
בין נקרות ובין צורים.

ראשונים תמיד אנחנו
לאור היום ובמחשך
לפקודה תמיד אנחנו
אנו, אנו הפלמ"ח.

הגנה איז דער טייטש — פאַרטיידיקונג. „הגנה" איז געווען דער נאָמען פון דער געהיימער יידישער זעלבסט-שוץ אין ארץ ישראל, וואָס האָט פאַרטיידיקט די ישובים ביז עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די מדינה איז די פאַרטיידיקונג פונם לאַנד איבערגעגאַנגען צו דער אויפגעקומענער יידישער אַרמיי, וואָס רופט זיך „צבא הגנה לישראל".

די ערשטע פאַרטיידיקער

די יידן אין ארץ ישראל האָבן זיך שטענדיק געדאַרפט פאַרטיידיקן קעגן די אַראַבער. גאָר שטאַרק איז דאָס געווען נויטיק אין די נייע ישובים. צוליב דעם האָט זיך אָרגאַניזירט דער „השומר" און שפּעטער די „הגנה". דער „השומר" איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט מענטשן, צו דער „הגנה" האָבן געהערט צענדליקער טויזנטער.

אָבער נאָך איידער עס זיינען געווען דער „השומר" און די „הגנה", האָבן איינצלנע מענטשן, גבורים, זיך אַליין געמוזט פאַרטיידיקן און אָפּטמאָל אַפילו אָן געווער. בלויז מיט אַ שטעקן אין האַנט און מיטן פויסט האָבן זיי זיך געשיצט קעגן אָנפאַלער.

יהושע סטעמפּער — אַליין דער קאָמאַנדיר און אַליין דער זעלנער

אין אונגאַרן האָט געוואוינט אַ רייכע יידישע משפחה, סטעמפּער. זיי זיינען געווען פרומע מענטשן. זייער זון יהושע איז שטענדיק געגאַנגען מיטן טאַטן אין בית המדרש דאַווענען. ער האָט כסדר געהערט ווי די יידן זאָגן „לשנה הבאה בירושלים" — איבער אַ יאָר זאָלן מיר זיין אין ירושלים. יהושע האָט געטראַכט: ווען-זשע וועלן מיר גיין קיין ירושלים?

ווען ער איז אַלט געוואָרן 17 יאָר האָט ער באַשלאָסן אַליין אַוועקגיין קיין ירושלים. ער איז אַנטלאָפן פון דער היים אָן אַ פּרוטה

געלט. ער האָט זיך געוואַלגערט אין פאַרשיידענע שטעט. ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ שיף, וואָס האָט אים געבראַכט קיין ארץ ישראל. ער איז גלייך אַוועק קיין ירושלים.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים אין יאָר 1878 האָט ער זיך דערוואוסט, אַז עטלעכע יידן פון ירושלים גייען גרינדן אַ קאָלאָניע, פתח-תקוה. ער איז אַוועק מיט די יידן גרינדן פתח-תקוה.

פתח-תקוה איז געווען גאַנץ ווייט פון ירושלים. די אַראַבער האָבן געמאַכט אָנפאַלן אויף פתח-תקוה, אויף דעם קליינינקן יידישן ישוב פון עטלעכע הייזער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געגרינדעט.

יהושע סטעמפּער איז באַלד געוואָרן באַקאַנט אין דער געגנט. ער האָט ניט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס. ער האָט געקענט דערלאַנגען צוריק, ווען מען פלעגט אויף אים אָנפאַלן. מען האָט אים געהאַלטן פאַרן קאָמאַנדיר פון דער פאַרטיידיקונג. ער האָט געזוכט יונגע לייט וואָס זאָלן אים העלפן.

יהושע סטעמפּער קריגט אַ חבר

איינמאָל איז ער געפאָרן קיין ירושלים. אויפן וועג האָט ער געזען אַ יידישן בחור, וואָס שלאָגט זיך מיט דריי טערקישע זעלנער. זיי האָבן באַליידיקט אַ יידישע פרוי און דער בחור האָט זיך פאַר איר אָנגענומען. דאָס איז געפעלן געוואָרן סטעמפּערן. דער בחור האָט געהייסן מיכאל קאַץ. סטעמפּער האָט אים איינגערעדט ער זאָל פאָרן מיט אים קיין פתח-תקוה, און זיי זאָלן צוזאַמען זיין די פאַר-טיידיקער פון דער געגנט. אַז סטעמפּער און מיכאל קאַץ זיינען געגאַנגען אָדער געפאָרן אין וועג, האָט זיי קיינער ניט געוואַגט אָנ-רירן. מען האָט מורא געהאַט פאַר זיי.

צו סטעמפּערן און מיכאל קאַץ קומט צו נאָך אַ חבר

אין יפו האָט געוואוינט אַ ספרדישע ייד וואָס האָט געהייסן בן מיימאָן. ער איז געווען אַ פערד הענדלער. ער איז צוליב זיין מסחר אַ סך אַרומגעפאָרן און האָט גוט געקענט די אַראַבער. ער האָט פאַר

קיינעם נישט מורא געהאַט און איז געווען באַרימט פאַר זיין העל־דישקייט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז יידן פון ירושלים האָבן אויס־געבויט אַ ישוב פאַר ערד־אַרבעט, פתח־תקוה, איז אים די זאַך אויך געפעלן געוואָרן. האָט ער איבערגעלאָזן זיינע געשעפטן און איז אַוועק וואוינען אין פתח־תקוה און העלפן סטעמפּערן פאַרטיידיקן די קאָלאָניע.

עס קומט צו זיי צו יוסף איבן דאוד

איינמאָל איז דורך פתח־תקוה דורכגעפאָרן אַ בעדואינער רייטער. דער וועכטער פון פתח־תקוה האָט אים פאַרבעטן צו זיין זייער גאַסט. דער בעדואינער האָט זיך אָפּגעזאָגט. אויף מאָרגן איז דער בעדו־אינער רייטער ווידער דורכגעפאָרן. דער וועכטער האָט אים ווידער איינגעלאַדן צו זיין זייער גאַסט. דער בעדואינער האָט אָנגענומען זיין איינלאַדונג.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בעדואינער איז געווען אַן אַראַ־בישער ייד. ביי אים איז פאַרפאַלן געוואָרן זיין באַליבטער פערד. ער איז אַ סך צייט אַרומגעפאָרן זוכן זיין פערד, ביז ער האָט אים געפונען אין דמשק. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן צו באַזוכן דאָס הייליקע לאַנד, ארץ ישראל. אין ארץ ישראל איז ער פאַרבייגעפאָרן דורך פתח־תקוה. די אַראַבער האָבן אים דערציילט, אַז פתח־תקוה איז אַ יידישער דאָרף, אָבער ער האָט זיי ניט געגלויבט, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געזען קיין אייראָפּעאישע יידן. ער האָט ניט געוואוסט, אַז יידן זעען אויס ווי די איינוואוינער פון פתח־תקוה.

ער האָט זיך אומגעקערט צו די אַראַבער, וואָס האָבן אים דער־ציילט די מעשה וועגן דעם יידישן דאָרף, און האָט זיי אויסגעזידלט פאַרוואָס זיי האָבן אים אָפּגענאַרט. אָבער אַזוי ווי די אַראַבער האָבן אים נאָכאַמאָל פאַרזיכערט אַז דאָס זיינען יידן, איז ער נאָכאַמאָל געפאָרן קיין פתח־תקוה. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען טאַקע יידן, און ער איז מיט זיי געבליבן אויף אַ יאָר צייט. ער האָט זיי געלערנט וויאַזוי בעדואינער טראָגן געווער און וויאַזוי מען דאַרף זיך פעכטן און שלאָגן.

יוסף בן דאוד העלפט פאַרטרייבן אַן אָנפאַל פון אַן אַראַבישן שבט

איינמאָל האָט אַן אַראַבישער שבט געמאַכט אַן אָנפאַל אויף פתח־תקוה. יוסף האָט אַ נעם געטאָן זיין שפּיז: ער האָט אַרויפגע־כאַפּט דעם שייך פון דעם שבט אויף זיין שפּיז און האָט אים אַוועק־געלייגט אויף דער ערד. די אַראַבער זיינען זיך צעלאָפן. יוסף איבן דאוד האָט גענומען דעם געשטאָכענעם שייך און האָט אים געבראַכט צו זיין שבט. די אַראַבער פון דעם שבט זיינען קיינמאָל מער ניט אָנגעפאַלן אויף פתח־תקוה.

אָט אַזוי איז געווען דער אָנהויב פון יידישער פאַרטיידיקונג אין ארץ ישראל. איינצלנע העלדישע מענטשן האָבן דאָס געטאָן. זיי זיינען געווען די „פּאַטערס" פון דעם „השומר" און פון דער „הגנה".

וויאַזוי עס האָט זיך אָרגאַניזירט די „הגנה"

דאָס אומקומען פון טרומפּעלדאָרן און זיינע חברים אין תל־חי האָט דערשיטערט דעם יידישן ישוב. מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די אַראַבער געמאַכט אָנפאַלן אויף די יידן פון יפו, געברענט יידישע הייזער און געהרגעט מענטשן. עס זיינען געווען צוזאַמענשטויסן מיט אַראַבער אין ירושלים און אין חיפה.

די אָנפירער פון יידישן ישוב האָבן געזען, אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער שוץ פון די ענגלענדער. זיי האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַן אייגענע יידישע זעלבסט־שוץ, די „הגנה", וואָס זאָל אַריינגעמען מער מענטשן ווי דער „השומר".

עס האָבן זיך אָרגאַניזירט „הגנה" גרופּעס אין די שטעט און אין די קלענערע ישובים. אין די גרופּעס האָבן זיך געפונען געוועזענע לעגיאָנערן און שומרים. זיי האָבן געקענט מיליטערישע איבונגען. זיי האָבן געלערנט די מיטגלידער פון דער „הגנה" ווי זיך צו באַגיין מיט אַ ביקס, מיט אַ רעוואָלווער, מיט אַ האַנט־גראַנאַט.

ווען די געפאַר פון אַראַבישע אָנפאַלן איז געוואָרן גרעסער, האָט מען געמוזט פאַרגרעסערן די צאָל מיטגלידער פון דער „הגנה".

אַ סך אַראַבער זיינען געווען קעגן דער „באַלפור דעקלאַראַציע". איינער פון די גרעסטע אַראַבישע שונאים פון יידישן ישוב איז געווען

דער מופטי פון ירושלים, אל חוסייני. ער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אַראַבער, אַז זיי זאָלן פירן אַ שטענדיקן קאַמף מיט די יידן. די „הגנה" האָט געמוזט האָבן געווער און אַ גרויסע צאָל מענטשן כדי צו קענען באַשיצן דעם ישוב. זי האָט זיך געמוזט פאַרגרעסערן.

די ענגלענדער האָבן ניט געוואָלט ליידן, אַז די יידן זאָלן האָבן אַ סך געווער. מען האָט דעריבער געמוזט זאַמלען געווער אין געהיים, זיך באַהאַלטן פון די ענגלענדער. מען האָט געדאַרפט קויפן פאַרבאָר־גענערהייט און אַריבערברענגען בסוד. דאָס האָט געקאָסט טייער. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ סך געלט. עס זיינען געווען צייטן, ווען דער גאַנצער ישוב, יעדער ייד אין ארץ ישראל האָט געצאָלט אַ ספּעציעלן שטייער, געגעבן געלט פאַר דער „הגנה".

די „הגנה" איז געווען די שוץ פון ישוב, און די גאַנצע באַפעל־קערונג האָט געשטיצט די „הגנה". עס זיינען אַפילו געווען שול קינ־דער, וואָס האָבן געהאָלפן ווען מען האָט זיך געניטיקט אין זיי.

אַז מען האָט געזאָגט אַזאַ שול־קינד ער זאָל אַוועקטראָגן אַ פּעקל, האָט ער עס געטאָן און האָט ניט געפרעגט וואָס ער טראָגט. ער האָט געוואוסט, עס איז פאַר דער „הגנה", און עס איז געהיים.

אַ פרוי, וואָס איז געגאַנגען אויפן מאַרק, אַז מען האָט איר דער־לאַנגט אַ שאַכטל זי זאָל עס פאַרשטעקן אין איר קאָשיק, האָט זי עס באַהאַלטן און ניט געפרעגט וואָס עס ליגט אין שאַכטל. זי האָט פאַר־שטאַנען, אַז דאָס איז נויטיק פאַר דער „הגנה".

די באַפעלקערונג פון ארץ ישראל האָט מיט לייב און לעבן גע־בויט איר זעלבסטשוץ, די „הגנה".

די „הגנה" אַרבעט אויס אין געהיים געווער

עטלעכע מיטגלידער פון דער „הגנה", וואָס זיינען געווען כעמי־קער און אינזשינערן, האָבן אָנגעהויבן אויסאַרבעטן געווער, האַנט גראַנאַטן און אפילו ביקסן. אין אַ קליינעם צימער, אין אַ יידישן הויף, אַז קיינער זאָל ניט וויסן, האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ „פאַבריק". זיי האָבן דאָס גערופן דער „חדר". געאַרבעט האָבן זיי דאָרט ביינאַכט. די מענטשן אין יידישן הויף האָבן געזען, אַז מענטשן קומען ביינאַכט.

זיי האָבן ניט געפרעגט נאָך וואָס. זיי האָבן געשוויגן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס טוט די „הגנה״. אין דעם הויף האָט מען גע־מאַכט קעלערן און דאָרטן האָט מען באַהאַלטן דאָס געווער. פון די קעלערן האָט מען אַוועקגעפירט געווער צו די קבוצים און אַנדערע ישובים, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס זיך צו פאַרטיידיקן אויב עס וועט זיין אַן אָנפאַל. קיינער האָט ניט געפרעגט וואָס מען פירט, קיינער האָט ניט געפרעגט וואוהין. מען האָט געוואוסט — דאָס טוט די „הגנה״.

די מענטשן וואָס האָבן אויסגעאַרבעט אין געהיים דאָס געווער זיינען שטענדיק געווען אין געפאַר, טאָמער וועלן די ענגלענדער זיי כאַפּן. אָבער מענטשן פון דער „הגנה״ האָבן דאָס געטאָן יאָרנלאַנג.

אַ מיטגליד פון דער „הגנה״ איז שטענדיק געווען גרייט צו טאָן וואָס מען האָט אים געהייסן, בייטאָג און ביינאַכט. די „הגנה״ האָט פאַרטיידיקט די יידישע ישובים קעגן די אַראַבער, און ווען עס איז געווען נויטיק — געקעמפט מיט די ענגלענדער. די מענטשן פון דער „הגנה״ מענער און פרויען, האָבן ניט געהיט זייער געזונט און זייערע לעבנס, ווען מען האָט געדאַרפט באַשיצן און בויען דאָס יידישע לאַנד.

אין די יאָרן 1936-1938 האָט דער מופטי פון ירושלים דערקלערט אַ קריג דעם יידישן ישוב פון ארץ ישראל. ער און זיינע מענטשן זיינען אַרומגעפאָרן איבער די אַראַבישע דערפער און געהעצט די אַראַבער זיי זאָלן מאַכן אָנפאַלן אויף יידן. ער האָט אָרגאַניזירט באַנדעס און האָט זיי באַזאָרגט מיט געווער. די אַראַבישע באַנדעס האָבן זיך אומגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַנד. זיי זיינען באַפאַלן יידישע ישובים. זיי האָבן געלויערט אויף יידן, וואָס זיינען געפאָרן אין וועג, גערויבט און געהרגעט. זיי האָבן געברענט יידישע הייזער, געלייגט מינעס אויף וועגן, וואָס פירן צו יידישע ישובים. דער גאַנצער ישוב איז געשטאַנען אין פייער. די אַראַבער האָבן געוואָלט אומברענגען דעם יידישן ישוב.

די ענגלענדער האָבן ניט גענוג באַשיצט די יידן. די „הגנה״ האָט געמוזט מיט אייגענע כחות קעמפן מיט די אַראַבישע באַנדעס. זי האָט באַזאָרגט די ישובים מיט געווער. זי האָט געשיקט מענטשן צו הילף, ווען אַ ישוב איז באַפאַלן געוואָרן. זי האָט אָרגאַניזירט די גאַנ־

צע יידישע באַפעלקערונג צו פאַרטיידיקונג. אַ סך מענטשן פון דער „הגנה" זיינען אין יענע יאָרן אומגעקומען אין די שטעט, אין די קיבוצים און אויף די וועגן.

די „הגנה" האָט ניט גענומען קיין נקמה פון אומשולדיקע אַראַבער. אַז אַראַבער האָבן פאַרברענט אַ יידיש הויז, זיינען יידן ניט געלאָפן פאַרברענען אַן אַראַביש הויז דערפאַר. אַז אַראַבער האָבן געהרגעט אַ יידן זיינען יידן ניט געגאַנגען דערפאַר הרגענען אַן אַראַבער. די „הגנה" האָט געזוכט די שולדיקע, האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן אָנפאַלער. מיט די האָט זי געפירט מלחמה, אָבער ניט אָנגערירט קיין פרידלעכע אַראַבער.

מגדל וחומה

חניתה — אין צייט פון אויפבוי

הבונים בחומה והנושאים בסבל עומשים באחת ידו עשה במלאכה ואחת מחזקת השלח.

(נחמיה ד׳, י״א)

די וואָס בויען די שוץ־וואַנט און די וואָס טראָגן די ציגל — מיט איין האַנט טוען זיי זייער אַרבעט, אין דער צווייטער האַנט האַלטן זיי אַ שווערד.

אין די יאָרן פון די אומרועןפון 1936—1938, פון שטענדיקער סכנה פון אָנפאַלן און פון גרויסע זאָרגן ווי אַזוי צו אויפהאַלטן דעם ישוב, האָבן די יידן פון ארץ ישראל ניט אויפגעהערט בויען נייע ישובים. זעקס און דרייסיק ישובים האָט מען אויפגעבויט אויף די גרעניצן פון לאַנד. אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען, אין ווילדע פלעצער האָט מען זיי געבויט. אין איין טאָג פלעגט מען אויפשטעלן אַ ישוב, מיט די הייזער, מיט די שוץ-ווענט, מיט די טויערן. אַ פּאָר הונדערט מענטשן האָבן געמוזט טאָן די אַרבעט. בויען אַ ישוב ניט איילנדיק זיך האָט מען אין יענע געפערלעכע צייטן ניט געקענט. אַ קלענערע גרופּע אַרבעטער וואָלט באַפאַלן געוואָרן פון די אַראַבער. די מענטשן וואָלטן געווען אין סכנה און זייער אַרבעט וואָלט צעשטערט געוואָרן.

ווי מען פלעגט אויפשטעלן אַ ישוב

פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער איז געקומען צופאָרן אַ לאַסט-וואָגן מיט באַוואָפנטע חלוצים צו דעם אָרט, וואו דער ישוב דאַרף שטיין. זיי האָבן זיך גלייך געשטעלט אויסהאַקן די דערנער און די ווילדע געוויקסן פון דעם פּלאַץ. זיי האָבן ריין געמאַכט אַ שטיק לאַנד, אַ פיר-עק.

באַלד נאָך דעם ערשטן לאַסט-וואָגן זיינען אָנגעקומען אַנדערע, וואָס האָבן געבראַכט ברעטער און צעהאַקטע שטיינדלעך. מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט אַרום דעם אָפּגערייניקטן לאַנד. מען האָט געבראַכט גראָבאייזנס און האַמערס אויף מאַכן שוץ-גראָבנס. מען האָט אויסגעבויט באַפעסטיקטע פונקטן אויף האַלטן געווער.

מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ צאַם פון שטעכיקע דראָטן אַרום דעם נייעם ישוב.

אויף לאַסט-וואָגנס האָט מען געבראַכט צונויפגעלייגטע הייזער. די ווענט זיינען געווען פאַרטיקע. מען האָט זיי אויפגעשטעלט — און עס שטייט אַ הויז, און נאָך אַ הויז, און נאָך און נאָך.

עס זיינען אָנגעקומען עלעקטראָ-טעכניקער און מאַשיניסטן מיט געצייג און מאַטעריאַלן. זיי האָבן אויפגעשטעלט אין מיטן פלאַץ אַ הויכן טורעם, און אויפן טורעם אַן עלעקטרישן שיין-וואַרפער. דאָס איז דער לייכט-טורעם און שוץ-טורעם.

דער טורעם איז געווען זייער וויכטיק. ווען אַראַבער באַפאַלן דעם נייעם פונקט ביינאַכט, גייען חברים אַרויף אויפן לייכט-טורעם און גיבן ליכט-סיגנאַלן צו די יידישע ישובים. דורך די סיגנאַלן האָט מען געוואוסט, אַז דער ישוב איז באַפאַלן, און מען איז געקומען צו הילף.

אַלץ ווערט געטאָן שנעל. עטלעכע הונדערט מענטשן לייגן ניט אַוועק די אַרבעט אַ גאַנצן טאָג. יעדערער טוט, וואָס ער דאַרף טאָן. פּאַרנאַכט איז אַלץ פאַרענדיקט. מען צינדט אָן דעם לייכט-טורעם, און ער וואַרפט שיין איבערן גאַנצן נייעם ישוב, וואָס איז אַלט איין טאָג.

דערזעען די אַראַבער, און די ענגלענדער, אַז עס שטייט אַ ישוב דאָרט, וואו עס איז קיינמאָל קיין ישוב ניט געווען, אַז די יידן בויען דאָס לאַנד, און שרעקן זיך ניט פאַר די אָנפאַלן.

אָט די ישובים, וואָס יעדערער פון זיי איז אויסגעבויט געוואָרן אין איין טאָג, האָט מען גערופן די ישובים פון „מגדל וחומה". יעדער ישוב האָט געהאַט זיין נאָמען — טירת צבי, חניתה, און אַ סך אַנדערע, אָבער אַלע זיינען זיי געווען די ישובים פון מגדל וחומה. יעדער איז אויסגעבויט געוואָרן אין איין טאָג.

ווי מען האָט אויסגעבויט חניתה

איינער פון די ישובים פון „מגדל וחומה" הייסט „חניתה". חניתה האָט מען אויסגעבויט אין אַ פאַרוואָרפענעם געגנט אויף אַ באַרג אין גליל. דער פלאַץ איז געווען אַזוי ווילד, אַז מען האָט אַהין ניט געקענט צופאָרן מיט קיין לאַסט-וואָגן. אַפילו מיט אַן אייזל, אָדער אַ פערד האָט מען אַהין ניט געקענט דערגרייכן. עס איז געווען זייער שווער אויפצושטעלן דאָרט אַ ישוב. הונדערטער מענטשן פון גאַנצן לאַנד זיינען געקומען העלפן בויען חניתה.

די ברעטער, און די שטיינער, און די ווענט פון די הייזער, און די טיילן פון דעם טורעם און אַלע געצייג האָבן די מענטשן געטראָגן אויף די אַקסלען. אויף זייערע אַקסלען האָבן מענטשן אין איין טאָג אַרויפגעטראָגן דעם ישוב חניתה.

מען איז געגאַנגען הין און צוריק, מענער און פרויען. מיט קאָשי־קעס אויף די אַקסלען, מיט קאַסטנס אויף די פּלייצעס, און מיט ברעטער אויף די הענט. איבער די ווילדע געוויקסן איז מען געקראָכן, און מיט די טריט האָבן זיי אויסגעקלאַפּט דעם ערשטן וועג צו „חניתה".

פאַרנאַכט זיינען געקומען אַ סך געסט פון פאַרשיידענע אינסטי־טוציעס באַגריסן חניתה. צווישן זיי זיינען געווען עטלעכע פרומע יידן מיט לאַנגע בערד. זיי האָבן געבראַכט אַ ספר תורה פאַר חניתה. דאָס איז געווען אַ מתנה פון דעם אַלטן ישוב „יסוד המעלה", וואָס איז געבויט געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק מיט דער הילף פון באַראָן ראָטשילד, צו דעם נייעם ישוב חניתה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פון דער „הגנה".

איינער פון די גרויסע אַרבעטער־פירער אין ארץ ישראל, דוד רמז, האָט געזאָגט וועגן חניתה:

„חניתה איז איינגעבאַקן אין האַרצן פון יידישן פאָלק. דער מסירת נפש מיט וועלכן מען האָט אויסגעבויט חניתה באַווייזט ווי שטאַרק דאָס פאָלק בענקט נאָך שיבת ציון".

פירער פון דער „הגנה" זיינען אַרומגעפאָרן איבער די ישובים, געזוכט אומעטום, צי זיי האָבן גענוג געווער, צי עס דראָט זיי ניט אַ סכנה פון אַן אָנפאַל. זיי זיינען געווען געהיימע אָנפירער, קיינער האָט ניט געוואוסט ווער זיי זיינען. אויף די געפערלעכסטע פונקטן זיינען זיי געקומען די ערשטע.

איינער פון די אָנפירער פון דער „הגנה", חיים שטורמאַן, איז אומגעקומען ווען ער איז געפאָרן העלפן אויפשטעלן אַ נייעם ישוב פון „מגדל וחומה". זיין מאַשין איז אויפגעריסן געוואָרן פון אַ מינע, וואָס די אַראַבער האָבן אונטערגעלייגט אויפן וועג.

די מענטשן פון דער „הגנה" האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר סכנות. זיי האָבן פאַרטיידיקט דאָס לאַנד, און אַ סך האָבן באַצאָלט דערפאַר מיט זייערע לעבנס.

די העלדישקייט פון „טירת צבי"

איינער פון די ישובים פון „מגדל וחומה" האָט געהייסן „טירת צבי". „טירת צבי" איז אויסגעבויט געוואָרן דורך רעליגיעזע יידן. „טירת צבי" איז געווען 12 קילאָמעטער ווייט פון אַ יידישן ישוב, איז געשטאַנען אַליין אין דער ווילדערניש.

די אַראַבישע באַנדעס האָבן געמיינט, אַז „טירת צבי" וועט זיך ניט קענען באַשיצן. זיי האָבן זיך צוגעגרייט אָנצופאַלן אויף „טירת צבי".

ניט ווייט פון „טירת צבי" האָט זיך געפונען אַ סטאַנציע פון דער ענגלישער וואַך. אַן אַראַבישע באַנדע איז באַפאַלן די ענגלישע וואַך און צוגענומען ביי זיי דאָס געווער, צעבראָכן דעם טעלעפאָן און רואינירט די סטאַנציע. זיי האָבן געוואָלט אַז „טירת צבי" זאָל ניט האָבן קיינעם אין דער נאָענט אויף רופן צו הילף.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען אַראַבער ביינאַכט צוגעקראָכן אויף אַלע פיר צו דעם צאָם פון די שטעכיקע דראָטן פון „טירת צבי", און אים איבערגעשניטן. זיי האָבן ווי ווילדע קעץ זיך שטיל געשאַרט צווישן די דערנער, מען זאָל זיי ניט הערן. זיי זיינען צוגעקומען נעענטער. די חברים פון „טירת צבי", וואָס זיינען געשטאַנען אויף וואַך אין די שוץ-פּונקטן, האָבן דערהערט ווי די אַראַבער שאַרן זיך צווישן די דערנער און אָנגעהויבן שיסן. די אַראַבער האָבן מיט אַ קויל צעבראָכן דעם שיין-וואַרפער אויפן ליכט-טורעם.

די חברים פון „טירת צבי" האָבן ניט געקענט געבן קיין ליכט-סיגנאַלן און אָנזאָגן אין אַנדערע ישובים, אַז מען איז זיי באַפאַלן. זיי האָבן ניט געקענט רופן צו הילף. זיי האָבן געמוזט זיך שיצן אַליין. זיי האָבן זיך ניט פאַרלוירן. זייער „הגנה" איז געווען אָרגאַניזירט. יעדערער איז אַוועק אויף זיין פּלאַץ מיט דער ביקס אין האַנט. די קראַנקען-שוועסטער זיינען געווען גרייט אויף אויפנעמען פאַרוואונדעטע. אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די ביטערע שלאַכט. איינער פון די חברים פון „טירת צבי" האָט געשאָסן אויפן אָנפירער פון דער אַראַבישער באַנדע און האָט אים געטראָפן אין קאָפּ. דער אָנפירער איז געפאַלן טויט. די באַנדע איז געבליבן אָן אַן אָנפירער און זי איז

זיך צעלאָפן. אויפן פעלד לעבן „טירת צבי״ האָבן די אַראַבער אי־בערגעלאָזן געווער און אַ טויטן, וואָס זיי האָבן ניט באַוויזן מיט־צונעמען.

די ענגלענדער זיינען געווען איבערראַשט פון דער העלדישקייט פון דעם קליינעם ישוב „טירת צבי״, וואָס איז אַלט געווען סך־הכל אַ האַלב יאָר.

די ענגלישע מיליטערישע מאַכט אין ארץ ישראל האָט באַגריסט „טירת צבי״ פאַר איר ווידערשטאַנד. די ענגלענדער האָבן געזען, אַז די „הגנה״ איז אַ גרויסער כוח אין לאַנד.

קאַפּיטאַן ווינגעיט

. . . צדיקי אומות העולם הם כהנים להקדוש ברוך הוא בעולם הזה.

(אגדה)

די צדיקי אומות העולם זיי זיינען גאָטס כהנים אויף דער וועלט.

אין די יאָרן פון די בלוטיקע אָנפאַלן פון די אַראַבער, איז צווישן די ענגלישע מיליטערלייט אין ארץ ישראל געווען אַ יונגער קאַפּיטאַן — טשאַרלס אָרד ווינגייט. ער האָט זיך באַקאַנט מיט די מענטשן פון דער הגנה. ער איז געווען באַגייסטערט פאַר זייער העלדישקייט, פאַר זייער מסירת נפש און ערלעכקייט. ער איז געוואָרן אַ גרויסער פריינד פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

ווינגייט האָט אַ סך געלייענט די ביבל. ער האָט ליב געהאַט די געשטאַלטן פון די אַמאָליקע יידישע גבורים, און ער האָט געזען, אַז אויך איצט זיינען די יידן אַ פאָלק פון גבורה. איבערהויפּט זיינען אים געפעלן געווען די מענטשן פון די קיבוצים. אין די קיבוצים פלעגט ווינגייט קומען זייער אָפט און פאַרברענגען גאַנצע טעג. ער האָט זיך אויסגעלערנט ריידן העברייאיש. ער האָט טיף מיטגעפילט דעם פאַרלאַנג פון יידן אויסצובויען זייער היימלאַנד, און ער האָט זיי געוואָלט העלפן.

ער האָט געלערנט די מענטשן פון דער הגנה ווי מען דאַרף קעמפן מיט די אַראַבישע באַנדעס. אין איניקע פון די קיבוצים האָט ער איינגעשטעלט מיליטערישע איבונגען מיט גרופּעס מענער און פרויען. ער האָט געחלומט צו אָרגאַניזירן אין ארץ ישראל אַ יידישע אַרמיי פון צען טויזנט מענטשן.

מיט די גרופּעס וואָס ער האָט אָרגאַניזירט איז קאַפּיטאַן ווינגייט געגאַנגען אין די ווילדסטע ערטער אין די בערג, וואו עס האָבן זיך באַהאַלטן די אַראַבישע באַנדעס. ער פלעגט גיין ביינאַכט און אין דער פינצטער פלעגט ער זיי באַפאַלן. קאַפּיטאַן ווינגייט איז שטענדיק געגאַנגען דער ערשטער. נאָך אים זיינען נאָכגעגאַנגען זיינע מענטשן. ער איז געווען בראַוו, האָט ניט מורא געהאַט פאַר קיין סכנות. אויף די שווערסטע וועגן אין די בערג האָט ער געקלעטערט דער ערשטער, צופוס.

איינמאָל איז ער דורכגעגאַנגען מיט זיינע מענטשן דורך אַן אָרט פון שטעכיקע דערנער. די דערנער-נאָדלען זיינען אים אַריין אין די

הענט. ער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט און איז געגאַנגען ווייטער, און אַזוי ווי ער האָט געטאָן, האָבן געטאָן זיינע מענטשן.

איינמאָל האָט ער איבערגעטאָן די מענטשן פון זיין גרופּע אין אַרבעטער קליידער. דאָס געווער האָבן זיי באַהאַלטן אין אַ לאַסט־וואָגן און זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין אַן אַראַבישן דאָרף, וואו עס האָט זיך באַהאַלטן אַ באַנדע. די וועכטער האָבן זיי אָנגענומען פאַר פּשוטע אַרבעטער און ניט געמאַכט קיין אַלאַרם. דעמאָלט האָט ווינ־גייט מיט זיינע מענטשן אַרומגערינגלט די באַנדע און צוגענומען ביי זיי דאָס געווער.

ער האָט אויסגעלערנט די הגנה ווי צו פירן מלחמה ביינאַכט, ווי אַרומצורינגלען דעם שונא, און ווי זיך צו פאַרטיידיקן בעת אַן אָנפאַל.

די חברים פון דער הגנה האָבן ווינגייטן זייער ליב געהאַט. זיי האָבן אים גערופן „דער פריינט", „דער קאַפּיטאַן", און ווינגייט האָט זיי געלערנט ווי מען דאַרף האַלטן דיסציפּלין און חברשאַפט אין אַ מיליטערישער גרופּע. ער איז געווען אַ גרויסער מיליטערישער לערער פון דער הגנה.

די ענגלענדער האָבן אים אַוועקגעשיקט קיין עטיאָפּיע, און בורמאַ. ער האָט ניט אויפגעהערט זיך אינטערעסירן מיט ארץ ישראל. ער האָט געהאָפט זיך אומקערן און זיין דער קאָמאַנדיר פון דער יידישער אַרמיי אין אַ זעלבסטשטענדיקן יידישן לאַנד. אָבער ער האָט זיך ניט אומגעקערט. ער איז געפאַלן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין בורמאַ. זיין פרוי און זיינע קינדער זיינען פונקט ווי ער צוגעבונדן געוואָרן צו ארץ ישראל. זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט און בויען צוזאַמען מיט די יידן דאָס יידישע היימלאַנד.

שיפן מיט יידן איבער ימים

אַ שיף — אַ מולטער — אין פיינען געגליטע
פירט אַ יתום פון פוילן, אַ רעשטל פון ליטע.
אַ געפּרואווטער דער רודער, קען ברעכן אַ קריע
עס לויכט אים פון ווייטן דער באַרג פון מוריה.

(ק. מ.)

שיר ההגנה

בין גבולות בדרכים ללא דרך
בלילות חשוכי כוכבים ;
שירות של אחים מבלי הרף
למולדת אנו מלוים.

אם השער סגור אין פותח
את השער נשבר ונתעץ :
כל חומה בצורה ננגח
וכל סדק נרחיב ונפרץ.

דורך גרענעצן, דורך וועג און דורך אומוועג,
אין נעכט פון פאַרלאָשענע שטערן
באַגלייטן מיר הונדערטער ברידער
צום לאַנד פון אונדזער באַגערן.

ס׳וועט קיין טויער דעם וועג ניט פאַרשטעלן
און קיין פעסטונג פאַר אונדז איז ניטאָ,
מיר׳ן הונדערטער טויזנטער ברידער
ברענגען צו ריכטיקער שעה.

ווען דער רשע היטלער איז געוואָרן דער הערשער איבער דייטשלאַנד, האָט ער מיט זיין מערדערישער שטים אויסגערופן אין דער ראַדיאָ און זיין וויסטן געשריי האָט מען געהערט איבער דער גאַרער וועלט: „איך וועל פאַרניכטן די יידן. אויסראָטן, אויס־ראָטן, אויסראָטן״.

די יידן זיינען אויפגעציטערט געוואָרן, זיי האָבן געזען דעם אומגליק, וואָס שטייט פאַר זיי.

די יידן פון דייטשלאַנד האָבן גלייך דערפילט די מערדערלעכע האַנט פון היטלערן. ער האָט זיי פאַרפאָלגט. ער האָט זיי אַרויס־געטריבן פון אַלע רעגירונגס־פאָסטנס. אידישע פראָפעסאָרן האָט מען באַזייטיקט פון די אוניווערזיטעטן, יידישע לערער פון די שולן, דאָקטוירים פון די שפיטאָלן. ער האָט יידן געשיקט אין קאָנצענ־טראַציע לאַגערן, ער האָט צוגענומען ביי יידן זייערע פאַרמעגנס.

די באַרימטע אַמעריקאַנער ציוניסטישע טוערין, הענריעטאַ סזאָלד האָט זיך אָפגעגעבן מיט ראַטעווען די יידישע קינדער און יוגנטלעכע פון דייטשלאַנד. זי האָט געשאַפן אַ רעטונגס־פאָנד פאַר דער יידישער יוגנט. זי האָט טויזנטער קינדער פון דייטשלאַנד און אַנדערע אייראָפייאישע לענדער אַריבערגעבראַכט קיין ארץ־ישראל, געבויט אַנשטאַלטן אויף אויפנעמען זיי און לערנען. קינדער, וואָס זיינען געבליבן אָן עלטערן, אָדער קינדער פון אָרעמע עלטערן, האָבן געפונען שוץ און שטיצע ביי הענריעטאַ סזאָלד. זי איז געוועזן די „מוטער״ פון דער עליה פון דער יוגנט.

אין 1939 האָט היטלער אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. ער האָט פאַרנומען איין לאַנד נאָכן אַנדערן. אין יעדן לאַנד וואו היטלער איז אַריין האָט ער געבראַכט אומגליק און אומקום פאַר יידן. ער האָט זיי דערקלערט הפקר, אויסער יעדן געזעץ. ער האָט זיי פאַר־שלאָסן אין געטאָס און זיי האָבן פון דאָרט ניט געטאָרט אַרויס. יעדער ייד האָט געמוזט טראָגן אַ געלע לאַטע מיט אַ מגן־דוד אויף זיינע קליידער, כדי מען זאָל אים דערקענען אַז ער איז אַ ייד.

אין די געטאָס איז מען געשטאָרבן פון הונגער און פון קראַנק־הייטן. אַנטלויפן איז געווען כמעט אוממעגלעך. די גרענעצן זיינען געווען געשלאָסן. די שנאה צו יידן איז געווען גרויס. אַ ייד האָט מורא געהאַט אַריינפאַלן אין גוייִשע הענט, מען זאָל אים ניט איבער־געבן צו די דייטשן. בלויז איינצלנע האָט זיך איינגעגעבן מיט נסים צו אַנטלויפן. געיאָגטע, אין טויט־שרעק, האָבן זיך איינצלנע יידן אַריבערגעגנבעט גרענעצן, געשלעפּט זיך ביינאַכט דורך וועלדער און בערג, כדי זיך אַרויסראַטעווען פון די דייטשישע נעגל. היטלער האָט אומגעבראַכט מיליאָנען יידן, געשאָסן, פאַרברענט און פאַרסמט אין גאַז־קאַמערן. קליינע צאָלן האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט. דורך ענויים, דורך וואָגלענישן, דורך הונגער זיינען זיי דורכגעגאַנגען, ביז זיי האָבן געקראָגן אַ שפּאַן ערד אויף אַוועקשטעלן זייערע פיס. ארץ־ישראל איז געווען דאָס לאַנד פון זייערע האָפענונגען, אויף קומען אַהין און זיין צווישן יידן.

די הגנה שיקט מענטשן קיין אייראָפּע העלפן די יידן אַריבערקומען קיין ארץ־ישראל

די הגנה האָט אַרויסגעשיקט צענדליקער מענטשן, שליחים, אין די אייראָפּייאישע לענדער, אין טשעכיע, אין פּוילן, אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, אין האָלאַנד, אין איטאַליע, אין אונגאַרן, אין יוגאָסלאַוויע, אין גריכנלאַנד, אין רומעניע אויף העלפן יידן זיך אַרויסראַטעווען.

די ארץ־ישראלדיקע שליחים האָבן געהאָלפן די יידן זיך דורכגנבענען איבער די גרענעצן, געקראָגן פאַר זיי פּלעצער וואו זיך אויפצוהאַלטן אין יעדן לאַנד. די שליחים האָבן זיך באַמיט דינגען שיפן, אָדער קויפן שיפן און אין די שיפן געפירט די געראַטעוועטע יידן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אַ ריזיקע רעטונגס־אַרבעט. דאָס געלט פאַר דעם האָבן געגעבן יידישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַר דער וועלט.

די יידישע שיפן האָבן זיך געשלעפּט איבער ימים. ענגלאַנד האָט זיי ניט אַריינגעלאָזט קיין ארץ־ישראל. לויטן „ווייסן פּאַפּיר", וואָס ענגלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אין 1939, איז בלויז אַ קליינע צאָל

יידן דערלויבט געווען אַריינקומען קיין ארץ־ישראל. ענגלאַנד האָט זיך ניט געקימערט, וואָס שיפן מיט יידן שלעפן זיך איבער די ימים. זי האָט דעם „ווייסן פּאַפּיר" ניט געוואָלט אָפּשאַפן, און די אָנקומענ־דיקע יידן ניט געוואָלט אַריינלאָזן קיין ארץ־ישראל.

אין אַנדערע לענדער האָט מען די יידישע שיפן אַוועקגעיאָגט פון די האַפנס, אַפילו ניט דערלויבט זיי זיך אָפּצושטעלן, אויף אָנ־נעמען וואַסער אָדער קויפן ברויט. זיינען געשוואומען, די שיפן מיט יידן, און ניט געהאַט קיין ברעג וואו צוצושווימען. אייניקע פון די שיפן און זייערע פּאַסאַזשירן, די יידן, זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים.

די שיף „ליבערטאָד"

אין האַפן פון וואַרנע, אויפן ברעג פון שוואַרצן ים, אין יאָר 1940, האָבן זיך אויפגעזאַמלט ביי אַכט הונדערט יידן אַרויסגעטריבענע פון בולגאַריע — מענער, פרויען, יוגנטלעכע, קינדער און אַלטע לייט.

זיי האָבן אויסגעזוכט איינעם וואָס האָט געהאַט אַ שיף צום פאַרדינגען. דאָס איז געווען אַן אַלטע שיף מיט צעפוילטע ברעטער. זי האָט געהייסן „ליבערטאָד". אין דער שיף זיינען אַריין ביי פיר הונדערט מענטשן. אין ענגשאַפט איז מען געזעסן, עס איז ניט געווען וואו זיך צוצולייגן, אויסציען די פיס.

פאַרטאָג האָבן בולגאַרישע שיפלעך אַרויסגעפירט די „ליבער־טאד" פון האַפן.

די „ליבערטאד" איז אַוועקגעשוואומען צו דרום, אויף דערגרייכן קיין ארץ־ישראל. נאָך עטלעכע שעה פון שווימען האָט זיך דער מאָטאָר אָפּגעשטעלט, און די שיף מיט די מענטשן זיינען געבליבן אויפן חסד פון ווינט. דער ווינט קען זיי טרייבן, און פאַרטרייבן וואו עס זאָל ניט זיין.

די מאַנשאַפט פון דער שיף איז באַשטאַנען פון דעם קאַפּיטאַן, איין מעכאַניקער און איין מאַטראָס. דער קאַפּיטאַן האָט צונויפגענומען די יונגע בחורים פון דער שיף, זיי אויסגעלערנט וואָס צו טאָן, און זיי זיינען געוואָרן די מאַטראָסן. זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט פליסיק, און באַדינט די „ליבערטאד".

אויפן ים איז געוואָרן אַ שטורעם. די מענטשן האָבן געליטן פון דער ים־קראַנקהייט. די שיף האָט זיך געשלעפּט מיטן ווינט. ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, איז געוואָרן נאָך ערגער. די „ליבערטאַד" האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. די שיף האָט אָנגעהויבן פייפן און רופן צו הילף. עס איז אָנגעקומען אַ שלעפּ־שיף און האָט די „ליבערטאַד" אַוועקגעפירט צום האַפן בורגאַס. מען האָט געזען, אַז די שיף קען ניט שווימען ווייטער.

די יידן פון בורגאַס, אַז זיי האָבן דערהערט וועגן די צרות פון דער „ליבערטאַד", זיינען זיי אַרויסגעפאָרן מיט שיפלעך. זיי האָבן געבראַכט וואַסער צום טרינקען, און זיי האָבן צוגעזאָגט זיך באַמיען מען זאָל די מענטשן פון „ליבערטאַד" לאָזן אַראָפּגיין אויפן ברעג זיך אָפּרוען. אָבער די בולגאַרישע מאַכט האָט זיי די דערלויבעניש ניט געגעבן. עס האָט זיך באַוויזן אַ שלעפּ־שיף מיט פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געהאַלטן אויסגעשטערקטע ביקסן און געשריען צו די מענטשן פון דער „ליבערטאַד": וואַרפט אונדז אַ שטריק וועלן מיר אייך אַרויסשלעפּן פון האַפן, אויב ניט וועלן מיר שיסן. איר טאָרט ניט זיין אין בורגאַס.

אַ פרוי אויף דער „ליבערטאַד" האָט זיך צעשריען: שיסט אויף אונדז, און הרגעט אונדז דאָ. צו וואָס זאָלן מיר דערטרונקען ווערן אין מיטן ים?

אויף דער „ליבערטאַד" האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויס געשריי און געוויין.

דער הויפּט פון דער פּאָליציי האָט זיך געיישובט, וואָס זאָל ער טאָן? לסוף האָט ער צוגעזאָגט די פּאַסאַזשירן פון „ליבערטאַד" ברענגען די שיף צו אַ טערקישן האַפן און ניט לאָזן זי אָן אַ מאַטאָר אין מיטן ים. אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס פּאָליצייאישע שיפל געשלעפּט די „ליבערטאַד". פאַרטאָג האָט מען זי געבראַכט אין די טערקישע וואַסערן, און ניט ווייט פון ברעג זי איבערגעלאָזט.

— עס איז געקומען אַ טערקיש שלעפּ־שיפל און האָט זיי געבראַכט אין האַפן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַ נאַכט איז די „ליבערטאַד" געשטאַנען אין דעם האַפן. פאַרטאָג איז געקומען אַ טערקישע

פּאַליציייִאישע שיפל און האָט געהייסן, אַז די שיף מיט די יידישע פּאַסאַזשירן זאָל פאַרלאָזן דעם האַפן.

די „ליבערטאַד" האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזט אויף די כוואַליעס פון ים. דער מאָטאָר האָט ניט געאַרבעט. צום גליק האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט. די „ליבערטאַד" האָט אויפגעהויבן אירע זעגלען, און דער גוטער ווינט האָט זי פאַרטראָגן צו דאַנאַ-קאַלאַ, אַ האַפן לעבן די דאַרדאַנעלן.

דריי טעג זיינען די מענטשן אויף דער „ליבערטאַד" געווען אָן ברויט, און אָן וואַסער. די יידן פון דאַנאַ-קאַלאַ האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם אָנקומען פון דער „ליבערטאַד" מיט די אויסגעמאַטערטע פּאַסאַזשירן. זיי זיינען געקומען צולויפן צום האַפן מיט ברויט און מיט וואַסער. אָבער בלויז 20 מינוט האָט די טערקישע מאַכט דער-לויבט דער „ליבערטאַד" שטיין אין האַפן. מען האָט זיי ווייטער אַוועק-געטריבן פון ברעג.

קיין ווינט איז ניט געווען, און די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך ניט געקענט רירן. 24 שעה איז די שיף געשטאַנען, גערופן צו הילף, געפייפט, נאָר קיינער איז צו הילף ניט געקומען. מענטשן זיינען געלעגן קראַנקע אין שמוץ און אין ענגשאַפט. די חלוצישע יוגנט אויף דער שיף האָט געהאַלטן אָרדענונג, געמוטיקט די פּאַסאַ-זשירן, זיי געטרייסט, אַז זיי וועלן סוף-כל-סוף אָנקומען קיין ארץ-ישראל.

לסוף האָט זיך די שיף אַ ריר געטאָן. אַ ווינט האָט זי אָנגעהויבן טראָגן און פאַרפירט צו גריכנלאַנד, צום האַפן סיגרי.

צום גליק האָט מען זיי אין סיגרי אויפגענומען בעסער ווי אין די אַנדערע האַפנס. זיי האָבן דערציילט די באַאמטע פון סיגרי וועגן זייערע יסורים. די גריכישע באַאמטע האָבן זיי דערלויבט זיך אָפּ-צושטעלן אויף עטלעכע טעג אין סיגרי. עס איז געקומען אַ מעכאַניקער און האָט פאַרריכט דעם מאָטאָר. די איינוואוינער פון סיגרי האָבן זיי פאַרקויפט שפּייז. עס זיינען אַפילו געקומען גריכישע יונגעלייט אויף דער יידישער שיף און געזונגען גריכישע לידער. די יידישע בחורים און מיידלעך האָבן געזונגען יידישע און העברייִאישע לידער. די פּאַסאַזשירן פון „ליבערטאַד" האָבן זיך געפרייט וואָס עס זיינען

נאָך דאָ מענטשן אויף דער וועלט, וואָס זינגען לידער און זיינען פריינטלעך צו אַנדערע. צוויי וואָכן איז די „ליבערטאַד" געשטאַנען אין סיגרי. זיך געזעגנט מיט די גאַסט-פריינטלעכע גריכן פון סיגרי און זיך געלאָזן אויפן וועג קיין ארץ-ישראל.

לאַנג האָבן זיי נאָך געבלאָנדזשעט איבערן מיטללענדישן ים. אויף דער שיף איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס-עפּידעמיע. קיין מעדיצינישע הילף איז ניט געווען. מענטשן זיינען געלעגן אין היץ. דער צרה'דיקער מאָטאָר האָט זיך ווידער צעבראָכן. עס איז געווען וויניק וואַסער אויף טרינקען. יעדער איינער האָט געקראָגן אַ קליין ביסל וואַסער אויף שטילן דעם דאָרשט.

אויסגעמאַטערטע האָבן די פּאַסאַזשירן פון „ליבערטאַד" קוים דערלעבט צו דערזען די ברעגן פון ארץ-ישראל.

עס האָבן זי באַגעגנט די שיפלעך פון דער ענגלישער וואַך, און געבראַכט צום האַפן פון חיפה.

ווי אַזוי די הגנה פלעגט אַריינגעמען אַ שיף מיט „מעפּילים".

די, וואָס זיינען געפאָרן מיט די הגנה שיפן קיין ארץ-ישראל האָט מען זיי גערופן „מעפּילים" — דאָס הייסט געוואַגטע מענטשן. זיי זיינען געפאָרן אויף גאָטס באַראָט, ניט געוואוסט, צי זיי וועלן דער־שווימען. מיט זיי איז געווינלעך מיטגעפאָרן אַ באַגלייטער, אַ חבר פון דער הגנה. ער איז געווען געניט אין די נסיעות און האָט זיך באַמיט די שיף מיט די „מעפּילים" זאָלן אויסמיידן די ענגלישע ים־וואַך. די שיף האָט ביינאַכט ניט אָנגעצונדן קיין פייערן, כדי די ענגלענדער זאָלן זי ניט דערזען.

צו יענעם אָרט, וואו די שיף האָט געדאַרפט צוקומען, האָט די הגנה אַרויסגעשיקט באַוואָפנטע מענטשן. איינציקווייז זיינען זיי גע־קומען, מען זאָל זיי ניט באַמערקן. פאַרבאָרגענערהייט האָט מען אַהין געבראַכט געווער. די וועגן, וואָס פירן צום ברעג וואו די שיף דאַרף אָנקומען האָט מען פאַרשטעלט, פאַרלייגט מיט שטיינער, מיט אַלטע אייזנס — די ענגלענדער זאָלן ניט קענען גרינג צוקומען.

אויפן ים האָט מען אַרויסגעשיקט קליינע שיפלעך, זיי זאָלן באַגעגענען די שיף. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטיל, אָן איבעריקע

ווערטער. אַז די שיף איז אָנגעקומען האָט מען די מענטשן אַראָפּ־גענומען אין קליינע שיפעלעך און זיי געבראַכט צום ברעג. תיכף האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין דעם נאָענטן ישוב, אין אַ קיבוץ, אָדער אַ שטעטל. דאָרט האָבן זיך די „מעפּילים" איבערגעטאָן, מען זאָל זיי ניט דערקענען לויט זייער קליידונג. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער באַפעלקערונג.

נישט גרינג איז אָנגעקומען אַ געהיימע שיף דערשווימען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. ענגלישע קריגס־שיפן און יאָג־שיפן זיינען אַרומגעשוואומען ביי די ברעגן פון ארץ־ישראל און אויסגעקוקט, צי עס פאָרט ניט אַ שיף מיט „מעפּילים". אויף די ברעגן פון ים האָבן די ענגלענדער געהאַט ראַדאַר־סטאַנציעס, אַז אַ ראַדאַר־סטאַנציע האָט דערשפּירט אַ שיף האָבן די ענגלענדער זי נאָכגעיאָגט און געכאַפּט. די פּאַסאַזשירן האָט מען אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין לאַגערן.

די מענטשן פון דער הגנה האָבן געמאַכט איבערפאַלן אויף די ענגלישע ראַדאַר־סטאַנציעס און זיי צעבראָכן, כדי זיי זאָלן ניט קענען אויסשפּירן די שיפן מיט די „מעפּילים". ביז וואַנען די ענגלענדער האָבן די ראַדאַר־סטאַנציע פאַרריכט, און געבראַכט אין אָרדענונג האָט די יידישע שיף געקענט דורכשווימען, אַז די ענגלענדער זאָלן ניט ווימן וואו זי געפינט זיך. די הגנה האָט אָפט פאַרפירט די ענגלישע פּאַטרולן. מיט גערויש און טומל זיינען וועגענער מיט מענטשן פון דער הגנה געפאָרן צו אַ ברעג פון ים, כלומרשט אויף באַגעגענען אַ שיף מיט „מעפּילים". די ענגלענדער האָבן זיך געיאָגט מיט דער גרעסטער שנעלקייט, כדי די מענטשן פון דער שיף צו פאַרכאַפּן און אַרעסטירן. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַן אָנשטעל, וואָס די הגנה האָט געמאַכט. די שיף איז גאָר שטילערהייט אָנגעקומען אויף אַן אַנדער אָרט. ביז די ענגלענדער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז מען האָט זיי פאַרפירט, זיינען שוין די ניי־אָנגעקומענע „מעפּילים" אַראָפּ אויפן ברעג און געווען באַהאַלטן ערגעץ אין אַ קיבוץ, אָדער אין אַ שטעטל.

די שיף אויף וועלכער זיי זיינען געקומען האָט זיך שוין אומגעקערט צוריק אויף ברענגען אַנדערע „מעפּילים". אויפן ברעג איז שוין קיין סימן ניט געבליבן אַז דאָ זיינען מענטשן אַראָפּגעשטיגן.

דער ים איז געווען רואיק און נים דערציילט די סודות פון דער געהיימער שיף.

אַ שיף פון דער הגנה קומט אָן

„מיר זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל אין אַ פישער־שיף. מיר האָבן זי גערופן „גיגית", אַ „דייזשע", ווייל זי איז געווען אַ קליינע שיף.

אויף דער קליינער שיף איז געווען ענג. עס איז געווען אַ שטיקנדיקע לופט און פייכט. די בחורים און מיידלעך פון אונדזער גרופּע האָבן דאָס אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. מיר האָבן אַליין געטאָן די גאַנצע אַרבעט אויף דער שיף, דאָס ראַמען, צוגרייטן עסן און אַנדערע אַרבעטן. מיר האָבן יעדן טאָג אַרויסגעגעבן אַ „בלעטל" מיט אַלע נייעס, וואָס עס קומט פאָר אויף אונדזער שיף. מיר האָבן אַפילו איינגעאָרדנט אויף אונדזער „גיגית" אַ פאַרווײלונג.

עס איז געווען פאַרנאַכט ווען מיר זיינען צוגעשוואומען צו די ברעגן פון ארץ־ישראל. מיר האָבן דערזען פון דער ווייטן אַ קליין שיפל. מיר האָבן געצווייפלט: צי איז דאָס אַ שיפל פון דער הגנה, צי פון דער ענגלישער וואַך? דאָס שיפל האָט אונדז געגעבן ליכט־סיגנאַלן, וואָס האָבן באַדייט: „אַלץ איז אין אָרדענונג. שווימט צו צום ברעג". מיר זיינען אָבער געווען פאָרזיכטיק. מיר זיינען געשוואומען פאַזע דעם ברעג און נישט צוגעשוואומען צו נאָענט. עס איז אַריבער אַ שעה צייט. נאָך אַ מאָל אַ סיגנאַל: „אַלץ איז אין אָרדענונג. קומט צו שנעלער. מיר וואַרטן אויף אייך. קומט צו שטיל."

נישט ווייט פון דעם קליינעם שיפל אויפן ברעג האָט אַ פינקל געטאָן אַ פייערל. דאָס איז דאָס אָרט אויפן ברעג וואוהין מיר דאַרפן צושווימען.

גאַנץ שטיל האָבן מיר אַראָפּגעלאָזן פון אונדזער שיף צוויי קליינע שיפעלעך. אין זיי זיינען אַראָפּ עטלעכע בחורים, גוטע שווימער. אונדזערע קליינע שיפעלעך האָבן זיך אַוועקגעגליטשט איבערן וואַסער. מיר וואַרטן וואָס מיט זיי וועט זיין. צי וועלן זיי דערשווימען? צי וועט מען זיי כאַפּן? עס איז אַריבער אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה — מען הערט גאָרניט. און אָט האָבן מיר ווידער דערזען די ליכטיקע סימנים, וואָס האָבן באַדייט: „האָט ניט קיין מורא.

די שיפעלעך זיינען אָנגעקומען. זיי קערן זיך אום אַראָפּנעמען אַנ־דערע. קוקט זיך צו״.

מיר קוקן אויפן ים. די שיפלעך זיינען צוגעשוואומען. עס זיצן אין זיי ארץ־ישראלדיקע בחורים. מיר אַלע זיינען גליקלעך. אַ שמחה, אַ פרייד. אָבער עס איז ניטאָ קיין צייט צו שמועסן.

מען האָט צו אונדז צוגעשיקט נאָך צוויי גרעסערע שיפעלעך. אין יעדן שיפל גייען אַריין ביי 30 מענטשן. עס גייט אַראָפּ איין גרופּע נאָך דער אַנדערער. עס זיינען שוין אַראָפּ די גרופּע קראַנקע. עס זיינען שוין אַראָפּ אַלע פרויען. עס זיינען שוין געבליבן אויף דער שיף בלויז 40 מענטשן. אָט זיינען שוין געבליבן בלויז 10. מיט די לעצטע וועל איך אויך אַראָפּגיין. איך וועל בלויז אַרויפגיין אויף אונדזער ערד, אויף דעם זאַמד פון אונדזערע ברעגן. איך קער זיך אום צוריק צו דער „גיגית״. איך בין אַ באַגלייטער. איך וועל אויף איר ברעג־גען אַנדערע „מעפּילים״. די שיף שטייט אַ טונקעלע, אָן פייערן. קוים וואָס מען זעט זי.

ווען איך בין אַרויף אויף דער שיף, האָט זי זיך שטיל אָנגעהויבן דערווייטערן פון ברעג און איז אַוועקגעשוואומען צוריק.

בלויז איין רגע בין איך געווען אויף דיינע ברעגן, מיין לאַנד. איך בין נאָס און מיד. אָבער דאָס האַרץ איז פול מיט פרייד. איך האָב דערפירט אונדזער גרופּע צום ברעג.

איך וועל זיך אָפּרוען אויף אַ בענקל, אָדער איך וועל זיך אָפּרוען אויף אַ זאַק שטרוי. אַלץ איינס. עס איז כדאי די נסיעה״.

(פון אַ טאָגבוך פון אַ באַגלייטער)

אַ גרופּע חלוצים גנבעט זיך אַרויס פון פּוילן און וואַנדערט קיין ארץ־ישראל

אַ גרופּע זיינען מיר געווען. מיר האָבן זיך געדאַרפט דורכ־גנבענען דורך דער פּוילישער גרענעץ. עס איז געווען ביינאַכט. איך בין געלעגן אין אַ וואַגאָן, וואָס מען פירט סחורה. אונטערן קאָפּ מיין פּעקל זאַכן. אין וואַגאָן איז געווען שטיל, די וואַך זאָל ניט דערהערן, אַז דאָ געפינען זיך מענטשן. עס קלאַפּט דאָס האַרץ. וועלן מיר דורכ־פאָרן די גרענעץ, אָדער מען וועט אונדז כאַפּן?

און אַט־אָ פילן מיר — די באַן רירט זיך. מיר האָבן אָנגעהויבן פאָרן. מיר זיינען דורכגעגאַנגען די גרענעץ.

מיר זיינען געווען אַ גרופּע וואָס האָט געוואָלט דערגיין קיין ארץ־ישראל. פינף חדשים האָבן מיר געוואַנדערט ווי ציגיינער, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד. מיר זיינען געווען אין טשעכיע, אין עסטרייך, אין דייטשלאַנד — ביז מיר זיינען דערגאַנגען צום האַפן פון ספּעציא. דאָרט איז געשטאַנען אַ קליינע שיף „פעדע". אויף דער שיף זיינען געווען העכער טויזנט וואַנדערער, ווי מיר. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז „פעדע" וועט אונדז ניט פירן קיין ארץ־ישראל, ווייל ענגלאַנד דערלויבט ניט. וואָס טוט מען?

מיר האָבן דערקלערט אַ הונגער סטרייק. עטלעכע טעג ניט געגעסן. מיר זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַ העלפט פון די מענטשן האָבן שוין ניט קיין כח צו שטיין אויף די פיס. זיי ליגן מיט פינצטערע פּנימער און די אויגן ברענען. אַלע מאָל האָט מען עמיצן געטראָגן צום דאָקטאָר. אָבער קיינער וויל ניט אויפהערן דעם הונגער סטרייק.

פון ענגלאַנד איז געקומען העראָלד לאַסקי, אַ מיטגליד פון דער „לייבאָר־פּאַרטי". ער איז אַרויפגעקומען צו אונדז אויף דער שיף. ער האָט אונדז געזען. ער האָט אונדז אויסגעהערט. ער האָט צוגעזאָגט העלפן. לסוף האָבן מיר געקראָגן די דערלויבעניש אַריינצופאָרן קיין ארץ־ישראל.

צוויי וואָכן האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן ביזן אָפּשווימען. שיפן פון דער הגנה האָבן אונדז גענומען. איין שיף האָט געהייסן „דוב האָז" און די צווייטע „אליהו גאָלאָמב" — אויף די נעמען פון צוויי וויכטיקע אַרבעטער פירער און אָנפירער פון דער הגנה.

ניט אַלע האָבן געקענט אַריין אין די שיפן. הונדערטער מענטשן זיינען געשטאַנען אויפן ברעג און זיך געזעגנט מיט אונדז.

אין די שיפן איז געווען ענג. מיר האָבן זיך צעזעצט אויפן דעק, אויף די טרעפּ פון די לייטערס, אויף די ברעטער פון די מאַסטן. וואו עס איז געווען אַ שטיקל אָרט האָט זיך צוגעטוליעט אַ מענטש.

די שיפן האָבן זיך גערירט. מיר פאָרן צו אונדזער היימלאַנד.

(דערציילט פון י. ל.)

ארץ־ישראל׳דיקע יידן אין דער ענגלישער אַרמיי

במשך שני דורות ג׳ילינו כחנו בבנין וביצירה. נגלה כוחנו — אם ידרש גם במלחמה.

(מתוך הצעת הסוכנות לאנגליה, 1939)

אין פאַרלויף פון צוויי דורות האָבן מיר אַנטפּלעקט אונ־דזער כח אין בויען און שאַפן. אויב מען וועט דאַרפן — וועלן מיר אַרויסווייזן אונדזער כח אויך אין קריג.

(פון אַ מעמאָראַנדום פון דער יידישער אגענטור צו ענגלאַנד אין 1939)

ווען היטלער האָט אָנגעהויבן די מלחמה מיט ענגלאַנד, האָט ד״ר חיים ווייצמאַן געשיקט אַ בריוו צו דער ענגלישער רעגירונג. אין דעם בריוו האָט ער געשריבן אַז די יידן פון ארץ־ישראל זיינען גרייט מיט אַלע כחות צו העלפן ענגלאַנד אין דער מלחמה קעגן היטלערן. די ענגלישע רעגירונג האָט געענטפערט, אַז זי נעמט אָן מיט דאַנק די הילף פון די ארץ־ישראלדיקע יידן.

טויזנטער יידן פון ארץ־ישראל זיינען פרייוויליק געגאַנגען אין דער ענגלישער אַרמיי. צווישן זיי זיינען געווען אינזשענערן, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער, טעכניקער און פאַרשיידענע בעלי־מלאכות: שוסטער, שניידער, שמידן און מענטשן פון אַנדערע פאַכן.

אויף אַלע פראָנטן, וואו ענגלאַנד האָט געפירט מלחמה מיט היטלערן, זיינען געווען אָפּטיילונגען פון די ארץ־ישראלדיקע יידישע זעלנער. זיי זיינען געווען אין פראַנקרייך, אין איטאַליע, אין גריכנלאַנד און אין די וויסטענישן פון אַפריקע.

די יידן פון ארץ־ישראל האָבן מיט אַלע כחות געהאָלפן ענגלאַנד אין דער מלחמה, כאָטש זיי האָבן געהאַט ביטערע פאַרדראָסן אויף דער ענגלישער רעגירונג. ענגלאַנד האָט ניט אַריינגעלאָזן קיין יידן אין ארץ־ישראל. טאַקע אין יענער צייט, אין אָנהויב פון דער מלחמה, ווען ארץ־ישראלדיקע יידן זיינען געגאַנגען אין דער ענגלישער אַרמיי, איז אָנגעקומען קיין חיפה די שיף „טייגער היל״. אויף דער שיף זיינען געווען 1,400 טשעכישע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלערן. די ענגלענדער האָבן ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן די יידן אויפן ברעג. די ענגלענדער האָבן זיי געוואָלט אַרעסטירן.

די יידן האָבן זיך ניט געלאָזט. די ענגלישע זעלנער האָבן זיי געשלאָגן, און צוויי פון די יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויף דער דעק פון דער שיף.

ווען די יידן זיינען פאַרמאַטערט געוואָרן פון דעם געשלעג מיט די ענגלענדער, האָט מען זיי אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט אין אַ לאַגער (צריפין).

נאָך ערגער איז געווען מיט דעם קליינעם שיפל „סאַלוואַדאָר". 230 יידן זיינען געווען אויף דער „סאַלוואַדאָר". די ענגלענדער האָבן זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן קיין ארץ-ישראל. די „סאַלוואַדאָר" האָט זיך ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן. זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער די ימים, ביז זי איז דערטרונקען געוואָרן. און נאָך, און נאָך אומגליקן זיינען געשען מיט יידישע שיפן אין יענער צייט.

פונדעסטוועגן זיינען די ארץ-ישראלדיקע יידן אין די טויזנטער געגאַנגען אין דער ענגלישער אַרמיי. זיי האָבן געוואָלט העלפן אין דער מלחמה קעגן היטלערן און זיי האָבן געוואָלט זיין אויף די פראָנטן פון אייראָפּע, כדי ברענגען הילף די אייראָפּעאישע יידן, זיין מיט זיי אין דער ביטערסטער צייט.

די ארץ-ישראלדיקע יידישע פרייוויליקע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גרייטקייט צו גיין אויף די געפערלעכסטע ערטער. יעדע אָפּטיילונג האָט געוואָלט גיין צום פראָנט, זיך שלאָגן מיטן גרעסטן שונא פון יידישן פאָלק, מיט היטלערן.

אויף די פראָנטן אין אַפריקע האָבן זיך די יידישע אָפּטיילונגען פאַרנומען מיט צושטעלן וואַסער, געווער, שפייז, און גאַזאָלין פאַר דער ענגלישער אַרמיי. צענדליקער מיילן האָבן זיי זיך געשלעפּט אין מדבר אונטער אַ ברענענדיקער זון, איבער שלעכטע וועגן, איבער זאַמדן. עס האָט אַמאָל געטראָפן, אַז איינער האָט אָנגעהויבן שפייען מיט בלוט פון היץ און אָנשטרענגונג, אַן אַנדערער איז אַוועקגעפאַלן פון אַ זון-שלאָג, אָבער זיי האָבן ניט פאַרשפּעטיקט ברענגען זייער טראַנספּאָרט צו דער צייט.

איינמאָל האָט ביי אַ יידישן זעלנער זיך צעבראָכן זיין לאַסט-מאַשין (טראָק). די אָפּטיילונג מיטן גאַנצן טראַנספּאָרט מאַשינעס איז אַוועקגעפאָרן ווייטער. ער האָט אָבער ניט געוואָלט איבערלאָזן זיין מאַשין. ער איז איינער אַליין געבליבן אין מדבר ביז עס איז גע-קומען הילף און ער האָט געקענט אַוועקפירן זיין לאַסט-מאַשין. איין אָפּטיילונג פון יידישע שאָפערן האָט באַדאַרפט אַריבערפירן זעלנער פון איין פראָנט אויף אַ צווייטן. דער וועג איז געווען אַ ווייטער, פון סיריע קיין מצרים צו על-אַלאַמיין. זיבעציק שעה נאָכאַנאַנד

האָבן זיי געטריבן די מאַשינעס. ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט זיינען זיי אָפּגעטראָטן פון רעדל, ניט אָפּגערוט זיך. זיי זיינען אָנגעקומען צום פראָנט אין דער באַשטימטער צייט. דאָס איז געווען אין 1942. עס איז געווען אַ ביטערע צייט אין דער מלחמה. היטלערס אַרמייען אין אַפריקע האָבן מאַרשירט פאָרויס, און עס איז געווען אַ סכנה, אַז זיי זאָלן דערגיין קיין ארץ-ישראל. די יידן אין ארץ-ישראל האָבן זיך געגרייט צו פאַרטיידיקונג. אין פאָלק און צווישן די יידישע פּרייוווי-ליקע האָט מען דערציילט אַ לעגענדע, אַז פון בית לחם איז געקומען אַ פרוי אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער. זי איז אַוועק צום ראש הרבנים און האָט אים געטראָפן ווי ער זיצט פאַרטרויערט און טוט תפילה. זי האָט אים געזאָגט: זיי ניט פאַרצווייפלט, דער רשע וועט ניט אַרויפגיין אויף דער ערד פון ארץ ישראל. די פרוי איז געווען, האָבן זיי געזאָגט, רחל אמנו, די מוטער רחל, וואָס איר קבר געפינט זיך לעבן בית לחם.

ביי על-אַלאַמיין האָבן די ענגלענדער אָפּגעשטויסן היטלערס אַרמיי, און דער רשע איז נישט אַריין קיין ארץ-ישראל.

דער מגן דוד אויף די יידישע לאַסט-מאַשינעס

אויף זייערע לאַסט-מאַשינעס פלעגן די ארץ-ישראלדיקע יידישע זעלנער אויסמאָלן אַ מגן דוד. די אַנדערע זעלנער, די נישט-יידישע, האָבן געטראַכט, אַז דער מגן דוד איז אַ סגולה, אַ מיטל, וואָס העלפט די יידישע זעלנער זיך אויסצייכענען אין דער אַרמיי. איינמאָל האָבן אויסטראַלישע זעלנער וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם פראָנט, געדאַרפט דורכגיין אין מדבר דורך אַ שווערן וועג. זיי האָבן גענומען און אויסגעמאָלן מגן-דוד'ס אויף זייערע לאַסט-מאַשינעס, און זיי האָבן געזאָגט: איצט וועלן מיר זיכער דורכגיין! דער מגן דוד וועט העלפן.

נישט נאָר מענער נאָר אויך פרויען זיינען געווען אויף די פראָנטן מיט די ארץ-ישראלדיקע אָפּטיילונגען. זיי האָבן געהאַט באַזונדערע פרויען גרופּעס. די פרויען האָבן געאַרבעט אין די מיליטערישע שפּי-טעלער, אין די פעלד-קיכן, אין די וועשערייען, אין קליידער מאַגאַ-

זינען. פרויען זיינען געווען שאָפערן, אַנדערע האָבן געאַרבעט אין די ביוראָס פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. צווישן די פרויען זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט און דערגרייכט דעם ראַנג פון אָפּיצערן.

די ענגלענדער האָבן אָנערקענט די געטריישאַפט און העלדישקייט פון די יידישע פרייוויליקע און האָבן באַוויליקט דעם פאַרלאַנג פון די יידן צו אָרגאַניזירן די יידישע זעלנער אין אַ באַזונדערער יידישער בריגאַדע.

וויאַזוי זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע נעמען אין געפאַנגענשאַפט אַ דייטשישן פּאַטרול

אין איטאַליע איז אַן אָפּטיילונג פון דער יידישער בריגאַדע געשטאַנען גאָר נאָענט צו די דייטשישע פּאָזיציעס. אין משך פון דריי וואָכן נאָכאַנאַנד זיינען די יידישע בחורים געגאַנגען אויף נאַכט אָנגריפן אויף די דייטשן. זיי האָבן געקענט פירן נאַכט מלחמה נאָך פון די ציטן פון ווינגייט. איינמאָל ביינאַכט איז אַרויס אַן אָנגריף־גרופּע אונטער דער אָנפירערשאַפט פון באַב הענדלער, אַ חבר פון גבעת ברענער. די בחורים האָבן זיך אויסגעשמירט די פּנימער מיט סאַזשע, כדי מען זאָל זיי ניט זען. זיי האָבן זיך באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס און זיי זיינען אַוועק צו די דייטשישע פּאָזיציעס. זיי זיינען דערגאַנגען צו אַ גראָבן און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אַרויסגעשיקט עטלעכע בחורים פאָרויס, אַן אויסשפּיר־גרופּע. זיי זיינען געגאַנגען שטיל. עס איז געווען אוממעגלעך צו הערן זייערע טריט. פאַרביי זיי איז דורכגעגאַנגען אַ דייטשער פּאַטרול. זאָלן זיי גיין, האָט שטיל געזאָגט דער אָנפירער פון דער אויסשפּיר־גרופּע. די דייטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום גראָבן האָט די יידישע אָפּטיילונג זיי באַגעגנט מיט שיסערייען. די דייטשן זיינען זיך צעלאָפן. אויף מאָרגן האָט מען זיך דערוואוסט אַז דריי גרופּעס פון דייטשישן פעלד־שפּיטאָל זיינען עטלעכע מאָל געגאַנגען הין און צוריק אויף אַוועקנעמען זייערע טויטע און פאַרוואונדעטע.

עס איז אויסגעקומען איינמאָל, אַז אַן אָפּטיילונג פון דער יידישער בריגאַדע האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַ גרופע דייטשן. די דייטשן זיינען געוואָרן בלייך, און צעשראָקן, ווען זיי האָבן זיך דער־וואוסט, אַז יידן האָבן זיי געפאַנגען.

איינער פון די דייטשן האָט געזאָגט אויף דער אויספאָרשונג: „מען האָט אונדז געזאָגט, אַז עס זיינען שוין נישטאָ קיין יידן אויף דער וועלט. מיר האָבן ניט געוואוסט, אַז דאָ שטייט אַ יידישע בריגאַדע".

די ענגלישע זעלנער האָבן באַוואונדערט די געוואַגטקייט פון די בחורים פון דער ארץ־ישראלדיקער בריגאַדע. זיי פלעגן זאָגן: „מיר האָבן נאָך ניט געזען אַזעלכע אָנגרייפער: זיי גייען גלייך אין פייער אַריין".

די פּאַראַשוטיסטן

חנה סענעש

אַנציאָ סירעני

אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות,
אשרי הלהבה שבערה בסתרי לבבות,
אשרי הלבבות שידעו לחדל בכבוד,
אשרי הגפרור שנשרף והצית להבות.

(חנה סענעש, סערדיצע, 1944)

וואויל איז דעם צינדל וואָס ווערט פֿאַרברענט און צעפּלאַקערט אַ פֿלאַם.

וואויל איז דעם פֿלאַם וואָס ברענט אין האַרצן פֿאַרבאָרגן.

וואויל איז דעם האַרץ וואָס קען שטאַרבן מיט כבוד.
וואויל איז דעם צינדל וואָס ווערט פֿאַרברענט און צעפּלאַקערט אַ פֿלאַם.

אין מיטן פון דער צווייטער וועלט-מלחמה זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז דער רשע היטלער הרגעט אויס אַלע יידן. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט אויסגעבויט טויט-לאַגערן, מיט גאַז-קאַמערן. מען פירט אַהין אַוועק אין באַנען הונדערטער טויזנטער יידן פון פוילן און פון אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער און מען ברענגט זיי אום.

אַ שוידער איז באַפאַלן די יידן איבער דער וועלט, אַ פינצטערקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע יידישע הייזער. אַנדערע האָבן ניט געגלויבט, אַז דאָס קען זיין אַן אמת. אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום זיינען אָנגעקומען זיכערע ידיעות, אַז היטלער הרגעט אויס דאָס יידישע פאָלק.

וואָס טוט מען? ווי קען מען זיי ראַטעווען? היטלערס אַרמייען זיינען שטאַרק, זיי הערשן כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע. מען קען אַהין ניט צוקומען ניט מיט שיפן, און ניט מיט באַנען.

די ארץ-ישראלדיקע יידן זיינען געווען אין טרויער, פונקט ווי אַלע יידן איבער דער גאָרער וועלט. עס זיינען געווען אייניקע, וואָס האָבן ניט געקענט רוען. זיי האָבן געזאָגט: דאָרט הרגעט מען אויס אונדזער פאָלק, און מיר וועלן זיצן און גאָרניט טאָן?

די ענגלישע אַרמיי האָט באַשלאָסן שיקן פאַראַשוטיסטן, וואָס זאָלן זיך אַראָפּלאָזן פון עראָפּלאַנען אין די לענדער וואָס היטלער האָט איינגענומען, כדי זיי זאָלן העלפן די פאַרטיזאַנען פון די לענדער אין זייער קאַמף קעגן די דייטשן.

אין דער הגנה האָבן זיך געפונען מענטשן וואָס האָבן פרייוויליק זיך אונטערגענומען צו דינען אַלס פאַראַשוטיסטן אין דער ענגלישער אַרמיי, כאָטש עס איז געווען אַ געפאַר אַריינצופאַלן גלייך אין די הענט פון היטלערס מערדער.

זיי האָבן געוואָלט אַזוי אַרום זיך פאַרבינדן מיט די יידן אין די לענדער אונטער היטלערן און זיי העלפן. צוויי און דרייסיק פאַראַשוטיסטן זיינען אַרויסגעפלויגן אויף זיך צו פאַרבינדן מיט די יידן פון אייראָפּע. פון די צוויי און דרייסיק זיינען בלויז אַ צאָל געקומען

לעבעדיקע צוריק. אַלע אַנדערע זיינען אומגעקומען פון די דייטשע הענט.

די מאַרטירערין חנה סענעש

צווישן די פּאַראַשוטיסטן איז געווען אַ יונג מיידל, חנה סענעש. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דעם קיבוץ קיסריה. זי איז געבוירן געוואָרן אין אונגאַרן. איר פאָטער איז געווען אַ שרייבער. חנה סענעש אַליין האָט אויך געשריבן לידער און דראַמעס.

ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן איז זי אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. זי איז אַריין אין קיבוץ, און האָט זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט. זי האָט זייער ליב געהאַט דעם קיבוץ און ארץ־ישראל. זי איז געווען אַ מיטגליד פון דער הגנה. זי האָט שטענדיק געטראַכט וועגן די יידן אין אייראָפּע, און וועגן איר משפחה, וואָס איז געבליבן אין אונגאַרן, אין היטלערס הענט.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט וואָס היטלער טוט מיט די יידן, האָט חנה סענעש געפילט, אַז זי מוז עפּעס טאָן, זי קען ניט בלייבן רואיק אין דער צייט פון גרויסן יידישן אומגליק. זי האָט פאַרשריבן אין איר טאָג־בוך: „אַ קול רופט מיך, און איך וועל גיין נאָך דעם קול. איך בין אַ טאָכטער פון מיין פאָלק און דאַרף מיין פאָלק דינען". עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פאַראַשוטיסטן, פינף מענער און איין פרוי, חנה סענעש.

עטלעכע וואָכן האָבן זיי זיך געלערנט ווי זיך אַראָפּצולאָזן אויף דער ערד מיט אַ פאַראַשוט. ווען די לערע האָט זיך געענדיקט, זיינען זיי ביינאַכט אַרויסגעפלויגן מיט אַן עראָפּלאַן. עטלעכע חברים פון דער הגנה האָבן זיך מיט זיי אין געהיים געזעגנט. דער עראָפּלאַן איז פאַרשוואונדן אין די וואָלקנס.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין יוגאָסלאַוויע. צען טעג זיינען זיי געגאַנגען צופוס, זיך געגנבעט ביינאַכט, מען זאָל זיי ניט כאַפּן. זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ גרופּע יוגאָסלאַווישע פאַרטיזאַנען, וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַלד און געקעמפט מיט דער היטלערישער אַרמיי.

די פּאַרטיזאַנען זיינען געווען זייער איבערראַשט, ווען זיי האָבן דערזען דאָס יידישע מיידל פון ארץ־ישראל ביי זיך אין לאַגער. צווישן די פּאַרטיזאַנען זיינען געווען אויך יידן. פאַר די יידן האָט עס אויסגעזען ווי אַ נס, ווי פון הימל זיינען צו זיי געקומען שליחים פון ארץ־ישראל. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ דערמוטיקונג און אַ טרייסט. עס האָט זיי געגעבן האָפענונג, אַז די יידן זיינען נאָך ניט פאַרלוירן.

ווען חנה סענעש איז געווען מיט די פּאַרטיזאַנען איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט מיט די דייטשן. נאָך דער שלאַכט האָבן זיך די פּאַרטיזאַנען ווידער באַהאַלטן אין די וועלדער. חנה סענעש האָט באַשלאָסן גיין ווייטער, און אָנקומען קיין אונגאַרן. דאָרט האָט זי געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט די אונגאַרישע יידן. דער קאָמאַנדיר פון די פּאַרטיזאַנען האָט באַוואונדערט איר גבורה. ער האָט זי געוואָרנט, אַז זי גייט אויף אַ זיכערן טויט. אָבער חנה סענעש האָט באַשלאָסן גיין. זי האָט געזאָגט, זי איז אַ שליח פון יידישן פאָלק, און אַ שליח מוז טאָן זיין שליחות. זי און אַ צווייטער חבר האָבן זיך געלאָזט צו דער אונגאַרישער גרענעץ.

אין אונגאַרן האָט זיך חנה סענעש פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג וואָס האָט געקעמפט מיט היטלערן. זי האָט זיך פאַרבונדן מיט די יידישע געהיימע אָרגאַניזאַציעס. זי האָט איינגעשטעלט אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַנציע אויף פאַרבינדן זיך מיט די פרייע לענדער, וואָס האָבן געקעמפט מיט היטלערן.

די דייטשן האָבן אויסגעשפּירט די ראַדיאָ־סטאַנציע און אַרעסטירט חנה סענעש. מען האָט זי אַריינגעזעצט אין תפיסה. מען האָט איר פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל בעטן באַגנעדיקונג, וועט מען זי ניט שיסן. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט זיי געענטפערט: זי בעט ניט קיין באַגנעדיקונג ביי מערדער.

איין טאָג איז צו איר אין צעל געקומען אַן אָפיציר, און האָט איר געזאָגט, אַז מען גרייט זיך זי שיסן. ער האָט איר פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל איר פאַרבינדן די אויגן, זי זאָל ניט זען, ווי מען שיסט זי. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. זי האָט געזונגען די „התקוה" ווען מען האָט זי אַרויסגעפירט צום טויט.

נאָך איר טויט איז געבליבן צווישן אירע זאַכן אַ ליד, וואָס זי האָט אָנגעשריבן אויף העברייאיש:

וואויל איז דעם צינדל, וואָס ווערט פאַרברענט,
און צעפלאַקערט אַ פלאַם.
וואויל איז דעם פלאַם,
וואָס ברענט אין הארצן פאַרבאָרגן.
וואויל איז דעם האַרץ
וואָס קען שטאַרבן מיט כבוד.

חנה סענעשעס העלדישער טויט האָט אָנגעצונדן מיליאָנען יידישע הערצער מיט איר ליבשאַפט צום פאָלק און מיט איר גרייטקייט צו שטאַרבן אויף העלפן איר פאָלק.

זומער, 1951, האָט מען חנה סענעשעס אָרון געבראַכט פון אונגאַרן קיין ארץ-ישראל. טויזנטער מענטשן זיינען געפאָרן צום האַפן פון חיפה באַגעגענען דעם אָרון. איבערן גאַנצן וועג איז מען פון אַלע ישובים אַרויסגעקומען באַגלייטן דעם אָרון פון חנה סענעש. מען האָט זי געפירט צום קיבוץ קיסריה, וואו זי איז געווען אַ מיטגליד, און דערנאָך געבראַכט אין ירושלים, און באַהאַלטן אויפן הר הרצל.

אויסער חנה סענעש זיינען אומגעקומען אַנדערע פאַראַשוטיסטן. זיי האָבן הונדערטער יידן פון די היטלער לאַגערן געהאָלפן זיך אַרויסראַטעווען און אַנטלויפן. זיי האָבן דערפאַר אָפּגעגעבן זייערע אייגענע לעבנס.

אַנציאָ סירעני

איינער פון די אומגעקומענע פאַראַשוטיסטן איז געווען אַנציאָ סירעני, אַ חבר פון קיבוץ גבעת ברענער. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער, ער האָט זיי איבערגעלאָזן אין גבעת ברענער און איז אַוועקגעפלויגן זיין אַ „שליח פון הימל״, ראַטעווען יידן פון די היטלער-לענדער.

פאַר זיין אָפּפליען האָט ער געשריבן אַ בריוו צו די חברים:

„ערב מיין אַוועקפאָרן שיק איך אייך מיינע גרוסן. איך גיי מיט דער האָפענונג, אַז איך וועל קענען טאָן עפּעס פאַר אונדזער פאָלק,

און העלפן אין דער מלחמה קעגן היטלערן. צי מיר וועלן זיך זען צי ניט, שלום״.

אַנציאָ סירעני איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון רוים, איטאַליע. זיין פאָטער איז געווען דער הויף־דאָקטאָר פון איטאַליענישן קעניג וויקטאָר עמנואל, און אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין רוים. די משפחה סירעני איז געווען אַן אַלטע יידישע משפחה אין איטאַליע, וואָס האָט דאָרט געלעבט הונדערטער יאָרן. אין דער משפחה סירעני האָט מען דערציילט, אַז זייערע אור־אור עלטערן זיינען געקומען קיין איטאַליע פון ירושלים, ווען עס איז חרוב געוואָרן דער צווייטער בית־המקדש. אָבער אין משך פון די אַלע הונדערטער יאָרן האָבן די סירענים אָפּגעהיט די יידישע טראַדיציעס. יעדן ערב יום־כיפור האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע מיטגלידער פון דער סירעני משפחה — די אַלטע לייט, די קינדער, די אייניקלעך און אור־אייניקלעך און זיי זיינען געגאַנגען צופוס איבער די גאַסן פון רוים צום אַלטן יידישן בית־עולם צו די קברים פון זייערע עלטערן, און אור־עלטערן. די אַלטע לייט האָבן דערציילט פאַר די יונגע וועגן דעם גרויסן יחוס פון זייער משפחה, ווי אַזוי זיי האָבן געקעמפט קעגן שמד און איינגעהאַלטן יידישקייט דורות אויף דורות. זיי האָבן דערציילט וועגן איינעם פון דער משפחה סירעני, וואָס איז צוזאַמען מיט צוויי איטאַליענישע רבנים אַוועק צום פויפסט און פּראָטעסטירט, פאַרוואָס מען האָט מיט געוואַלד אָפּגעשמדט אַ יידן. מען האָט זיי דערפאַר באַשטראָפט, און זיי זיינען קיינמאָל ניט געקומען צוריק צו זייערע משפחות. אַנציאָ סירעני האָט פון קינדוויז אָן געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד, און אַז אַ ייד דאַרף זיין גרייט צו דינען זיין פאָלק.

אַנציאָ סירעני האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פעאיקייטן. ער האָט שטודירט פילאָזאָפיע און האָט געקראָגן דעם טיטול דאָקטאָר פילאָזאָפיע.

ווען סירעני איז אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט זיין ברודער באַזוכט דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין קאַרלסבאַד. ער איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, און וועגן דעם, אַז מען בויט אין ארץ־ישראל אַ יידיש לאַנד.

ביי אנציאָ סירעני האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרקע בענקשאַפט צו ארץ־ישראל. זיינע אור־אור־עלטערן זיינען געקומען פון ירושלים, און איצט קערן זיך יידן אום צוריק אַהיים. ארץ־ישראל איז געוואָרן זיין חלום, און ער האָט באַשלאָסן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

די יידן אין איטאַליע זיינען געווען מערסטנטייל אַסימילירט. זיי האָבן גערעדט איטאַליעניש, געלערנט די איטאַליענישע ליטעראַטור און ווייניק געוואוסט וועגן ציוניזם.

סירעני האָט אָרגאַניזירט ציוניסטישע יוגנט־קרייזן אין פאַרשיי־דענע איטאַליענישע שטעט. ער האָט געזאָגט צו דער יוגנט פון איטאַליע: דערמאָנט זיך, אַז איר זייט יידן און ארץ־ישראל איז אונדזער לאַנד. מיר דאַרפן זיך אומקערן אַהין.

אין 1926 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער האָט גע־אַרבעט ווי אַ פּשוטער אַרבעטער אין רחובות. דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חלוצים באַשלאָסן גרינדן אַ קיבוץ. זיי האָבן ניט געהאַט קיין געלט, זיי האָבן ניט געקענט קויפן קיין באָדן.

אַנציאָ סירעני האָט געטראָפן דעם אַלטן יהושע כענקין און האָט אים געזאָגט: — מיר ווילן קויפן באָדן אויף בויען אַ קיבוץ. יהושע כענקין האָט אים געפרעגט, צי זיי האָבן געלט?

אנציאָ סירעני האָט אים געענטפערט: ניין, קיין געלט האָבן מיר ניט, אָבער איך וועל געבן אַ גאַראַנטיע.

— וואָס איז די גאַראַנטיע? האָט געפרעגט יהושע כענקין.

אנציאָ סירעני האָט אים געענטפערט: — מיינע צוויי קינדער. איז דאָס פאַר אייך אַ קליינע גאַראַנטיע?

די גרופּע חלוצים האָט באַקומען דעם באָדן און זיי האָבן אויס־געבויט גבעת ברענער.

אנציאָ סירעני האָט גערעדט אויף עטלעכע שפּראַכן. ער איז געפאָרן קיין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, אַמעריקע און האָט אומעטום גערופן די יידן צו „עליה": פאָרט קיין ארץ־ישראל, בויט אייער לאַנד.

צו זיין 12־יאָריקער טאָכטער אין גבעת ברענער האָט ער גע־שריבן אין אַ בריוו: „זיי ניט אומעטיק, וואָס איך פאָר אַזוי אָפט אַוועק פון דער היים. איך בין אַ שליח פון אַן אומגליקלעך פאָלק,

וואָס מען ברענגט אום. אַז דו וועסט עלטער ווערן וועסטו פאַרשטיין מיין שליחות״.

ווען די הגנה האָט באַשלאָסן שיקן די פאַראַשוטיסטן אין די היטלער־לענדער אויף ראַטעווען יידן, האָט אנציאָ סירעני געזאָגט: איך בין דער מענטש, וואָס דאַרף דאָס טאָן.

ווען ער איז אָפּגעפלויגן איז געווען אַ געדיכטער נעפּל. דער עראָפּלאַן האָט זיך געמוזט אומקערן. אין אַ וואָך אַרום איז ער ווידער אָפּגעפלויגן. זיין עראָפּלאַן האָט פאַרבלאָנדזשעט. סירעני איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. זיי האָבן אים אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן אין דאכאו. הונדערטער יידן האָט ער געראַטעוועט און געהאָלפן אָפּפאָרן קיין ארץ ישראל. אָבער ער אַליין איז אומגעקומען אין דאכאו צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פון זיין פאָלק.

ברידער באַגעגנען זיך

זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע גרינדן אַ שול פאַר אידישע היימלאָזע קינדער אין איטאַליע.

דער גורל האָט זיי ביידן פאַרבונדן, די שארית הפליטה אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן מיט די טויזנטער יונגעלייט פון דער ארץ ישראלדיקער בריגאַדע, וואָס האָבן אויסגעזוכט די יידן אין יעדן לאַגער און אין יעדן הויז וואו זיי האָבן זיך געפונען. זיי האָבן געהאָלפן מיט אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט און האָבן באַנייט ביי זיי דעם גלויבן אין דעם מענטשן און די האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט.

(י. באַראַץ)

אין איטאַליע, אין פראַנקרייך און אין בעלגיע האָבן זיך די זעלנער פון דער ארץ-ישראלדיקער בריגאַדע געטראָפן מיט די יידן פון אייראָפּע, וואָס זיינען איבערגעבליבן נאָך היטלערס שחיטות. זיי האָבן זיך געטראָפן מיט יתומים, וואָס זייערע עלטערן האָט מען אומגעבראַכט, מיט אלמנות וואָס מען האָט געהרגעט זייערע מאַנען. איינזאַמע מענער האָבן זיי געזען, וואָס מען האָט פאַרברענט זייערע פרויען און קינדער. אומגליקלעכע מענטשן, אָרעמע און אָפּגעריסענע, מיט שרעק פאַרן טויט אין די אויגן.

ווען די זעלנער פון דער ארץ-ישראלדיקער בריגאַדע זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ שטאָט מיט די מגן דוד'ס אויף זייערע מאַשינעס, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ וואונדער אין די אויגן פון די אומגליקלעכע אייראָפּעאישע יידן. יעדער ייד איז אַרויסגעקומען פון זיין פאַרבאַרגעניש און איז געקומען צו דער ארץ-ישראלדיקער בריגאַדע. אייניקע יידן זיינען געווען באַהאַלטן אין קריסטלעכע הייזער, קינדער אין מאָנאַסטירן — פון אַלע באַהעלטענישן זיינען זיי געקומען זען די זעלנער פון ארץ-ישראל. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס זיי זעען פרייע יידן. זיי האָבן געקושט די מגן-דוד'ס אויף די מאַשינעס פון דער יידישער בריגאַדע, וואָס איז זיי געקומען באַפרייען. די ארץ-ישראלדיקע מענער און פרויען פון דער בריגאַדע האָבן זיך באַמיט אויפזאַמלען און אָרגאַניזירן די יידן, וואָס זיינען געבליבן אין אייראָפּע. די בריגאַדע האָט פאַר זיי געעפנט הייזער צום וואוינען, „בתי עולים”. די פרויען פון דער בריגאַדע האָבן געגרינדעט קינדער-גערטנער, פאַר די קליינע קינדער, שפּיטאָלן פאַר די קראַנקע.

די ארץ-ישראלדיקע בריגאַדע האָט געקראָגן פאַר די יידן שפּייז און קליידער. מען האָט געמאַכט מיט זיי פאַרזאַמלונגען. מען האָט זיי דערציילט, אַז עס בויט זיך אַ לאַנד אין ארץ-ישראל, אַז זיי האָבן אַ היים וואו צו קומען.

אין איינעם פון די „בתי עולים” אין דייטשלאַנד איז געקומען אַ ייד, ער האָט אַוועקגעלייגט זיין קליינעם פּעקל זאַכן און האָט גע-

קראַגן אַ פּלאַץ וואו צו שלאָפן. אין זעלבן „בית עולים" איז אָנגע־קומען זיין זון, און זיי האָבן זיך דאָרט געטראָפן. זעקס יאָר האָבן זיי זיך ניט געזען, און זיי האָבן ניט געוואוסט איינער פון דעם אַנ־דערן, צי מען לעבט. אין זעלבן טאָג איז געקומען אַ פרוי פון אַ לאַגער ביים רוסישן גרענעץ. דאָס איז געווען די פרוי פון דעם יידן און די מוטער פון דעם זון. זי האָט זיי דערקאָנט, און די גאַנצע משפחה האָט זיך פאַראייניקט. אין „בית עולים" האָט מען געמאַכט לכבוד זיי אַ גרויסע שמחה. די זעלנער פון דער בריגאַדע האָבן געבראַכט וויין און מען האָט זיך געפרייט מיטן פאָטער, מיט דער מוטער און מיטן זון, וואָס האָבן איינע די אַנדערע געפונען.

די זעלנער פון דער ארץ־ישראלדיקער בריגאַדע האָבן געשריבן טויזנטער בריוו אויף אויפזוכן יידן, וואָס מען האָט ניט געוואוסט צי זיי זיינען געבליבן לעבן, אָדער ניט. דורך די בריוו האָבן אַ סך פליכט־לינגע געפונען זייערע משפחות.

יעדער זעלנער פון דער ארץ־ישראלדיקער בריגאַדע, די מענער און די פרויען, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט ראַטעווען די יידן פון איי־ראָפּע. זיי האָבן געשפּייזט די הונגעריקע און געטרייסט די אומגליק־לעכע, און געלערנט די אַנאַלפאַבעטן לייענען און שרייבן. זיי האָבן געמאַכט פאַר די פליכטלינגע יום טובים און געזונגען מיט זיי לידער. זיי האָבן זיי אָרגאַניזירט אין גרופּעס און געהאָלפן פאָרן קיין ארץ־ישראל. זיי זיינען געווען צו די פליכטלינגע ווי ברידער און שוועס־טער, וואָס זיינען געקומען זיי העלפן און ראַטעווען.

די פאַראייניקטע פעלקער באַשליסן וועגן אַ יידישער מדינה

די מלחמה פאַר באַפרייאונג

נגבה

עס זיינען צעלעכערט געוואָרן אירע ווענט, אַז פייגל זיינען דורכגעפלויגן דורך זיי. שטאָלץ איז געווען דאָס לאַנד מיט דעם ווידערשטאַנד און זיג פון די זין און טעכטער פון נגבה.

די מלחמה פאַר אונדזער זעלבסטשטענדיקייט איז אַ ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון פאָלק ישראל, ניט ווייניקער פון דער מלחמה פון יהושע בן נון אָדער די מלחמה פון די חשמונאים.

(דוד בן־גוריון: „ישראל אין קריג")

...ראשית הגאולה העתידה תהיה על פי רשיון המלכויות ויהיה קצת קבוץ גלויות ואחר כך יוסיף השם יתברך שנית ידו כדכתיב: „ושב את שבותך" ואחר כך „ושב וקבצך מכל העמים"...

... דער אָנהויב פון דער גאולה וועט קומען דורך אַ דער־לויבעניש פון די מלוכות און עס וועט דער השם יתברך ווייטער העלפן ווי עס שטייט געשריבן: „און ער וועט אומקערן די פאַרוואָגלטע" און דערנאָך וועט ער אויפזאַמ־לען די יידן פון אַלע עקן וועלט קיין ארץ ישראל...

(רמב"ן)

די ענגלענדער האָבן בשום אופן ניט געוואָלט, אַז נייע יידישע עמיגראַנטן זאָלן אָנקומען קיין ארץ־ישראל, אָבער די יידישע באַפעלקערונג און די הגנה האָבן זיי ניט געפאָלגט. צענדליקער טויזנטער יידן האָט מען אַריינגענומען אין לאַנד אין געהיים. די ענגלענדער האָבן געברענט פון כעס און זיי האָבן געמאַטערט די יידישע באַפעלקערונג. צוגענומען ביי יידן געווער. אַרעסטירט מענטשן און זיי געשיקט אין תפיסה. דערקלערט אַ באַלאַגערונג־צושטאַנד איבער שטעט און דערפער, מען האָט ניט געטאָרט אַרויס פון די הייזער פון זעקס פאַרנאַכט ביז זיבן אינדערפרי. אפילו ברענגען אַ דאָקטאָר צו אַ קראַנקן איז געווען שווער. עס האָט געשטערט אין דער אַרבעט, עס האָט געשטערט אין האַנדל. עס האָט צעבראָכן דאָס לעבן פון לאַנד. די יידן זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף די ענגלענדער. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזאַ ווילדער אויפפירונג קענען די ענגלענדער ניט האַלטן דאָס לאַנד אין אָרדענונג.

די באַציאונגען צווישן די ענגלענדער און דער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד זיינען געוואָרן אָנגעשטרענגטע. די באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד קעגן די ענגלענדער, און עס זיינען פאָרגעקומען אָפטע צוזאַמענשטויסן. ענדלעך האָט ענגלאַנד באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם מאַנדאַט איבער ארץ ישראל און צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אין נאָוועמבער, 1947, האָבן פאַרשטייער פון רעגירונגען פון אַלע לענדער, די „יו־ען", זיך פאַרזאַמלט אין אַמעריקע — און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז ארץ־ישראל זאָל מען צעטיילן אויף צוויי טיילן. איין טייל זאָל געהערן צו די יידן, און דאָרט זאָל זיין אַ יידיש לאַנד. די צווייטע טייל זאָל געהערן צו די אַראַבער, און דאָרט זאָל זיין אַן אַראַביש לאַנד.

דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן דעם 29טן נאָוועמבער, 1947.

כאָטש די יידן זיינען ניט געווען צופרידן, וואָס אַ טייל פון ארץ־ישראל גיט מען אָפּ צו די אַראַבער — פונדעסטוועגן איז די שמחה

געוווען גרויס! מיר האָבן אַן אייגן לאַנד! אין ניו־יאָרק האָבן יידן געטאַנצט אין די גאַסן. איבער אַ סך הייזער האָט מען אויפגעהאַנגען די יידישע פאָן. אין ארץ־ישראל איז די שמחה געוווען גאָר גרויס. מענער און פרויען און קינדער זיינען אַרויס איבער די גאַסן מיט געזאַנג, ווען די ראַדיאָ האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם באַשלוס פון דער „יו־ען". אַלטע לייט האָבן געוויינט פאַר פרייד, וואָס זייער מי און מאַטערניש אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל איז נישט געוווען אומזיסט. אָבער ניט לאַנג האָבן יידן געהאַט צייט זיך צו פרייען.

די אַראַבער האָבן ניט מסכים געוווען אויפן באַשלוס פון דער „יו־ען". זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן האָבן זייער אייגן לאַנד. זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן באַוואָפענען זייערע באַנדעס און אָנפאַלן אויף די יידן פון ארץ־ישראל. גלייך אויף מאָרגן נאָכן באַשלוס פון דער „יו־ען" האָבן די אַראַבער געהרגעט 8 יידן אויף די וועגן. זיי האָבן אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף יידישע ישובים. דאָס גאַנצע לאַנד איז געוווען אויפגעטרייסלט. די הגנה האָט געגרייט אירע מיטגלידער צו פאַרטיידיקונג.

די העלדישקייט פון די יידישע ישובים

פינף חדשים נאָכן „יו־ען" באַשלוס זיינען נאָך די ענגלענדער געבליבן אין לאַנד. זיי האָבן געדאַרפט „היטן אָרדענונג". אָבער זיי האָבן געטאָן עפּעס אַנדערש. זיי האָבן געהאָלפן די אַראַבער און זיי האָבן געשטערט דער הגנה זיך צו פאַרטיידיקן קעגן די אַראַבישע אָנפאַלן.

די פינף חדשים וואָס די ענגלענדער זיינען געבליבן אין לאַנד נאָכן באַשלוס פון „יו־ען" איז געוווען פאַר די יידן די אומגליקלעכסטע צייט אונטער דער ענגלישער מאַכט אין ארץ־ישראל.

ווען די אַראַבער האָבן געזען, אַז די ענגלענדער העלפן זיי, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די יידישע ישובים וואָס האָבן זיך געפונען ביי די גרענעצן פון לאַנד. זיי האָבן אַרומגערינגלט יחיעם, גאָר אַ קליינער יידישער ישוב, אין צפון פון לאַנד, לעבן דער גרענעץ פון לבנון. זיי האָבן איבערגעשניטן דעם וועג צו כפר־עציון, וואָס

געפינט זיך דרום פון ירושלים. זיי זיינען באַפאַלן די יידישע טייל פון צפת, אין גליל. זיי האָבן באַלאַגערט דעם קיבוץ נגבה, וואָס געפינט זיך אין דרום פון לאַנד, און אַ סך אַנדערע ישובים זיינען באַפאַלן געוואָרן פון די אַראַבער. די אַראַבישע לענדער וואָס רינגלען אַרום ארץ ישראל — לבנון און סיריע פון צפון, עבר הירדן פון מזרח, מצרים פון דרום, און אַנדערע אַראַבישע לענדער האָבן אָנגעהויבן אַ מלחמה קעגן יידישן ישוב. די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן אומברענגען דעם יידישן ישוב. אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גבורה, אַזאַ איבערגעגעבנקייט צום לאַנד, אַז זיי האָבן זיך אומעטום קעגנגעשטעלט די אַראַבער און זיי באַזיגט.

די מסירת נפש פון כפר עציון

כפר עציון געפינט זיך 25 מייל דרום פון ירושלים. די אַראַבער האָבן באַהאַלטן אין די בערג באַוואָפנטע באַנדעס און זיי האָבן פאַר־שלאָסן דעם וועג צו כפר עציון. דער קליינער ישוב איז געבליבן אָפּגעריסן. די אַראַבער האָבן באַשאָסן דעם קיבוץ. זיי האָבן געהאַט ביקסן און הארמאַטן, און אַ סך מענטשן. די איינוואוינער פון כפר עציון האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן ביי טאָג און ביי נאַכט געהיט זייער ישוב און צוריקגעשאָסן אויף די אַראַבער.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין ירושלים, אַז כפר עציון איז אַרומגערינגלט פון אַראַבער, איז אַרויס אַ גרופּע פון דער הגנה, 35 מענטשן, העלפן כפר עציון. די מערסטע פון זיי זיינען געווען סטו־דענטן פון ירושלימער אוניווערזיטעט. ביינאַכט האָבן זיי זיך צופוס געגנבעט דורך די בערג, די אַראַבער זאָלן זיי ניט באַמערקן. זיי זיינען שוין געווען פינף מייל פון כפר עציון ווען אַראַבישע אויס־שפּירער האָבן זיי דערזען. הונדערטער באַוואָפנטע אַראַבער זיינען באַפאַלן די 35 מיטגלידער פון דער הגנה. פון אַלע זייטן האָט מען זיי אַרומגעצאַמט זיי זאָלן ניט קענען גיין פאָרויס, און ניט קענען זיך אומקערן אויף צוריק. די 35 האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט אַלע כחות. געשאָסן אויף די אַראַבער, גע־וואָרפן אויף זיי האַנט־גראַנאַטן. אַ סך אַראַבער זיינען געפאַלן

טויט אין דער שלאַכט. עטלעכע שעה האָבן זיך די 35 פאַרטיידיקט אַנטקעגן די הונדערטער שונאים. זיי זיינען אַלע געפאַלן אין דער שלאַכט. דער לעצטער פון די 35 הגנה-מענטשן איז געלעגן אַ פאַר־וואונדעטער אויף דער ערד. מיט די לעצטע כחות האָט ער גענו־מען אַ האַנט-גראַנאַט און האָט עס אַ וואָרף געטאָן אויף אַן אַראַבי־שער אָפּטיילונג. דער האַנט-גראַנאַט האָט אויפגעריסן און צענדלי־קער אַראַבער זיינען אומגעקומען פון די הענט פון דעם לעצטן פאַרוואונדעטן פון דער הגנה. די העלדישקייט פון די „35" האָט איבערראַשט און דערמוטיקט דאָס גאַנצע לאַנד. אַפילו צווישן די אַראַבער האָט מען באַוואונדערט זייער מוט און מסירת נפש. לעגענדעס האָט מען דערציילט וועגן זיי, און די אַראַבער האָבן גע־וואוסט, אַז יידן גיבן זיך ניט אונטער.

דער טויט פון די „35" האָט ניט אָפּגעשטעלט אַנדערע גרופּעס פון דער הגנה פון געבן הילף דעם באַלאַגערטן כפר עציון. מיט אַ סך קרבנות זיינען אַנדערע גרופּעס דערגאַנגען צו כפר עציון, גע־בראַכט געווער און שפּייז. פיר חדשים זיינען די מענטשן פון כפר עציון אויסגעשטאַנען די אָנפאַלן פון די טויזנטער אַראַבער. פיר חדשים זיינען זיי כסדר באַשאָסן געוואָרן און זיי האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. אַ סך קרבנות זיינען געפאַלן. זיי האָבן אויסגעהאַלטן ביזן 14טן מאַי. איין טאָג פאַר דער גרינדונג פון מדינת ישראל איז כפר עציון חרוב געוואָרן. אָבער די פיר חדשים זיינען פיר חדשים פון גבורה פון אַ קליינעם יידישן ישוב, וואָס איז געשטאַנען קעגן אַ גרויסער אַראַבישער אַרמיי, און פאַרשטעלט דעם וועג קיין ירושלים.

דער נס פון צפת

אין צפון פון לאַנד אין גליל, האָבן זיך פאַרזאַמלט גרויסע מחנות אַראַבער. זיי זיינען באַפאַלן עטלעכע יידישע ישובים פאַראַמאָל, כדי די יידן זאָלן ניט קענען זיי אָפּשלאָגן. די גרעסטע צאָל געווער און זעלנער האָבן זיי געבראַכט צו דער געגנט אַרום צפת. די אַראַבער פון צפת האָבן זיך באַרימט, אַז זיי וועלן אומברענגען די יידן פון דער שטאָט. זיי האָבן געשריען צו די יידן: „איר וועט קיין לעבע־

דיקע פון צפת ניט אַרויסגיין. פונדאַנען וועט זיך אָנהויבן אייער מפלה". די הגנה האָט אין צפת געהאַט אַ קליינע אָפּטיילונג פון מענטשן, אָבער זיי האָבן באַשלאָסן ניט אויפגעבן צפת, די הויפּט שטאָט פון גליל. די יידן האָבן אויפגעשטעלט באַפעסטיקטע פּונקטן און פון דאָרטן באַשאָסן די אַראַבער. אויף איין פּונקט, דערציילט מען, איז געשטאַנען בלויז איין יונגער בחור פון צפת. איינער אַליין האָט ער געוואָרפן נאָכאַנאַנד אויפרייס גראַנאַטן אויף די אַראַבישע פּאָזיציעס. ער האָט זיך אַזוי גוט פאַרטיידיקט, אַז די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז דאָרט געפינט זיך אַ גרויסע אָפּטיילונג פון דער הגנה און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון צפת, אַפילו די קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה. אַ יונגער אינגל, וואָס מען האָט אים גערופן „דער קליינער נתן" פלעגט לויפן אונטער אַ האָגל פון קוילן פון איין פּונקט צום אַנדערן אויף איבערגעבן ידיעות און באַפעלן. זיין גבורה איז געווען אַן אומגעוויינלעכע. ער פלעגט זיך אויפן וועג אָפּשטעלן, העלפן די פאַרוואונדעטע וואָס ער האָט געטראָפן. וועגן דעם „קליינעם נתן" האָט געוואוסט די גאַנצע געגנט און מען האָט באַוואונדערט זיין בראַווקייט.

עס איז געווען אַ ייד אין צפת וואָס פלעגט אינמיטן די שלאַכטן, ווען קוילן זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן, אַרויסגיין פאַרריכטן די צעריסענע טעלעפאָן דראָטן. ער האָט געהאַט אַ פרוי און קינדער, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן זיך און זיין לעבן — ער האָט געהאָלפן געווינען די מלחמה, דאָס איז געווען זיין גרעסטער ציל.

די הגנה האָט געשיקט אָפּטיילונגען אויף צעשטערן די אַראַבישע דערפער אַרום צפת, וואו עס האָבן זיך געפונען די אַראַבישע באַנדעס מיט זייער געווער. די הגנה־אָפּטיילונגען האָבן עטלעכע דערפער צעשטערט און פאַרברענט. אַ שרעק איז באַפאַלן די אַראַבער. זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צעלויפן פון זייערע היימען. אויך אויף די אַראַבער פון דער שטאָט צפת איז געפאַלן אַ שרעק. זייער זיכערקייט, אַז זיי וועלן צעשלאָגן די יידן איז פאַרשוואונדן.

די הגנה האָט געמאַכט אַן אָנגריף אויף דער אַראַבישער טייל פון שטאָט. די אַראַבער האָבן געהאַט אַ סך האַרמאַטן. אַנטקעגן

זיי האָט די הגנה אַרויסגעפירט איין קליינעם האַרמאַט, וואָס מען האָט אים גערופן „דוד'ל". ער האָט געשאָסן מיט אַזאַ געהילך, אַז די ערד האָט געציטערט. עס האָט זיך גערדאַכט, אַז די גאַנצע געגנט ווערט אויפגעריסן. די אַראַבער האָבן ניט אויסגעהאַלטן און אָנגעהויבן אַנטלויפן אין פּאַניק. זיי האָבן איבערגעלאָזן זייערע הייזער מיט שפּייז און געווער. זיי האָבן איבערגעלאָזן זייערע שפּיטעלער מיט מעדיקאַמענטן. די גאַנצע אַראַבישע טייל פון שטאָט איז געוואָרן פאַרלאָזט און פּוסט. קיין איין מענטש איז דאָרט ניט געבליבן.

די הגנה האָט פאַרנומען די שטאָט. עס איז געווען דער גרויסער נס פון צפת, ווען צענדליקער טויזנטער אַראַבער זיינען אַנטלאָפן פון שרעק פאַר אַ קליינער יידישער באַפעלקערונג און אַ קליינע אָפּטיילונג פון יידישער הגנה. צפת איז באַפרייט געוואָרן.

דער ווידערשטאַנד פון יחיעם

ווי אַ וואונדער האָט אויסגעזען די פאַרטיידיקונג פון דעם קליינינקן קיבוץ יחיעם. ער געפינט זיך אין גליל ניט ווייט פון צפת אויף אַ שטיינערנעם באַרג. דאָרט האָט זיך געפונען אַ קליינע גרופּע חלוצים, וואָס האָבן געהאַט ווייניק געווער און גאָר ווייניק שפּייז. די אַראַבער האָבן צעשטערט די בריק, וואָס פירט צום קיבוץ און זיי זיינען געווען זיכער, אַז דער קליינער קיבוץ וועט זיך אונטערגעבן. אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ טעות אין זייער חשבון. די חלוצים פון יחיעם האָבן מיט דער קליינער צאָל ביקסן וואָס זיי האָבן געהאַט זיך פאַרטיידיקט. זיי האָבן געהאָפט אויף הילף און זיי האָבן ניט דערלאָזט, אַז די אַראַבער זאָלן צוקומען נאָענט.

פון דער שטאָט נהריה איז אַרויס אַ הגנה גרופּע אויף העלפן די פאַרטיידיקער פון יחיעם. גאָר יונגע קינדער, אינגלעך און מיידלעך. זיי האָבן אָנגעטאָן אויף די קעפּ מעשענע היטלען כדי זיך באַשיצן פון די אַראַבישע קוילן. דער וועג פון יחיעם קיין נהריה איז געווען אַ געפערלעכער. הונדערטער אַראַבער באַוואָפנט מיט ביקסן און מיט האַרמאַטן האָבן דעם וועג געהיט. אַ סך פון די אינגלעך און מיידלעך זיינען געפאַלן אויף דעם געפערלעכן וועג, אָבער

זיי האָבן אָפּגעהיט, אַז יחיעם זאָל ניט אַריינפאַלן אין די אַראַבישע הענט.

איינמאָל איז ביי די באַלאַגערטע אין יחיעם געוואָרן אַ גרויסע שמחה.

זיי האָבן דערזען אַז אַ רייַ געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן דער־נעענטערן זיך צו יחיעם. פון אָנהויב האָבן זיי זיך דערשראָקן. זיי האָבן געמיינט אפשר זיינען דאָס ענגלענדער, וואָס קומען צונעמען ביי זיי דאָס געווער. אָבער ווען די געפּאַנצערטע אויטאָמאָבילן זיינען צוגעקומען צום טויער איז געוואָרן אַ געשריי פון פרייד! „דאָס איז אַ גרופּע פון דער הגנה"! מען האָט געבראַכט שפּייז און געווער און וואַסער צום טרינקען, און קליידער און צייטונגען.

אָט אַזוי ווי ס'האָבן זיך פאַרטיידיקט די חלוצים פון יחיעם האָבן אויך געטאָן אַנדערע העלדישע חלוצים אין אַנדערע פּונקטן. די אַראַ־בער זיינען באַפאַלן צענדליקער יידישע ישובים און אומעטום האָבן די יידן זיי פאַרטריבן און אין אַ סך ערטער צוגענומען ביי זיי דאָס געווער.

די יידישע העלדישקייט האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די אַראַבער. זיי האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן פון זייערע דערפער און פון די שטעט איבערן גאַנצן לאַנד.

דער וואונדער פון קיבוץ נגבה

אויפן וועג צום נגב, ווייט פון אַ ישוב, צום דרום פון לאַנד געפינט זיך אַ קליינער קיבוץ, נגבה. די מצרישע אַרמיי האָט געוואָלט איינ־נעמען נגבה און פון דאָרטן זיך לאָזן גיין פאַרכאַפּן אַנדערע ישובים. די מצרישע אַרמיי האָט אַרויסגעשיקט צו נגבה אַ גרויסע מילי־טערישע אָפּטיילונג פון צוויי טויזנט זעלנער מיט האַרמאַטן, מיט טאַנקן מיט עראָפּלאַנען, און מיט אַ סך אַנדערע געווער. אין נגבה זיינען געווען סך הכל 75 מענטשן, מענער און פרויען, און 70 זעלנער פון דער יידישער אַרמיי, וואָס זיינען געקומען העלפן באַשיצן נגבה. זיי האָבן ניט געהאַט קיין האַרמאַטן און קיין טאַנקן און קיין עראָ־פּלאַנען, זיי האָבן געהאַט אַ קליינע צאָל ביקסן און בלויז איין מאַשין־

ביקס אויף צו פאַרטיידיקן זיך פון די עראָפּלאַנען. אָבער די איינ־וואוינער פון נגבה זיינען ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. זיי האָבן באַשלאָסן זיך שלאָגן מיט דער גרויסער מצרישער אַרמיי. די מצרישע אַרמיי האָט פאַרשטעלט דעם וועג וואָס פירט צו נגבה, כדי דער ישוב זאָל בלייבן אָפּגעשניטן, אַליין. אַלע טאָג האָבן זיי באַשאָסן נגבה מיט האַרמאַטן, און פון עראָפּלאַנען. עס איז געווען אַ טאָג, וואָס זעקס טויזנט באָמבעס זיינען געפאַלן אויפן קליינעם קיבוץ נגבה.

די איינוואוינער פון נגבה האָבן געמאַכט שוץ־גראָבנס טיף אין דער ערד, די שוץ־גראָבנס האָבן זיי באַדעקט מיט ערד און מיט זעק־לעך זאַמד, און דאָרט האָבן זיי געוואוינט. אין דער באַהעלטעניש פון די שוץ־גראָבנס האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ קיך אויף קאָכן זייער שפּייז, צוגעגרייט וואַסער, געהאַלטן זייער געווער און אַפילו געמאַכט אַ שפּיטאָל פאַר די פאַרוואונדעטע, און טעלעפאָנען פון איין שוץ־גראָבן צום אַנדערן כדי מען זאָל קענען ריידן צווישן זיך.

טאָג נאָך טאָג זיינען איבער נגבה געפלויגן קוילן און באָמבעס. די הייזער זיינען צעשאָסן געוואָרן, די ווענט זיינען געווען דורכזיכטיק פון קוילן־לעכער. די ערד איז געווען אויפגעריסן און צעגראָבן פון שראַפּנעלן. דער גאַנצער ישוב איז געווען חרוב.

די אַראַבישע טאַנקען האָבן זיך דערנענטערט צום טויער פון נגבה. די פאַרטיידיקער פון נגבה האָבן געלאָזן די טאַנקען צוגיין גאָר נאָענט. ווען די אַראַבישע טאַנקען און זעלנער זיינען שוין געווען ביים טויער פון נגבה, האָבן די יידישע פאַרטיידיקער אויפגעעפנט אויף זיי אַ שטאַרקע שיסעריי פון ביקסן און אויפרייס־מאַטעריאַל. די טאַנקען זיינען צעשעדיקט געוואָרן, אַ סך אַראַבישע זעלנער זיינען געפאַלן און די מצרישע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן. די מצרישע אַרמיי האָט געשיקט נאָך מער מיליטער און נאָך מער געווער אויף איינצונעמען נגבה. ווידעראַמאָל זיינען מצרישע טאַנקען צוגעקומען צו די טויערן פון נגבה און אַ צווייטן מאָל האָבן די מענטשן פון נגבה זיי פאַרטריבן. אַזוי איז געווען עטלעכע מאָל. די מענטשן פון נגבה האָבן זיך געמאַטערט, זיך געוואַלגערט אין גריבער, געהאַט ווייניק שפּייז און וואַסער, אָבער זיי האָבן ניט פאַרלאָזן זייער ישוב, און פאַרהאַלטן די מצרישע אַרמיי, זי זאָל ניט קענען גיין אויף אַנדערע

יידישע ישובים. אַ צאָל פאַרטיידיקער פון נגבה זיינען געפאַלן און אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אין דער באַפרייאונגס מלחמה פון ישראל.

וועגן דער גבורה פון קליינעם קיבוץ נגבה האָט מען דערציילט אין יעדן הויז אין ארץ־ישראל און אויף אַלע פראָנטן. נגבה האָט אויסגעהאַלטן די מלחמה מיט דער גרעסטער מצרישער אַרמיי, צוליב דער העלדישקייט און מסירת נפש פון אירע איינוואוינער.

און אַט אַזוי ווי עס האָט זיך פאַרטיידיקט נגבה זיינען אויך אַלע אַנדערע ישובים — דערפער און שטעט, מיט גבורה געשטאַנען קעגן די אַרמייען פון זעקס אַראַבישע לענדער און געוואונען די מלחמה.

די גרינדונג פון מדינת ישראל



דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט

עמבלעם פון מדינת ישראל

מדינת ישראל תהא פתוחה לעליה יהודית ולקבוץ גלויות.

די יידישע מדינה וועט זיין אָפן פאַר יידישער איינוואַנדע־רונג און קיבוץ גלויות.

מדינת ישראל תהא משתתה על יסודות החרות, הצדק והשלום לאור חזונם של נביאי ישראל.

מדינת ישראל וועט זיין געבויט אויף יסודות פון פרייהייט, פון גערעכטיקייט און שלום ווי עס האָבן אונדז געלערנט די נביאים.

אנו קוראים אל העם היהודי בכל התפוצות להתלכד סביב הישוב בעליה ובבנין ולעמוד לימינו במערכה הגדולה על הגשמת שאיפת הדורות לגאולת ישראל.

מיר רופן דאָס יידישע פאָלק איבער גאָר דער וועלט זיך צו באַהעפטן מיטן ישוב פאַר עליה און אויפבוי, צו שטיין מיט אים צוזאַמען אין דעם גרויסן קאַמף פון פאַרווירקלעכן די שטרעבונג פון דורות פאַר יידישער אויסלייזונג.

(אויסצוגן פון דער דעקלאַראַציע פון
אומאָפהענגיקייט)

דער 14טער מאַי פֿון יאָר 1948 (ה׳ אייר תש״ח), איז געווען אַ גרויסער טאָג פֿאַר די יידן פֿון ארץ ישראל און פֿון גאָר דער וועלט. אין דעם טאָג איז געגרינדעט געוואָרן מדינת ישראל.

אין דער שטאָט תל־אביב, אין דער געביידע פֿון יידישן מוזעאום, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די מנהיגים פֿון ארץ ישראלדיקן יידישן ישוב און האָבן דערקלערט די אומאָפּהענגיקייט פֿון ארץ ישראל, די גרינדונג פֿון אַ יידישער מדינה — עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ צייטווייליקע רעגירונג. פֿאַרן פּרעמיער מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן דוד בן־גוריון. אין דער זעלבער נאַכט פֿון 14טן מאַי, האָט דוד בן־גוריון גערעדט פֿון תל־אביב דורך דער ראַדיאָ צו די יידן פֿון ארץ ישראל און צו די יידן איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיי אָנגעזאָגט די גרויסע בשורה — עס איז אויפֿגעקומען די יידישע מדינה.

מיט ציטער אין האַרצן און מיט טרערן פֿון פֿרייד האָבן די יידן פֿון גאָר דער וועלט זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון דעם ערשטן פּרעמיער מיניסטער פֿון ישראל. ווען דוד בן־גוריון האָט גערעדט, און דאָס איז געווען אין דער נאַכט פֿון פֿרייטיק אויף שבת, זיינען איבער דער שטאָט געפֿלויגן אַראַבישע עראָפּלאַנען, וואָס זיינען אָנגעקומען פֿון מצרים און האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט. דאָס גאַנצע לאַנד, מאַן און פֿרוי, און די גאַנצע יוגנט זיינען געשטאַנען גרייט אויף פֿאַרטיידיקן דאָס לאַנד. אויפֿמאָרגן נאָך דער גרינדונג פֿון דער יידישער מדינה, דעם 15טן מאַי, האָבן די ענגלענדער אָנגעהויבן פֿאַרלאָזן דאָס יידישע לאַנד. עס האָט זיך געענדיקט זייער מאַנדאַט, זייער הערשאַפֿט, איבער ארץ ישראל. די צייטווייליקע יידישע רעגירונג האָט איבערגענומען אַלע אַמטן צו פֿירן די מדינה און זי צו פֿאַרטיידיקן.

די מלחמה מיט זעקס אַראַבישע לענדער

ווען די אַראַבישע לענדער האָבן דערהערט, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה, האָבן זיי גלייך אַרויסגעשיקט זייערע

אַרמייען צו די גרעניצן פון ארץ ישראל. זעקס אַראַבישע מלוכות זיינען באַפאַלן די יידישע מדינה פון אַלע זייטן. די יידן האָבן נאָך נישט געהאַט קיין אַרמיי, עס איז געווען די „הגנה" מיט דעם קליינעם ביסל געווער, וואָס מען האָט אויסבאַהאַלטן פון די ענגלענדער. די אַראַבישע אַרמייען האָבן געהאַט טאַנקען, און עראָפּלאַנען, און האַר־מאַטן און אַלע אַנדערע געווער, וואָס אָרגאַניזירטע אַרמייען דאַרפן. שווער איז געווען דער יונגער יידישער מדינה זיך צו פאַרטיידיקן. דוד בן־גוריון, דער פאַרטיידיקונגס־מיניסטער, האָט געהאַט דעם גרויסן גלויבן, אַז די יידן וועלן געווינען די מלחמה — מיט זייער מוט, מיט זייער איבערגעבנקייט און מיטן שטאַרקן געפיל, אַז ארץ ישראל איז זייער לאַנד, דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן. ער האָט געמוטיקט דאָס פאָלק און האָט אָרגאַניזירט די אַרמיי — די „צבא הגנה לישראל". די יידישע רעגירונג האָט געשיקט מענטשן אויף קויפן געווער אין פאַרשיידענע לענדער.

אויף איינקויפן געווער האָט מען באַדאַרפט האָבן געלט. גאָלדע מאירסאָן, די אַרבעטער־פירערין פון ארץ ישראל, איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט דערציילט די יידן פון אַמעריקע וועגן דער שווערער מלחמה פון מדינת ישראל. זי האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף האָבן געלט אויף קויפן געווער.

מיט גרויס ליבשאַפט האָבן די אַמעריקאַנער יידן אויפגענומען גאָלדע מאירסאָן. צענדליקער טויזנטער מענטשן זיינען געקומען זי הערן, און די אַמעריקאַנער יידן האָבן געשאַפן פופציק מיליאָן דאָלער פאַר דער יונגער מדינה.

אַ סך יידישע יונגע לייט פון פאַרשיידענע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל צו העלפן פירן די מלחמה. עס זיינען געפאָרן יידישע בחורים, פּילאָטן פון עראָפּלאַנען און האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ לופט פלאָט פאַר דער ישראלדיקער אַרמיי. עס זיינען געפאָרן יידישע בחורים, מאַטראָזן, וואָס האָבן גע־האָלפן פירן די יידישע שיפן. עס זיינען געפאָרן מעכאַניקער און אינ־זשענירן. עס זיינען אויך געפאָרן נישט־יידישע יונגעלייט פון אַמעריקע וועלכע האָבן געוואָלט העלפן די יידן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. אָט די פרייוויליקע קעמפער האָבן אַ סך געהאָלפן אין אָרגאַניזירן

די יידישע אַרמיי אין מדינת ישראל. איינער פון די אַמעריקאַנער פרייוויליקע, דער קאָלאָנעל דוד מאַרקוס, אַ גראַדואירטער פון וועסט-פוינט, איז געפאַלן אין דעם באַפרייאונגס-קריג פון מדינת ישראל.

די יידישע אַרמיי פאַרטיידיקט די אייביקע שטאָט ירושלים

די אַראַבער האָבן געוואוסט ווי טייער עס איז ירושלים פאַר די יידן, און זיי האָבן זיך פאַרלייגט איבערצורייסן דעם וועג קיין ירושלים, כדי איינצונעמען די שטאָט. נאָך איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה האָבן זיי פאַרכאַפּט די הויכע בערג וואָס געפינען זיך ביים וועג צו ירושלים. דאָרט האָבן זיי אַוועקגעשטעלט האַרמאַטן און האָבן געשאָסן אויף די יידישע דורכפאָרער, כדי ניט דערלאָזן זיי צו קומען קיין ירושלים. אָבער יידישע קעמפער האָבן איינגע-שטעלט דאָס לעבן און געפירט שפּייז, געווער, און מענטשן קיין ירושלים. ביזן היינטיקן טאָג ליגן ביי די זייטן פון וועג, וואָס פירט צו ירושלים, פאַרברענטע אויטאָמאָבילן, צעבראָכענע און צעשאָסענע לאַסט מאַשינעס, אייזערנע סקעלעטן פון „דזשיפּס" וואָס זיינען צו-זאַמען מיט די מענטשן צעשמעטערט געוואָרן פון אַראַבישע אויפריים קוילן. גרויסע העלדישקייטן האָבן אַרויסגעוויזן יידישע שאָפערן, וואָס זיינען געפאָרן הין און צוריק אויף באַלאַגערטע וועגן. איצט איז דער וועג קיין ירושלים אַ שיינער רואיקער וועג, צווישן ווייסע בערג און גרינע טאָלן. יעדערער וואָס פאָרט מיט דעם וועג און זעט די פאַרברענטע מאַשינעס, דערפילט וויפל גבורה יידן האָבן אַרויס-געוויזן אַז אָט דער וועג זאָל בלייבן פריי.

דער כביש הגבורה

ווען יידן האָבן געזען, אַז אַ סך קרבנות פאַלן אויף דעם וועג, האָבן זיי באַשלאָסן אויסבויען אַ צווייטן וועג, אַ ווייניקער געפערלעכן. אַרבעטער זיינען געשטאַנען און געבויט דעם נייעם וועג. אַראַבישע עראָפּלאַנען זיינען געפלויגן איבער זיי און געוואָרפן אויף זיי באָמבעס. דער טויט איז געהאַנגען איבער זיי יעדע ווילע. זיי האָבן אָבער די אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט. זיי האָבן אויסגעלייגט דעם „וועג פון גבורה" קיין ירושלים. דער וועג הייסט „כביש הגבורה".

ווען דער וועג איז פֿאַרענדיקט געוואָרן אין דעצעמבער, 1948, האָט מען געמאַכט אַ גרויסע פייערונג. צו דער פייערונג זיינען גע־קומען די טאַטעס מיט די מאַמעס, וואָס זייערע קינדער זיינען געפֿאַלן ביים אויסבויען דעם וועג. עס זיינען געקומען פֿאַרוואונדעטע זעלנער, און אַרבעטער, וואָס קוילן האָבן זיי געטראָפֿן ווען זיי האָבן געבויט דעם „וועג פון גבורה". עס זיינען געקומען בלינדע און הינקענדיקע, און אַן הענט, וואָס זיי זיינען פֿאַרקריפּלט געוואָרן בויענדיק דעם „כביש הגבורה". צו דער פייערונג זיינען געקומען פֿאָרשטייער פון דער ישראל רעגירונג. דוד בן־גוריון האָט גערעדט צו די פֿאַרזאַמלטע און האָט געזאָגט: „אָט דער וועג פון גבורה איז דער צייכן פון יידישער העלדישקייט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה. מיר וועלן די מלחמה געווינען".

אַ סך קרבנות האָט געקאָסט דער „וועג פון גבורה", אָבער מיט דעם וועג האָט מען געראַטעוועט ירושלים.

די העלדישקייט פון די איינוואוינער פון ירושלים

ווען ירושלים איז געווען באַלאַגערט פון אַלע זייטן פון אַראַבישע אַרמייען, האָט דאָרט אויסגעפעלט וואַסער און שפּייז. דאָס ביסל וואַסער און שפּייז וואָס עס איז געבליבן אין שטאָט האָט מען געטיילט צווישן די איינוואוינער גלייך. יעדע משפּחה האָט באַקומען לויט דער צאָל פון אירע נפשות. אַלע טאָג זיינען אַרויסגעפאָרן די וואַסער פירער איבער דער שטאָט, זיך אָפּגעשטעלט אויף יעדער גאַס און צעטיילט דאָס וואַסער. די גאַסן זיינען באַשאָסן געוואָרן פון די אַראַ־בער, קוילן זיינען געפלויגן, באָמבעס זיינען געפאַלן פון עראָפּלאַנען. די העלדישע וואַסער־פירער האָבן ניט געהיט זייער לעבן. אונטער די קוילן זיינען זיי געפאָרן מיט די וועגענער און געבראַכט וואַסער צו דער באַפעלקערונג, מענטשן זאָלן ניט אויסגיין פון דאָרשט. אין די בעקערייען האָט מען געבאַקן ברויט, און דאָס ברויט איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג, פאַר יעדן מענטשן אַ גלייכן חלק. די איינוואוינער פון ירושלים האָבן געהאָלפן דער יידישער אַרמיי, וואָס האָט פאַרטיידיקט די שטאָט. פרויען זיינען געגאַנגען אין די שפּיטעלער אַכטונג געבן אויף די פאַרוואונדעטע זעלנער.

עלטערע יידן, פרומע יידן מיט גרויע בערד זיינען געשטאַנען מיט די רידלען אין די הענט און געמאַכט שוץ-גראָבנס פאַר דער אַרמיי, און שוץ-קעלערן פאַר קינדער. זיי האָבן געאַרבעט אַפילו אום שבת, ווייל זיי האָבן געזאָגט: דאָס איז אַ הייליקע אַרבעט און מען מעג זי טאָן אום שבת.

פון די גאַסן וואָס זיינען שטאַרק באַשאָסן געוואָרן, האָבן די מענטשן געמוזט אַוועקגיין.

אַ פרוי, אַן אייגנטימערין פון אַ האָטעל, האָט אַרויסגענומען אירע ליילעכער און קאָלדרעס, זיי אויסגעשפּרייט אויף די בעטן און אויף דער פּאָדלאָגע און האָט אַריינגענומען די קינדער פון די משפּחות, וואָס האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען. זי האָט זיי געהיט, און געשפּייזט, און געזאָרגט פאַר זיי.

אַ חברה פון קרית ענבים, אַ קיבוץ לעבן ירושלים, האָט געאַרבעט אין אַ פעלד שפּיטאָל. זי האָט געאַרבעט בייטאָג און ביינאַכט. קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין וואו נעמט זי כח אַזויפיל צו אַרבעטן. זי האָט יעדן זעלנער געקענט ביים נאָמען. זיי איבער-געבונדן די וואונדן. געגעבן זיי עסן. געשריען אויף זיי ווען זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען די רפואות. געהאָלפן גיין די הינקענדיקע. פאַר-קעמט און געוואַשן די, וואָס האָבן געהאַט פאַרוואונדעטע הענט.

אונטער די קוילן פלעגט זי גיין ברענגען פאַר די קראַנקע עסן. זי האָט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן זיך, נאָר וועגן אירע „קינדער" — די פאַרוואונדעטע זעלנער.

די יידן פון גאָר דער וועלט האָבן באַוואונדערט די גבורה מיט וועלכער די איינוואוינער האָבן פאַרטיידיקט די אייביקע שטאָט ירושלים.

די יוגנט פון ישראל אין דער באַפרייאונגס-מלחמה

אין דער באַפרייאונג-מלחמה פון ישראל האָט זיך די יוגנט אויס-געצייכנט ווי אַ העלדישער דור. יונגע בחורים און מיידלעך זיינען געגאַנגען אין דער אַרמיי, אין צבא הגנה לישראל, און זיינען אויס-געשטאַנען די שווערסטע פייערן פון דער מלחמה. אַפילו די וואָס

זיינען נאָך געווען צו יונג און מען האָט זיי אין דער אַרמיי ניט געקענט נעמען, זיינען געקומען פרייוויליק און זיך אָנגעשלאָסן אָן מיליטערישע אָפּטיילונגען. יונגע בחורים און מיידלעך זיינען מיט די ביקסן אין די הענט געגאַנגען איבער די הייסע זאַמדן פון נגב, געליטן הונגער און דאָרשט און געהיט די יידישע פּאָזיציעס. זיי האָבן געקלעטערט אויף די שטיינערנע בערג פון גליל און אויף די בערג פון ירושלים און באַשיצט יידישע ישובים. אַ סך פון דער יוגנט פון ישראל האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מיליטערישע פעאיקייטן און זיינען געוואָרן אָפיצירן און גענעראַלן. זיי האָבן געהאָלפן דעם פּאַרטיידי-קונגס-מיניסטער, דוד בן גוריון, צו פירן און געווינען דעם קריג. אַ סך מעשות פון העלדישקייט דערציילט מען וועגן דער יוגנט פון ישראל.

די צוויי ברידער הלל און ירובעל לביא פון קיבוץ עין־חרוד

אין עמק יזרעאל, אין קיבוץ עין חרוד זיינען געווען צוויי ברידער הלל און ירובעל לביא, די זין פון שלמה לביא, איינער פון די פּיאָנערן פון דער צווייטער עליה.

ווען די אַראַבער זיינען באַפאַלן די איינוואוינער פון עמק האָבן זיך אויפגעהויבן די צוויי ברידער און זיינען אַוועק אויפן באַרג גלבוע. איינער איז געגאַנגען מיט זיין אָפּטיילונג פון איין זייט באַרג, און דער צווייטער מיט נאָך אַן אָפּטיילונג פון דער צווייטער זייט באַרג, כדי אַרומצורינגלען דעם שונא, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שפּיץ פון באַרג, און האָט פון דאָרט באַשאָסן די יידישע איינוואוינער.

ווען די צוויי ברידער זיינען געגאַנגען, איינער פון איין זייט באַרג, און דער צווייטער פון דער צווייטער זייט באַרג, זיינען קוילן געפלויגן איבער זייערע קעפּ. זיבן יידישע פּאַרטיידיקער זיינען דער-מאָלט געפאַלן אויפן באַרג גלבוע און עטלעכע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. צווישן די זיבן געפאַלענע איז געווען איינער פון די ברידער לביא, ירובעל. דער צווייטער ברודער, הלל, האָט געקלעטערט אויפן באַרג און ער האָט ניט געוווּסט, אַז זיין ברודער ירובעל איז געפאַלן. צו אים איז צוגעקומען אַ זעלנער, אין האַנט האָט ער געהאַלטן

ירובעל׳ס ביקס. הלל האָט דערקאָנט דעם ברודערס ביקס און האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין ברודער איז געפאַלן. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט זעצן טרויערן, ווייל ער איז געווען אויפן פראָנט און האָט געמוזט גיין פאָרויס.

דער פאָטער פון די צוויי זין האָט געהערט די שיסערייען אויפן גלבוע, וואו זיינע זין זיינען געווען. דער פאָטער האָט דעמאָלט געפלאַנצט אַ ביימער-גאָרטן אין עין חרוד. ווען ער האָט איינגעפלאַנצט דאָס לעצטע ביימל האָט מען אים אָנגעזאָגט די בייזע בשורה, אַז זיין זון, ירובעל, איז געפאַלן אויפן באַרג גלבוע. מען האָט געבראַכט דעם טויטן קערפער פון ירובעל און אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. פון באַרג גלבוע איז אַראָפּ דער אינגערער ברודער, הלל, זיך געזעגענען מיטן קערפער פון זיין געפאַלענעם ברודער. הלל איז געקומען גלייך פון שלאַכט מיט דעם מעשענעם היטל אויפן קאָפּ און מיט דער ביקס אין דער האַנט. ער איז געשטאַנען עטלעכע מינוט שטיל, האָט געקוקט אויף זיין טויטן ברודער ירובעל און האָט געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום פאָטער: — איך גיי צוריק. — גיי, מיין זון, — האָט אים געענטפערט דער פאָטער.

הלל האָט זיך אומגעקערט צוריק אויפן גלבוע.

שפּעטער איז הלל אַוועק מיט זיין אָפּטיילונג אין נגב און דאָרט איז ער געפאַלן אין שלאַכט.

אָט אַזוי האָבן ביידע ברידער, ירובעל און הלל לביא, די זין פון ש. לביא, פון קיבוץ עין-חרוד אָפּגעגעבן זייער יונגע לעבנס פאַר דער יידישער מדינה.

די ברידער אפרים און צבי גובער

אין דאָרף כפר וואַרבורג איז דאָ אַ משפחה, גובער. צוויי זין זיינען געווען אין דער משפחה, אפרים און צבי. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַפרייאונג-מלחמה איז אפרים אַוועק אין דער אַרמיי, זיין ברודער, צבי, איז נאָך געווען צו יונג און מען האָט אים אין דער אַרמיי ניט אַריינגענומען.

אפרים איז געווען אַן אָנפירער פון אַן אָפּטיילונג. איינמאָל, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט האָט זיין אָפּטיילונג געפעלט געווער.

אפרים האָט באַפוילן זיינע חברים, זיי זאָלן זיך צוריקציען. ער אַליין איז געבליבן אויפן שלאַכטפעלד, און ער האָט צוריקגעשאָסן אויפן שונא — כדי דער שונא זאָל ניט באַמערקן, אַז זיין אָפּטיילונג ציט זיך צוריק. זיין אָפּטיילונג איז געראַטעוועט געוואָרן, אָבער אפרים איז געפאַלן אין שלאַכט.

די חברים האָבן געבראַכט זיין קערפּער אין כפר וואַרבורג, צום הויז פון זיינע עלטערן און אַוועקגעלייגט אונטערן בוים אין גאָרטן, וואו ער האָט ליב געהאַט צו זיצן. מען האָט אים באַהאַלטן אין כפר וואַרבורג.

ווען אפרים איז געפאַלן האָט זיין אינגערער ברודער צבי גע־זאָגט : איך וועל גיין אויף זיין אָרט, און ער איז אַוועק זיך פאַרשרייבן אין דער אַרמיי. ער האָט אויך מיטגענומען דעם רעוואָלווער פון זיין געפאַלענעם ברודער. צבי איז געווען אַ שרייבער. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין ברודער אפרים און האָט אָנגעשריבן טרויער־לידער נאָך אים.

איינמאָל, האָט די מוטער, רבקה גובער, געזען ווי צוויי מאַשינעס מיט זעלנער פאָרן. די זעלנער האָבן געזונגען. זי האָט געטראַכט וועגן איר זון צבי, וואָס איז אויך אין דער אַרמיי. פּלוצלינג האָבן זיך די מאַשינעס אָפּגעשטעלט לעבן איר הויז. צבי איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון אַ מאַשין און איז אַריין אין הויז. ער האָט זיך אויף גיך געזעגנט מיט דער מוטער און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער פאָרט אין נגב. ער האָט זי געבעטן זי זאָל ניט וויינען, אויב ער וועט פאַלן אין קריג. זי האָט אים מער ניט געזען. ער איז געפאַלן אין נגב. ער איז אַלט געווען אינגאַנצן 17 יאָר.

ביי די גוברס אין הויז, אין כפר וואַרבורג, זיינען געבליבן צוויי זילבערנע בעכער, וואָס אפרים און צבי פלעגן טרינקען פון זיי די פיר כוסות פסח צום סדר. יעדן יאָר פסח, ווען די משפחה גובער, דער פאָטער, די מוטער און די שוועסטער פון אפרים און צבי זעצן זיך צום סדר, שטעלן זיי אַוועק אויפן טיש די צוויי זילבערנע בעכער. מען גיסט אָן די בעכערס מיט וויין, און זיי שטייען און דערמאָנען וועגן דעם מסירת נפש פון די צוויי ברידער.

אויפן בית עולם אין כפר ווארבורג איז דאָ אַ ברודער קבר פון אפרים און צבי. לעבן דעם ברודער קבר האָט מען איינגעפלאַנצט אַ בוים. דער בוים האָט זיך צעוואָקסן מיט צוויי צווייגן — פונקט ווי דער בוים זאָל וועלן דערציילן וועגן די צוויי ברידער, יידישע העלדן, וואָס רוען אונטער זיין שאָטן.

לעבן דעם ברודער קבר אין כפר ווארבורג געפינען זיך נאָך 150 קברים פון בחורים, וואָס זיינען געפאַלן אין דער באַפרייאונג־מלחמה.

דער יונגער קאָמאַנדיר דזשימי

דזשימי איז געווען אַ יונגער קאָמאַנדיר אין צבא הגנה לישראל, אין דער יידישער אַרמיי. די זעלנער פון זיין אָפּטיילונג האָבן אים זייער ליב געהאַט. זיין נאָמען איז געווען אהרון שמידט, נאָר זיי האָבן אים גערופן פּשוט „דזשימי". אין דער מלחמה איז ער שטענדיק געגאַנגען פאָרויס, האָט ניט געוואוסט פון קיין שרעק, און אַזוי האָבן זיך אויפגעפירט זיינע חברים. איינמאָל איז דזשימי מיט נאָך צוויי חברים געגאַנגען צעשטערן אַ בריק, כדי דער שונא זאָל ניט קענען דורכפאָרן. זיי זיינען אין דער שטיל צוגעקראָכן און אוועקגעלייגט אויפרייס מאַטעריאַלן אונטער דער בריק. די וואַך, וואָס האָט געהיט די בריק, האָט זיי דערזען און אָנגעהויבן שיסן אויף זיי. דזשימי און זיינע חברים האָבן באַדאַרפט אַריבערשפּרינגען איבער אַ פּלויט, כדי זיך באַהאַלטן פון די קוילן און אַנטלויפן. דזשימי איז געווען אַ פלינקער, מיט לאַנגע פיס, ער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און איז אַנטלאָפן. דער צווייטער חבר איז געלאָפן לעבן אים, אָבער דער דריטער איז געווען פון נידעריקן וואוקס, און ער האָט ניט געקענט אַריבערשפּרינגען דעם פּלויט. דזשימי האָט דערזען, אַז דער דריטער חבר איז ניטאָ. „בעסער פאַלן פון אַ קויל, איידער איבערלאָזן אַ חבר אין געפאַר", האָט דזשימי געזאָגט. ער האָט זיך אומגעקערט און אונטער דער שיסעריי פון די קוילן געהאָלפן דעם חבר אַריבערקלעטערן איבערן פּלויט, און זיי האָבן זיך אַלע דריי געראַטעוועט.

דזשימי איז געווען אַ פריילעכער און האָט ליב געהאַט מאַכן שפּאַס מיט זיינע חברים זעלנער. ווען עס איז אָבער געווען אַ געפאַר

איז דזשימי געווען שטרענג. קורץ און שאַרף האָט אָפּגעגעבן די באַפעלן און האָט געפאָדערט מען זאָל זיי אויספירן צו דער מינוט.

איינמאָל האָבן זיינע זעלנער געכאַפּט אַן אַלטע פרוי, אַ נאָנע, אין אַ פאַרלאָזענעם הויז אויפן פראָנט. ווי קומט אַן אַלטע פרוי אויפן פראָנט? האָבן די זעלנער געזאָגט. אפשר איז זי געקומען אויסשפּירן, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער אַרמיי? און זיי האָבן זי געוואָלט שיסן. זיי זיינען געגאַנגען פרעגן ביים קאָמאַנדיר, ביי דזשימין. דזשימי איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און האָט געשוויגן. עטלעכע מאָל האָבן אים די זעלנער געפרעגט: וואָס טוט מען מיט דער אַלטער פרוי? דזשימי האָט געשוויגן. די חברים האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט רחמנות אויף איר און זיי האָבן זי אָפּגעלאָזט פריי.

איינמאָל איז דזשימי אַרויף אויף אַ בערגל באַטראַכטן דעם פּלאַץ, וואו עס קומט פאָר די שלאַכט. אַן אַראַבישע קויל האָט געטראָפן דזשימין און ער איז געפאַלן. גרוים איז געווען דער טרויער צווישן די זעלנער, וואָס עס איז ניטאָ מער זייער יונגער באַליבטער קאָמאַנדיר. אָן דזשימין איז שווער צו פירן מלחמה. אָן דזשימין איז אומעטיק.

זיינע חברים האָבן אָנגעשריבן אַ בוך, וואו יעדערער האָט דערציילט וועגן דזשימין. דאָס איז אַ בוך פון העלדישקייט פון דעם יונגן קאָמאַנדיר „דזשימי״, און אַ בוך וועגן גרויסער ליבשאַפט, וואָס ער האָט געהאַט צו מענטשן און מענטשן האָבן געהאַט צו אים.

דוד בן־גוריון



אותו לילה, ליל הראשון על אדמת המולדת, נחתם בלבי בגיל־נצחון. ער הייתי כל אותו הלילה, מי יישן ליל ראשון בארץ? חלום ימים רבים חגג חג נצחונו: הנני בארץ ישראל, בכפר עברי, בכפר ששמו „פתח תקוה".

(דוד בן־גוריון)

יענע נאַכט, די ערשטע נאַכט אויף דער ערד פון פאָטער־לאַנד, איז איינגעקריצט געוואָרן אין מיין האַרצן מיט פרייד פון נצחון. איך בין וואַך געוועזן אַ גאַנצע נאַכט — ווער קאָן שלאָפן די ערשטע נאַכט אין ארץ ישראל? דער טרוים פון אַ סך יאָרן האָט געפייערט דעם יום־טוב פון זיג: איך בין אין ארץ ישראל, אין אַ יידישן דאָרף, אין אַ יידישן דאָרף וואָס הייסט „פתח תקוה".

דוד בן־גוריון איז געקומען מיט דער צווייטער עליה, אין יאָר 1906, פון דער שטאָט פּלאָנסק, פון פּוילן. זיין פאָטער, ר' אביגדור גרין, איז געווען אַ חובב ציון און אין הויז פלעגן די חובבי ציון פון פּלאָנסק זיך באַגע־גענען. דוד בן־גוריונ'ס פאָטער פלעגט אָפט האַלטן דרשות פאַר די יידן אין בית מדרש, וואו ער האָט געדאַוונט. ער האָט דערוועקט ביי זיי ליבשאַפט צו ארץ ישראל.

ווען דוד בן־גוריון איז נאָך געווען גאָר אַ יונגער אינגל, ער איז אַלט געווען 14 יאָר, האָט ער צוזאַמען מיט זיינע חברים אין פּלאָנסק געגרינדעט אַ ציוניסטישן קרייז „עזרא״. די חברים פון „עזרא״ פלעגן צוזאַמענרופן די יונגע אַרבעטער־אינגלעך פון פּלאָנסק, געלערנט מיט זיי תנ"ך און דערציילט זיי וועגן ציוניזם. דוד בן־גוריון האָט גע־טראַכט, אַז זיין אַ ציוניסט אין פּלאָנסק איז נישט גענוג. מען דאַרף זיין אין ארץ ישראל און דאָרט בויען דאָס לאַנד. און אַזוי האָט ער געטאָן. אויף אַ קליינער רוסישער שיף איז ער אַוועקגעפאָרן פון דער האַפן־שטאָט אָדעס און איז אָנגעקומען קיין יפו. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין פתח־תקוה. די ערשטע נאַכט האָט ער פאַר פרייד נים געקענט שלאָפן: אָט איז ער שוין אין ארץ־ישראל. ער האָט געהערט ביינאַכט דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן. ער האָט געהערט ווי די אייזלען שרייען אין די שטאַלן פון די קאָלאָניסטן. ער האָט געשפּירט דעם ריח פון די פּאָמעראַנצן ביימער. ער האָט געזען די לויכטנדיקע שטערן אין דעם בלויעם הימל און עס האָט זיך אים געדאַכט — עס איז אַ חלום.

דוד בן־גוריון אין גליל

די ערשטע יאָרן איז דוד בן־גוריון געווען אַ פּשוטער ערד־אַרבע־טער אין גליל, אין דער קאָלאָניע סעדזשערא. אַרום סעדזשערא זיינען די שיינע בערג פון גליל. דוד בן־גוריון האָט געאַרבעט ביי איינעם פון די קאָלאָניסטן. אַ זייגער פיר פאַרטאָג איז ער אויפגע־

שטאַנען, און איז געגאַנגען גערבן עסן די אָקסן און אָנפּאָיען זיי. דערנאָך האָט ער געפירט די געשפּאַנטע אָקסן אין פעלד אַקערן. ער האָט קוים געהאַט ביטאָג, ווען עס איז זייער הייס, אַ פּאָר שעה צייט אויף אָפּרוען זיך.

ביינאַכט האָט ער גענומען די ביקס אין האַנט און איז געגאַנגען מיט די שומרים היטן די קאָלאָניע.

איינמאָל זיינען אַראַבער אָנגעפאַלן אויף די פעלדער פון סעדזשע־רא. דוד בן־גוריון מיט נאָך צוויי חברים, ישראל קאָרנגאָלד און שמעון מלמד, זיינען אַרויסגעלאָפן העלפן דעם שומר כאַפּן די אַראַבער. די אַראַבער האָבן געשאָסן אויף זיי. ישראל קאָרנגאָלד און שמעון מלמד זיינען געפאַלן פון די אַראַבישע קוילן, דוד בן־גוריון איז ניצול געוואָרן.

אין זיין פרייער צייט האָט דוד בן־גוריון אַ סך געלייענט און געלערנט. גאַנצע נעכט איז געווען ליכטיק אין דעם ווינקל וואו עס איז געווען זיין געלעגער. ביי אַ ליכט אָדער אַ לעמפּל, פלעגט ער אָפּזיצן לאַנגע שעה'ן לייענען אָדער שרייבן.

אַ סך צייט האָט דוד בן־גוריון אָפּגעגעבן אויף אָרגאַניזירן די מענטשן פון דער צווייטער עליה, וואָס זיינען אין ארץ ישראל געוואָרן אַרבעטער.

פון סעדזשערא איז דוד בן־גוריון אַוועק אין דער קאָלאָניע זכרון יעקב. דאָרט האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָלעקטיוו פון אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען פלאַנצן אַ מאַנדל־גאָרטן. מען האָט געדאַרפט גראָבן גריבער און אין די גריבער פאַרזעצן די יונגע פלאַנצן. דוד בן־גוריון איז געווען אַ פלייסיקער אַרבעטער, ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט. ער האָט געקענט אויסגראָבן 14 גריבער אין איין טאָג, ווען אַנדערע האָבן באַוויזן צו מאַכן בלויז צען, אָדער אַפילו בלויז אַכט. ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט צוויי חברים אין אַ שייער, וואו עס זיינען געלעגן זעקלעך מיט גערשטן. אין דעם שייער אויף קאַסטנס זיינען געשלאָפן בן־גוריון און זיינע חברים. די חברים האָבן זיך געוואונדערט אויף אים, וואָס ער פלעגט אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט, אָנצינדן אַ לעמפּל און לערנען, און לייענען ביז פאַרטאָג.

איינמאָל האָבן די קאָלאָניסטן געמאַכט אַ יום טוב און פאַרבעטן צום יום טוב די אַרבעטער. איינער פון די אַרבעטער האָט באַדאַרפט האַלטן אַ רעדע, אָבער קיינער האָט עס ניט געוואָלט טאָן. דוד בן־גוריון איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט גערעדט צו די קאָלאָניסטן, און זיי געמוסרט פאַר זייער נישט גוטער באַציאונג צו די יידישע אַרבעטער. אַלע זיינען געווען איבעראַשט פון זיינע ווערטער, פון דער אמתדיקייט פון זיינע רייד. ער האָט דערמאָנט די קאָלאָניסטן, אַז זיי זיינען אַמאָל אויך געווען חלוצים. די קאָלאָניסטן האָבן אים אויסגעהערט מיט גרויס דרך ארץ. זיין שטים איז געווען שטאַרק און זיינע ווערטער ווי פייער. די אַרבעטער האָבן דערפילט, אַז אַט פון דעם שטילן בחור וואַקסט אַ גרויסער מנהיג.

דוד בן־גוריון פאָרט קיין טערקיי שטודירן

די אָנפירער פון די אַרבעטער אין ארץ ישראל האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפן קענען ריידן אויף דער טערקישער שפּראַך, ווייל ארץ ישראל האָט דעמאָלט געהערט צו טערקיי. זיי האָבן געוואָלט קענען די געזעצן פון לאַנד, כדי וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט די באַאַמטע פון דער טערקישער רעגירונג. יצחק בן צבי, דוד בן־גוריון און אַנדערע חברים זיינען אַוועקגעפאָרן קיין סאַלאָניקי און שפּעטער אין ביירוט און דאָרט געלערנט אין אַ טערקישן אוניווערזיטעט. דוד בן־גוריון און יצחק בן צבי האָבן אין סאַלאָניקי געוואוינט צוזאַמען אין אַ קליין צימערל און אין גרויס אָרעמקייט. זיי האָבן געגעבן העברעאישע לעקציעס און פון דעם האָבן זיי געלעבט. אין סאַלאָניקי האָבן זיי זיך באַקענט מיט יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט אין האַפן. זיי האָבן זיך געטראָפן מיט יידישע מאַטראָזן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף שיפן, און מיט יידן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט פיש פאַנג. דוד בן־גוריון און יצחק בן צבי האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען יידן, וואָס זיינען ים־אַרבעטער. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די יידישע ים־אַרבעטער דאַרף מען אַריבערנעמען קיין ארץ ישראל, כדי זיי זאָלן אויסלערנען די ארץ־ישראלדיקע יידן אָט דעם פאַך. יצחק בן צבי האָט זיך נאָכדעם באַמיט אָרגאַניזירן יידישע ים־אַרבעטער פון סאַלאָניקי און זיי ברענגען קיין ארץ ישראל.

דוד בן־גוריון און יצחק בן צבי העלפן אָרגאַניזירן דעם יידישן לעגיאָן אין אַמעריקע

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען טערקיי איז אַריין אין קריג, האָט זיך דער אוניווערזיטעט אין ביירוט פאַרמאַכט. דוד בן־גוריון און יצחק בן צבי האָבן זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל. זיי האָבן געטראָפן דעם ישוב אין גרויס געפאַר, אונטער דער שווערער האַנט פון דזשעמאַל פּאַשאַ. דזשעמאַל פּאַשאַ האָט גאָרניט געקוקט אויף דעם, וואָס יצחק בן צבי און דוד בן־גוריון זיינען געווען סטודענטן פון טערקישן אוניווערזיטעט אין ביירוט, און ער האָט באַפוילן זיי אַרויסצוטרייבן פון ארץ ישראל.

האָט זיך אַוועקגעשטעלט יצחק בן צבי און האָט געזאָגט צו דזשעמאַל פּאַשאַ: מיר האָבן ליב דאָס לאַנד, מיר וועלן צוריקקומען אַהער.

אויף דעם האָט אים געענטפערט דזשעמאַל פּאַשאַ: דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין. איר וועט אַהער קיינמאָל ניט צוריקקומען.

גערעכט איז געבליבן בן־צבי. די טערקן האָט מען פאַרטריבן פון ארץ ישראל, און דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי זיינען צוריקגעקומען. און מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער איז דוד בן־גוריון געוואָרן דער ערשטער פּרעמיער מיניסטער פון מדינת ישראל און יצחק בן־צבי, דער צווייטער פּרעזידענט פון דער יידישער מדינה.

ווען דזשעמאַל פּאַשאַ האָט זיי אַרויסגעטריבן פון ארץ ישראל, זיינען זיי אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע, אין מצרים. דאָרט האָט זיי די עגיפּטישע רעגירונג אַרעסטירט. מיט גרויס מי האָט זיך איינגעגעבן זיי צו באַפרייען פון אַרעסט. נאָך אַ סך מאַטערנישן זיינען זיי אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אָן געלט זיינען זיי אָנגעקומען. זיי האָבן אַפילו קיין היטלען אויפן קאָפּ ניט געהאַט און האָבן געטראָגן רויטע טערקישע פעסקעס.

אין אַמעריקע האָבן די צוויי חברים, דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי אַ סך געאַרבעט. זיי האָבן אַרויסגעגעבן ביכער וועגן ארץ ישראל, זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהייסן „החלוץ”, און זיי האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם אַמערי־

קאַנער יידישן לעגיאָן. צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער יידישן לעגיאָן זיינען דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי צוריק געקומען קיין ארץ ישראל.

אין ארץ ישראל האָט זיך דער אַמעריקאַנער יידישער לעגיאָן געטראָפן מיטן ארץ־ישראלדיקן לעגיאָן. די לעגיאָנערן דוד בן־גוריון און יצחק בן־צבי האָבן זיך באַגעגנט מיט זייערע נאָענטע חברים און פריינט, דוד רמז, בערל קאַצענעלסאָן, משה סמילאַנסקי און אַנדערע פון ארץ־ישראלדיקן לעגיאָן. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין מיליטערישע מונדירן, און זיי זיינען אַלע געווען גליקלעך, וואָס זיי העלפן באַפרייען ארץ ישראל פון טערקישן יאָך.

בן־גוריון העלפט גרינדן די „הסתדרות"

נאָך דער מלחמה, ווען דער יידישער לעגיאָן איז אויפגעלייזט געוואָרן, האָט בן־גוריון צוזאַמען מיט בערל כצנלסון און אַנדערע, אַ סך געאַרבעט אויף אָרגאַניזירן די הסתדרות.

בן־גוריון איז פופצן יאָר געווען דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער הסתדרות. די הסתדרות איז אין אָנפאַנג געווען אַ קליינע אָר־גאַניזאַציע. בן־גוריון האָט אָבער געגלויבט, אַז די הסתדרות וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן און ווערן גרויס. אַזוי איז טאַקע געשען. איצט ציילט די הסתדרות הונדערטער טויזנטער חברים, מענער און פרויען.

צוזאַמען מיט בן־גוריונען האָבן געאַרבעט זיינע געטרייע חברים, מענטשן פון דער צווייטער עליה, גרויסע יידן. זיי זיינען נעכט ניט געשלאָפן, טעג ניט גערוט, אַלע כוחות אָפּגעגעבן אויף בויען ארץ ישראל פאַר יידן. זיי אַלע האָבן צוזאַמען מיט בן־גוריונען געבויט די הסתדרות מיט אירע הונדערטער אינסטיטוציעס.

בן־גוריון האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיינע חברים. זיי האָבן געהאַט דרך ארץ פאַר אים און האָבן אָנגענומען זיין פירער־שאַפט.

בן־גוריון האָט זיך באַטייליקט אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן ווי דער שליח פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל. ער איז מיט דער צייט געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירער פון דער ציוניסטישער באַ־

וועגונג פון דער גאַנצער וועלט. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען דער פאָרזיצער פון דער יידישער אַגענטור.

בן גוריון ווערט ערשטער פרעמיער מיניסטער פון מדינת ישראל

אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער געפאָרן קיין אַמעריקע און קיין ענגלאַנד און חדשים לאַנג פאַרהאַנדלט מיט די רעגירונגען פון ביידע לענדער וועגן גרינדן אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל.

דעם 29־טן נאָוועמבער, 1947, האָט די יו־ען (די פאַראייניקטע פעלקער) באַשלאָסן צו צעטיילן ארץ ישראל אויף צוויי מדינות — אַ יידישע מדינה און אַן אַראַבישע. די ענגלענדער האָבן געמאָלדן, אַז זיי פאַרלאָזן ארץ ישראל. דעם 14־טן מאַי, 1948, האָט בן־גוריון, פאַר־געלייענט פאַר דעם פאָלק די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, און פראָקלאַמירט אין נאָמען פון דעם ועד לאומי, וואָס פאַרטרעט דעם יידישן ישוב אין ארץ ישראל, און אין נאָמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט — די גרינדונג פון דער יידישער מדינה אין ארץ ישראל — מדינת ישראל.

בן־גוריון איז געוואָרן דער ערשטער פרעמיער מיניסטער פון מדינת ישראל און איר פאַרטיידיקונגס מיניסטער.

גלייך נאָך דער פראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל זיינען די אַראַבישע לענדער באַפאַלן די יידישע מדינה. די יידישע אַרמיי, די צבא הגנה לישראל, האָט מוטיק פאַרטיידיקט דאָס יידישע לאַנד.

דוד בן־גוריון איז געווען זייער באַליבט ביי דער יידישער אַרמיי. בעת דער באַפרייאונגס־מלחמה איז ער געקומען אויף אַלע פראָנטן דערמוטיקן די זעלנער און שמועסן מיט די קאָמאַנדירן. ער איז גע־גאַנגען צופוס אין די וויסטעניש פון נגב פון איין פאָזיציע צו דער אַנדערער, וואו די יידישע בחורים און מיידלעך האָבן העלדיש, מיט ביקסן אין די הענט, פאַרטיידיקט זייער לאַנד. אומעטום וואו בן־גוריון איז געקומען איז געווען יום טוב, און ווען ער האָט גערעדט צו די זעלנער האָבן זייערע פנימער געלויכטן מיט פרייד און זיכערקייט. זיי האָבן זיך צו אים צוגעהערט מיט דרך ארץ ווי צו דעם פאַרטיידי־קונגס־מיניסטער פון לאַנד און מיט ליבשאַפט, ווי צו דעם אַלטן חלוץ

פון דער צווייטער עליה, וואָס האָט אַלע זיינע כחות אָפּגעגעבן אויף בויען ארץ ישראל. בן־גוריון איז שוין געווען ניט יונג ווען עס איז פאָרגעקומען די באַפרייאונגס־מלחמה. זיין קאָפּ איז שוין געווען גרוי. צווישן די יונגע זעלנערס און זעלנערקעס אויף די פראָנטן האָט ער אויסגעזען ווי אַ נביא, וואָס איז געקומען פירן זיין יונג פאָלק.

פון קינדוויייז אָן האָט דוד בן־גוריון מיט ליבשאַפט געטראַכט וועגן ארץ ישראל. אין דער יוגנט האָט ער געאַרבעט און געזייט די פעלדער פון ארץ ישראל. ביזן היינטיקן טאָג, פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג, טוט ער אַלץ אויף ברענגען דאָס יידישע פאָלק צום יידישן לאַנד.

די כנסת

ביי אַ זיצונג פון דער כנסת

פון לינקס צו רעכטס: ד"ר חיים ווייצמאַן, יוסף שפּרינצאַק,
דוד בן־גוריון און הרב י. ל. מימון.

. . . בדרך ארוכה הגענו עד הלום — דרך של דורות, ארצות, גלויות ונסיונות איומים — — — בהשראת בנינו שנפלו על אדמת ישראל. בהתעוררות הרצון העליון והכש־רון המתגבר והמעשה המפליא הגענו היום לירושלים עיר קדשנו, מחוז חפצנו — — — בפקודת הדורות שחלפו ולמען הדורות שיבואו נטענו היום את האילן היפה אילן עצמאות ישראל — — — נשלח את דברנו לכל פזורי האומה: שמע ישראל! עם ישראל חי וקיים והוא יקיים את תקות הגאולה, התקוה הנושנה בת אלפיים שנה!

(פון אַ רעדע פון יוסף שפּרינצאַק,
פאָרזיצער פון כנסת)

. . . דורך אַ לאַנגן וועג זיינען מיר דערגאַנגען צום היינ־טיגען טאָג, דורך דורות, לענדער, גלות׳ן און שרעקלעכע נסיונות. מיט דעם געהייליקטן וועג פון אונדזערע קינ־דער וואָס זיינען געפאַלן אויף דער ערד פון ישראל, מיט דערהויבענעם ווילן און וואונדערלעכן טאַט האָבן מיר דערגרייכט היינט קיין ירושלים אונדזער הייליקע שטאָט. אויפן אָנזאָג פון די פאַרגאַנגענע דורות און פאַר די קו־מענדיקע דורות האָבן מיר היינט פאַרפלאַנצט דעם בוים פון יידישער זעלבסשטענדיקייט. לאָמיר היינט אָנזאָגן די אַלע צעשפּרייטע און צעזייטע פון אונדזער פאָלק: שמע ישראל, הער זיך צו פאָלק ישראל! עם ישראל חי וקיים — עס לעבט דאָס יידישע פאָלק, און וועט פאַרווירקלעכן די האָפנונג פון אויסלייזונג, אונדזער האָפנונג פון צוויי טויזנט יאָר.

ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די יידישע מדינה, האָט די באַפעלקערונג פון ארץ ישראל אויסגעקליבן אַ פּאַרלאַמענט — די כנסת — וואָס זאָל באַשטימען געזעצן פאַרן לאַנד. צום ערשטן מאָל זיינען אין ארץ ישראל פאָרגעקומען אַלגעמיינע וואַלן. יעדער איינוואוינער פון ארץ ישראל האָט געשטימט פאַר דער פּאַרטיי און פאַר די מענטשן, וואָס ער האָט געוואָלט. די כנסת באַשטייט פון 120 מיטגלידער.

צווישן די הונדערט צוואַנציק חברים פון דער כנסת זיינען געווען צען פרויען.

אַ גרויסער יום טוב איז געווען אין לאַנד, ווען עס איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער כנסת אין ירושלים. דאָס איז געווען חמשה עשר בשבט, אין יאָר 1949. די איינוואוינער פון ירושלים האָבן זיך אָנגעטאָן אין זייערע שבתדיקע קליידער, און זיי זיינען אַרויס אין גאַס באַגריסן די מיטגלידער פון דער כנסת.

צו דער געביידע, וואו עס איז פאָרגעקומען די זיצונג איז צוגעפאָרן דר. חיים ווייצמאַן, דער ערשטער פּרעזידענט פון דער יידישער מדינה. אים האָבן באַגלייט צוויי פּאָליציאַנטן אויף ווייסע פערד. טויזנטער מענטשן האָבן אים באַגריסט און אויסגערופן: זאָל לעבן דער פּרעזידענט פון מדינת ישראל. נאָך אים זיינען געקומען דוד בן־גוריון, דער ערשטער פּרעמיער פון דער יידישער מדינה און אַלע אַנדערע מיניסטאָרן. עס זיינען געקומען די אויסדערוויילטע פון די קיבוצים און פון די שטעט. דאָס פאָלק האָט זיי אַלעמען באַגריסט מיט פרייד.

צו דער ערשטער זיצונג פון דער כנסת האָט מען איינגעלאַדן די אַלטע לייט, וואָס זיינען נאָך געבליבן פון די ביל'ויים, די וואָס זיינען די ערשטע געקומען בויען יידישע קאָלאָניעס אין לאַנד. מען האָט זיי אַוועקגעזעצט אויף חשובע פּלעצער און זיי האָבן באַגריסט און געבענטשט דעם ערשטן יידישן פּאַרלאַמענט.

דר. חיים וויצמאַן האָט געעפנט די ערשטע זיצונג פון דער כנסת. ער האָט גערעדט צו די יידן פון ירושלים, צו די יידן פון גאַנץ ארץ ישראל און צו די יידן פון דער גאָרער וועלט. ער האָט זיי דער־מאָנט, אַז צוויי טויזנט יאָר זיינען יידן פון אַלע לענדער עולה געווען קיין ארץ ישראל און מיט אַ סך קרבנות איז אויסגעבויט געוואָרן דאָס לאַנד. ער האָט גערעדט צו די חברים פון דער כנסת און האָט זיי געזאָגט, אַז די געזעצן וואָס זיי וועלן אַרויסגעבן זאָלן זיין גוטע און גערעכטע.

פאַר דעם פאָרזיצער פון דער כנסת האָט מען אויסגעקליבן יוסף שפרינצאַק, איינער פון די פירנדע מענטשן פון דער צווייטער עליה. ער איז לאַנגע יאָרן געווען דער אָנפירער פון דער הסתדרות, און איז געווען באַליבט ביי דער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל. יוסף שפרינצאַק איז ביזן היינטיקן טאָג דער פאָרזיצער פון דער כנסת.

אין יענעם טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער כנסת, זיינען געגאַנגען די עלטערן, וואָס זייערע זין און טעכטער זיינען געפאַלן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, און האָבן איינגעפלאַנצט ביימער אויפן זעלבן אָרט, וואו זייערע קינדער זיינען געפאַלן.

אַ סך פרייד איז געווען אין לאַנד אין יענעם טאָג, און אויך אַ סך טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן.

איינער פון די וויכטיקסטע געזעצן, וואָס די כנסת האָט אַרויס־געגעבן איז געווען, אַז יעדער ייד האָט דאָס רעכט אַריינפאָרן און זיך באַזעצן אין דער יידישער מדינה. נאָך אַ וויכטיקער געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז יעדעס קינד מוז גיין אין שולע לערנען, און די רעגירונג דאַרף אויסהאַלטן שולן פאַר אַלע קינדער אין לאַנד, יידישע קינדער, אַראַבישע קינדער און אַנדערע — וואָס וואוינען אין ארץ ישראל.

קבוץ גלויות

נייע עולים גייען אַראָפּ פון אַ שיף

אם יהיה נדחכם בקצה השמים משם אקבצם והביאותים אל המקום אשר בחרתי לשכן את שמי שם.

(נחמיה א׳, ט׳)

אויב אייערע פאַרשטויסענע וועלן זיין אין עק וועלט וועל איך זיי צונויפזאַמלען און איך וועל זיי ברענגען אינעם לאַנד וואָס איך האָב אויסדערוויילט אַז דאָרט זאָל רוען מיין נאָמען.

כה אמר ד׳ צבאות עוד יהיה במקום הזה החרב מאין אדם ועד בהמה ובכל עריו נוה רועים מרביצים צאן. בערי ההר בערי השפלה, ובערי הנגב ובארץ בנימין ובסביבי ירושלים ובערי יהודה עוד תעברנה הצאן על ידי מונה אמר ד׳.

(ירמיה ל״ג, י״ב)

און עס וועט זיין אויף דעם אָרט וואָס איז וויסט און קיין מענטשן זיינען דאָ ניטאָ און קיין רינדער — וועלן נאָך זיין דאָ וואוינונגען פון פאַסטעכער וואָס האָדעווען שאָף. אין די בערגיקע שטעט און אין די טאָלן, אין די שטעט פון נגב און אין די געביטן פון בנימין, און אַרום ירושלים, און אין די שטעט פון יהודה — וועלן דורכגיין סטאַדעס און מען וועט זיי ציילן.

ווען די יידישע מדינה איז געגרינדעט געוואָרן, האָבן זיך געעפֿנט די טויערן פֿון ארץ־ישׂראל פֿאַר אַלע יידן.

יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען שיפֿן מיט יידן צו די ברעגן פֿון יידישן לאַנד. אין די ערשטע צוויי וואָכן נאָך דער גרינדונג פֿון דער מדינה זיינען אַריינגעקומען פֿינף טויזנט יידן, עולים. די ניי־געקומענע עולים האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען יידישע פּאָליציאַנטן, יידישע באַאַמטע, העברעאישע אויפֿשריפֿטן אויף די טירן, שיפֿן מיט יידישע נעמען, און די יידישע פֿאָן אין אַ האַפֿן. אַ סך פֿון די עולים זיינען צוגעפֿאַלן צו דער ערד און האָבן זי געקושט. זיי האָבן געקושט די ערד פֿון דעם יידישן לאַנד.

נאָך די פֿינף טויזנט עולים זיינען געקומען נאָך צענדליקער און צענדליקער טויזנטער יידן פֿון אייראָפּע. די שארית הפליטה, די איבערגעבליבענע פֿון היטלערס מערדערייען. עס זיינען געקומען יידן פֿון די לאַגערן פֿון דייטשלאַנד, עס זיינען געקומען עולים פֿון פֿראַנקרייך, פֿון איטאַליע, פֿון בולגאַריע, פֿון יוגאָסלאַוויע, פֿון טשעכיע און פֿון פּוילן. זיי זיינען געווען באָרוועס און נאַקעט. צווישן זיי זיינען געווען קינדער — יתומים און פֿרויען אלמנות. עס זיינען געווען אַ סך קראַנקע, אויסגעמאַטערטע פֿון ענויים און פֿון וואָגלענישן איבער לענדער אין אייראָפּע. אָט די אַלע מענטשן האָט די יונגע מדינה באַדאַרפֿט באַזאָרגן. מען האָט באַדאַרפֿט באַזאָרגן די אַלע עולים מיט וואוינונגען, מיט שפּייז, מיט קליידער. מען האָט געמוזט בויען שפּיטעלער פֿאַר די קראַנקע. מען האָט געמוזט אויפֿשטעלן שולן פֿאַר די קינדער, און פֿאַך־שולן פֿאַר די יונגעלייט און מיידלעך. אַ גרויסע, שווערע אַרבעט האָט גענומען אויף זיך די יונגע יידישע מדינה און איר באַפֿעלקערונג.

די עולים פֿון די אַראַבישע לענדער

אין די אַראַבישע לענדער, איבערהויפּט, אין תימן און אין איראַק האָבן געוואוינט אַ סך יידן. זיי זיינען געווען זייער אָרעם און אונ-

טערדריקט. אָפטמאָל פלעגן די אַראַבער אָנפאַלן אויף זיי און צורויבן זייער פאַרמעגן. די יידן האָבן גערעדט צווישן זיך אַראַביש, אייניקע פון זיי האָבן געקענט אַביסל העברעאיש, דאַווענען און לערנען. פונקט ווי די אַראַבער האָבן זיי געוואוינט אין ענגע שמוציקע דירות און געליטן פון פאַרשידענע קראַנקהייטן, איבערהויפּט אויגן אָנצינדונג.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה צווישן די אַראַבישע לענדער און מדינת ישראל, איז די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די אַראַבישע לענדער אין תימן, אין איראַק און אין מצרים, געוואָרן גאָר גאָר ביטער. די אַראַבער האָבן געמאַכט אויף זיי פּאָגראָמען און זיי געפּייניקט.

די רעגירונג פון מדינת ישראל האָט זיך באַמיט אַריבערצוברענגען די יידן פון די אַראַבישע לענדער קיין ארץ ישראל. די יידישע רעגירונג האָט געשיקט עראָפּלאַנען און אַריבערגעבראַכט צענדליקער טויזנטער תימנער יידן. יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען יידישע עראָפּלאַנען מיט תימנער יידן אויפן לופט פעלד אין לוד. ווי גרויסע פייגל זיינען זיי געפלויגן און געבראַכט געראַטעוועטע יידן פון תימן. די תימנער יידן האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן קיין עראָפּלאַן ניט געזען פאַר די אויגן. מיט גרוים וואונדער האָבן זיי געקוקט אויף די עראָפּלאַנען וואָס פירן זיי קיין ארץ ישראל און האָבן געזאָגט, אַז מען ברענגט זיי קיין ארץ ישראל „על כנפי נשרים", „אויף אָדלערשע פליגלען". אַז אַן עראָפּלאַן איז אָנגעקומען קיין לוד, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד פון ארץ ישראל, האָבן אייניקע פון די תימנער געקושט דעם עראָפּלאַן, וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון שווערן גלות. זייער שמחה איז געווען גרוים. דוד בן-גוריונען האָבן זיי גערופן „דער מלך דוד" און מיטן נאָמען חיים ווייצמאַן האָבן זיי אָנגערופן זייערע ניי-געבאָרענע קינדער.

עס זיינען אַריבערגעקומען קיין ארץ ישראל די יידן פון איראַק, און אַ סך יידן פון מאַראָקאָ.

די יידן פון תימן און פון איראַק זעען אוים אַנדערש ווי די אייראָפּעאישע און ווי די אַמעריקאַנער יידן. זיי גייען אָנגעטאָן ווי אַראַבער און זיי ריידן אַראַביש. אַנדערע קענען אַביסל העברעאיש, דאַווענען און לערנען.

יצחק בן־צבי, פּרעזידענט פון מדינת ישראל

די רעגירונג פון מדינת ישראל האָט באַדאַרפט אָנשטעלן מענטשן, וואָס זאָלן זיך קענען מיט זיי צונויפריידן.

אין משך פון די ערשטע צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער יידישער מדינה זיינען אין לאַנד אָנגעקומען קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן יידן. זיי זיינען געקומען פון אַ סך לענדער — פון איראָפּע, פון אַזיע, פון אַפריקע.

זיי זיינען געקומען מיט שיפן און מיט עראָפּלאַנען, זיי זיינען געקומען זיך באַזעצן אין יידישן לאַנד, אין מדינת ישראל. דאָס איז געווען אַן איינזאַמלונג פון יידן פון פאַרשיידענע לענדער — קבוץ גלויות.

מען בויט נייע שטעט און דערפער פאַר די עולים

אַז עס קומט אָן אַ משפחה פון נייע עולים — דאַרף מען פאַר איר אַ דירה. מען דאַרף האָבן פאַר די מענטשן שפּייז און קליידער. מען דאַרף בויען שפּיטאָלן פאַר די קראַנקע. מען דאַרף אויפעפענען שולן פאַר די קינדער. מען דאַרף גרינדן פאַך-שולן אויף אויסלערנען די מענטשן אַ מלאכה. אַז עס קומען אָן צען משפחות — דאַרף מען בויען צען דירות.

נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל זיינען אין ארץ ישראל אַריינגעקומען יעדע וואָך טויזנטער און טויזנטער מענטשן. וואו נעמט מען פאַר זיי דירות? האָט מען געמוזט אויסבויען גאַנצע שטעט און דערפער. אָבער דאָס קען מען ניט מאַכן אין איין טאָג. וואָס האָט מען געטאָן? מען האָט אויפגעשטעלט לייוונטענע געצעלטן, און אין די געצעלטן האָט מען אויף אַ קורצער צייט באַזעצט די ניי-אָנגעקומענע, די עולים.

לעבן דער גרויסער האַפן-שטאָט חיפה, וואו עס זיינען אָנגעקומען שיפן מיט עולים, האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסן לאַגער מיט אַ סך געצעלטן. דאָרט האָט מען אַריינגענומען די עולים, וואָס פלעגן אַראָפּ-קומען פון די שיפן. אין דעם לאַגער האָט מען געמאַכט אַ קיך און עס-צימערן אויף באַשפּייזן די נייע עולים.

אַזעלכע לאַגערן מיט געצעלטן האָט מען געבויט איבערן גאַנצן לאַנד.

די רעגירונג פון ארץ ישראל האָט אויסגעגעבן הונדערטער מיליאָנען פונטן אויף בויען די לאַגערן און אויסהאַלטן די מענטשן. אָבער די רעגירונג פון ארץ ישראל האָט ניט געהאַט גענוג געלט פאַר די אַלע גרויסע אויסגאַבן. די יידן פון דער גאַנצער וועלט האָבן געהאָלפן דער יידישער מדינה. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געזאַמלט געלט און האָבן געשיקט קיין ארץ ישראל מיליאָנען און מיליאָנען דאָלאַרן. מיט די אַלע געלטער האָט מען אויסגעהאַלטן די מענטשן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין לאַנד.

אין די לייוונטענע געצעלטן האָבן די עולים געוואוינט אַ קורצע צייט. דאָרט איז געווען שווער צו לעבן. אַז עס איז געגאַנגען אַ רעגן האָט דאָס וואַסער אַריינגערונען אין געצעלט. די מענטשן האָבן זיך פאַרקילט און געליטן פון קראַנקהייטן. אַז עס איז געווען אַ ווינט — האָט דער ווינט אַריינגעבלאָזן אין געצעלט, און גאָר אַ שטאַרקער ווינט, אָדער אַ שטורעם, האָט די געצעלטן געקענט אינגאַנצן אומוואַרפן. אַ סך מאַטערנישן זיינען אויסגעשטאַנען די איינוואוינער פון די געצעלטן.

די רעגירונג פון ארץ ישראל מיט דער הילף פון די יידן פון דער גאָרער וועלט האָבן אָנגעהויבן בויען הייזער פון האָלץ און הייזער פון שטיינער. די נייע עולים זיינען אַריבער וואוינען אין הילצערנע אָדער געמויערטע הייזער. אויפן אָרט פון די לאַגערן מיט די לייוונטענע געצעלטן זיינען אויפגעקומען דערפער און שטעט.

מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, האָבן דוד המלך און שלמה המלך אויסגעבויט ירושלים. ווען ירושלים איז חרוב געוואָרן און די רוימער האָבן פאַרטריבן די יידן פון לאַנד — זיינען זיי צוויי טויזנט יאָר געווען אין גלות, צעשפּרייט איבער אַלע לענדער פון דער וועלט.

אין יאָר 1948, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן מדינת ישראל, איז ירושלים ווידער געוואָרן די הויפּטשטאָט און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער קבוץ גלויות.